STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05645

YUGNTLEKHE BLONDZSHENISHN

Moyshe Ayzenbud

Permanent preservation of this book was made possible by Mrs. Sherwin Seth Radin in memory of Sherwin Seth Radin, M.D.

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה אייזענבוד

יוגנטלעכע בלאנדזשענישן

ראָמאַן

YUGNTLECHE BLONDZENISHN
(DILEMMAS OF YOUTH)
By MOSHE AJZENBUD

בילד אויפגענומען פון בעני שטיפעל
בשעת א לעקציע אין ש"ע־שול.

הילע מאָנטירט פון פישל ראָזענבלום.

Copyright, 1973, by M. Ajzenbud

Printed by York Press Ltd., 11-19 Hoddle Street, Abbotsford, 3067
Melbourne, Australia

משה
איזענבוד

יוגנטלעכע בלאנדזשענישן

ראמאן

מעלבורן 1973

אין אָנדענק פון **לעאָ פינק** — דעם קולטור־און געזעלשאַפטלעכן טוער, וואָס האָט דערמוטיקט און אָפּגעשאַצט שעפערישקייט.

משה אייזענבוד

דערציילונגען

דזשעק הארקאווי

דזשעק הארקאווי האָט זיך נישט גערדאַרפט ערשט אַרויפאַרבעטן — נישט אויף אַ פאַרמעגן און נישט אויף אַ נאָמען — נאָך איידער ער האָט פאַרמאָגט אַן אייגענעם דאָלאַר, האָט מען אים שוין גע־שאַצט אין די טויזנטער. אויך זיין שם — ווי אַ סוחר וואָס ברענט אַ וועלט, איז אים ווייט, ווייט פאָרויסגעגאַנגען. מענטשן וואָס האָבן אים אפילו נישט געקאָנט, נאָר בלויז פון הערן געוווּסט, אַז דזשעק הארקאווי איז אויסגעקאָכט אין געשעפט. מענטשן האָבן זיך אפילו געווונטשן:

— זיינע זאָרגן, אויף מיר געזאָגט...

נאָר פון דעם אַלעם האָט נאָך דזשעק הארקאווי נישט געהאַט אויף שבת. זיך געוואָרפן פון איין מסחר צום צווייטן — אַרויס־רייסן אַ דאָלער פון לעבן איז געווען ווי שלאָגן וואַסער פון אַ שטיין. וואָרעם דאָס לעבן אַליין איז נישט געווען עפּעס אַ לעמעשקע וואָס לאָזט זיך מעלקן סתם אַזוי, ווייל דזשעק הארקאווי דאַרף האָדעווען אַ משפּחה; אונטערהאַלטן זיין גוטן נאָמען. אַן אַנדער מענטש וואָלט זיך אַזוי נישט צעריסן אין אַלע זייטן. עס וואָלט גענוג געווען פּשוט צו מאַכן אַ לעבן: צו שיקן דעם זון אין אוניווערסיטעט, ער זאָל זיך אויסאַרבעטן אַ דיפּלאָם, און פּטור אַן עסק.

אויב אַזוי אָבער — קענט איר נישט דזשעק הארקאווין.

יעדן פאַרנאַכט האָט ער געמוזט גיין מיטן אויסגעקעמטן, ברוי־נעם, האָריקן אַפגאַן־הונט שפּאַצירן. און מאָלט אייך: דער הונט אַליין האָט געהאַט אַ נאָמען אין דער געגנט. עפּעס אַ קלייניקייט: אַן אַפגאַניסטאַנער הונט, פון די ריכטיקע הינטישע אַריסטאָקראַטן. כאָטש דאָס גיין אַליין, איז שוין פאַר הארקאווין געווען אַן אָפּקומעניש.

ס׳רעדל האָט זיך ווי נישט איז געדרייט און דזשעק הארקאווי: תמיד אויסגעראַזירט; תמיד מיט אַ ציגאַר צווישן די ליפּן; תמיד

מיטן ווייסן העמד און די גאָלדענע ספינקעס און תמיד מיט א גוט־ברודערישן וואָרט פאר יעדן האָט סוף כל סוף אויפגעשטעלט זיין אייגן געצעלט. דאָס צוויי־שטאָקיקע הויז־געשעפט, מיט די ליכטיק־באַגלאָזטע ביוראָען; מיט די קלינגענדיקע טעלעפאָנען און מיט דער פריוואַטער סעקרעטאַרקע — פאר וועלכער מען האָט צוערשט געמוזט אויסלייגן, וואָס פאר עסקים מען האָט צום מיסטער האַרקאַווי, און ערשט זי האָט איינגעזען, צי מען דאַרף טאַקע מיסטער האַרקאַווין אָפּרייסן פון זיין פּאַרנומענקייט. פרעמדע, קען מען זאָגן — אָט די, וואָס האָבן בלויז געהערט פון דזשעק האַרקאַווין און זיינע אויפ־טוען — פון דעם וואָס ער האָט אָנגעהויבן פון סאַמע אונטן, כמעט פון גאָרנישט — זיי האָבן איינגעזען, אַז ס'איז טאַקע דער ריכטי־קער וועג. נאָר אייגענע, אָט די חברה־לייט וואָס פלעגן מיט האַר־קאַווין ארומפאָרן איבער די יאַרידן, און טרינקען א לחיים פון זעלבן גלעזל, און מאַכן א קערטל, ווייל עפּעס אַנדערש צו טאָן איז נישט געווען וואָס — אָט די האָבן נישט געקאָנט פאַרטראָגן דאָס, וואָס זיי רופן: דעם גאַנצן אָנשטעל — און זיך געריסן צו האַרקאַווין אין קאַבינעט אריין:

— קאַט איט אוט — האָבן זיי זיך געבעטן ביי דער סעקרע־טאַרקע, זי זאָל נישט זיין אזוי איינגעשפּאַרט — לאָז אריין אויף א מינוט, א רגעלע בלויז... ער ווייס שוין ווער מנשה איז...

אין דזשעק האַרקאַווייס קאַבינעט איז געווען שטיל. מען האָט נישט געהערט די „טראַקס" און די „פּאַרקליפּטס", וועלכע אַרבעטן אָן אָפּרו אין די מאַגאַזינען ביים אויסלאָדן און שטאַפּלען קאַסטנס סחורה, נאָר וואָס אָנגעקומענע פון פאַרט. אויפן שרייבטיש זענען געלעגן פאַר אים די אַלע פּאַפּירן, חשבונות. אויפן קאָפּ האָט ער געהאַט אַלע טואונגען, וועלכע דאַרפן אָפּגעטאָן ווערן דורכן טאָג.

— מיינע מענטשן קאָן מען געטרויען — אזוי האָט דזשעק האַרקאַווי גערעדט פון זיינע אָנגעשטעלטע. נאָר דאָס האָט אים נישט געשטערט אמאָל דריי־פיר דורכן טאָג איבערלאָזן די קלינגענדיקע טעלעפאָנען, מיטן דיקטירן די האַנדלס־בריוו און ארונטערגיין אין מאַגאַזין אריין א קוק טאָן, ווי די אַרבעט גייט אָן.

און כאָטש אויף די מענטשן האָט מען זיך טאַקע געקאָנט פאַר־לאָזן, פונדעסטוועגן האָט ער ליב געהאַט מ'זאָל זען, אַז ער איז נישט דאָרטן א קאַבינעט־זיצער:

— לאַנגזאַם, לאַנגזאַם — טו א שטופּ רעכטס! אָט אזוי! — דאָס האָט ער געלערנט דעם אַרבעטער ביי דער הויב־מאַשין ווי אזוי איינצושטעלן דעם קאַסטן אי ער זאָל שטיין ריכטיק, אי ער זאָל נישט פאַרנעמען צופיל אָרט. צופרידן מיטן אויפטו, איז ער נישט קאַרג געווען אויף א גוט וואָרט:

— אָט אזוי האָסטו עס געמאַכט ווי ס׳באַדאַרף צו זיין. אוודאי האָסטו געהירן אין קאָפּ און נישט קיין זעגעכץ. מיט „סאָוודאַסט" אין קאָפּ וואָלסטו נישט געקאָנט אַרבעטן ביי דזשעק האַרקאַווין...

אז מען וויל זיין אינגאַנצן ערלעך צו אים, מוז מען זאָגן, אז: דזשעק האַרקאַווי איז טאַקע ווען ווי געבוירן פאַר דעם, אָנצופירן א האַנדלס־פירמע. מענטשן האָבן אפילו געהאַלטן, אז ער וואָלט געקאָנט אָנפירן מיט א גאַנצן קאָמבינאַט — נאָר דאָס מוז מען שוין מודה זיין איז געווען א ביסל איבערגעטריבן. און נאָך וואָס האָט מען געשמועסט וועגן דזשעק האַרקאַווין:

— משה רבינו האָט אַרויסגעשלאָגן וואַסער פון א שטיין אין מדבר זאָגסטו — אפשר איז עס טאַקע געווען אַן אויפטו, נאָר דזשעק קאָן אַרויסקוועטשן אַן „אָווערדראַפט" ביזן לעצטן סענט — און דווקא מיט א גוט וואָרט, מיט א ציגאַר און מיט א קליין ביסעלע האַרקאַווישקייט — און ביי א באַנק־מענעדזשער וואָלט משה רבינו גאָרנישט געווען אזא אויפטוער, אפילו מיט א שטעקן...

דזשעק האַרקאַווי האָט זיך נישט וויסנדיק געמאַכט, ווען ער האָט געהערט ווי לייט רעדן פון זיינע אויפטוען. עס האָט אים הנאה געטאָן — כאָטש געוווּסט האָט ער, אז דער באַנק־מענעדזשער איז גאָרנישט אזא יאָלדישע לעבער, וואָס לאָזט זיך טרילן, ביי אים אין קאַבינעט מוז מען אויסלייגן אַלע פּאַפּירן, די ביכער — לויט וועלכע מען זעט, ווי ער פאַרזאָרגט א האַלבע שטאָט מיט סחורה — ערשט דאַן טוט דער חברהמאַן א זינג אויף א פּראָצענט אַזש עס נעמט רוישן אין די אויערן, ווי מען וואָלט זיך אַרונטערגעלאָזן אין א טיפן ברונעם און מען נעמט פילן דעם דרוק פון אויבן. וואָרעם, נאָך אַלעמען איז דזשעק האַרקאַווים קאַפּיטאַל א ביז גאָר פליסי־קער — ווי א טייך: מען קאָן עס פילן, זען, ווי עס באַוועגט זיך, אָבער אָנטאַפּן און צוהאַלטן — דאָס נישט. אין אָט דעם טייך איז דזשעק האַרקאַווי פונדעסטוועגן אַרומגעשווומען, אויב נישט ווי דער לוויתן — איז אָבער ווי א גאַנץ היפּשער פיש — און ווייל דאָס וואַסער איז געווען געגנוג דורכזיכטיק — האָבן עס מענטשן געזען

און באוווּנדערט. אפילו אין קלוב, ווּ נישט יעדער האָט א דריסת־הרגל, האָבן די אויסטראַליער וועגן אים געזאָגט:

— הי איז א בליאדי קול פיש...

דעמאָלט טאַקע האָט דזשעק הארקאַווי גענומען קוקן אויף זיך ווי אויף אן אויסטראַליער, אן אָפּשטאַמיקער פון יענע ערשטע ענגלענדער, וועלכע מען האָט מיט גוואַלד דאָ באַזעצט.

✶

אין גרויסן הויז פון די הארקאַווים, וועלכן אן ארכיטעקט האָט געבויט לויט אן עקסטראַ געצייכנטן פּלאַן און ס'האָט פאַרמאָגט צוויי באָד־צימערן און דריי טואַלעטן — האָט מייק אָפּגעקליבן פאַר זיך א קליין צימערל, מיט א לאַנג, שמאָל פענצטער וואָס האָט ארויס־געקוקט ערגעץ אויף א טונקעלן האַלץ־פּאַרקאַן.

דזשעק האָט דאָס קעמערל נישט באַמערקט. מיטן פינגער אין פּלאַן, ווּ דער ארכיטעקט האָט אָנגעוויזן האָט ער געוווּסט, אז מייקל, דער קומענדיקער אדוואָקאַט פאַרמאָגט א שלאָף - צימער, א „סטאַדי" מיט איינגעבויטע שרייב־טישן און ביכער־שענק און דערצו נאָך א „טי־ווי־רום".

ביי דזשעק הארקאַווין אין געדאַנק האָבן זיך שוין אָפּגעשפּיגלט נישט נאָר דאָס שילד אויפן קאַבינעט פון זיין זון: הארקאַווי קיו.סי., נאָר ער — דזשעק הארקאַווי, אין ווייכן פאָטעל פון זיין קלוב, מיט דער וויסקי אין איין האַנט, דעם ציגאַר צווישן די ליפּן און די נאָכ־מיטאָג־צייטונג ליגט ביי אים אויף די קני, מיטן בילד פון אדוואָקאַט, וואָס האָט נאָר־וואָס געוווּנען דעם וויכטיקן „קעיס".

און כאָטש אלע אין קלוב האָבן באַצייטנס געוווּסט, אז דאָס איז דער זון פון דזשעק הארקאַווי וואָס פירט דעם שווערן איבערייד מיטן פּראָקוראָר פאַר דער פרייהייט פון א'ניעל — דעם מאַניפּולידער מיט „שערס" — האָט יעדער געהאַט פאַר זיין פליכט צוצוגיין און סתם א פרעג טאָן:

— דזשעק, איז עס נישט אמאָל דער געניטער אדוואָקאַט דיין זון?

— שור — האָט דזשעק מיט צופרידנקייט באַשטעטיקט...

— קאָנגראַטולייישן...

און מען האָט צונויפגעקלאַפּט די וויסקי־גלעזער, געטיילט זיך מיט ציגאַרן און געקלאַפּט האַרקאַווין אין פּלייצע:

— נישט קיין וווּנדער. אַז דזשעק האַרקאַווי איז זיין טאַטע.

ווייל אַזוי זענען שוין די אויסטראַליער — אַפּילו אַ געריכט־פאַר־האַנדלונג איז ביי זיי אַ ספּאָרט־פאַרמעסט, אַ „מעטש" און זיי זענען תמיד גרייט צו וועטן, ווער וועמען ס'וועט בייקומען, און תמיד גרייט צו גראַטולירן דעם געווינער...

— —

נאָר אַז מייקל האָט געלאָזן שטיין די רייכע צימערן און זיך אריינגעבליבן אין אָט דעם ענגן אַלקער — האָט דזשעק האַרקאַווי מיט רוגזה אָנגעקלונגען צום אַרכיטעקט:

— פון וואַנען, צום טייוול האָט זיך אַזאַ לאָך גענומען אין מיין הויז אריין?

נאָר אומוואַרפן ס'הויז וועט מען דאָך שוין נישט. און מייק־לען איז דאָרטן באַקוועם געווען. אַ חוץ אַ קושעטקע, איז נאָך אָרט געווען פאַר ביכער, און אַ פּאַטעפאָן, און קודם זענען די ווענט געווען פונקט געבויט, מען זאָל קאָנען צעהענגען אויף זיי די פאַר־שידענע פּלאַקאַטן און לאָזונגען און בילדער.

ווען דזשעק האַרקאַווי האָט דאָס ערשטע מאָל אויפגעמאַכט די טיר און דערזען די בילדער גאַלעריע — האָט ער אָנגעהויבן דווקא מיט גוטן, כאָטש אים האָבן געקיצלט די הענט אַראָפּצופליקן אָט די גאַנצע כאַליאַסטרע פּנימער, פאַרקודלטע אין געדיכטע בערד און וואָנצן און פאַרוואַקסן ווי זיין זון, און אין איינוועגס אַ כאַפּ טאָן די שער, און אויך אים אָפּשערן — ער זאָל אויסזען ווי אַ שטיקל מענטש. נאָר אָנגעהויבן האָט ער מיט אַ לייכט געמיט:

— ווו האָסטו דעם „ראַביש" איינגעהאַנדלט? און צו וואָס? און וואוהין וועט עס דיר פירן?

און ווער זענען זיי — בלויז „נאָהאָפּערס"...

געוווּסט האָט ער — און אַזוי האָט ער טאַקע געזאָגט:

— איך האָב געהערט, אַז יונגעלייט אין דיין עלטער האָבן „פּין־אָפּס" אויף די ווענט — און דערוואָרט טאַקע דאָ צו זען אַ פּאָר שיינע מיידלעך, מאַכט נישט אויס, אויב זיי זענען נישט

צופיל אָנגעטאָן. דאָס איז נאַטירלעך פאַר א יונגן בחור — אָבער אַזא מין ווילדע חברה?

נאָר מייקל איז נישט נתפּעל געוואָרן פון טאַטנס רייד. אפילו א טאַטן — האָט ער געהאַלטן — שאַדט נישט א ביסל צו דערציען:

— דאָס איז מאָא־טסע־טונג — א כינעזישער רעוואָלוציאָנער; און דער, מיט פאַרוואָקסענעם פּנים איז טשע גיאַוויערא — קובאַ־נער רעוואָלוציאָנער; און דער נעגער איז מאַרטין לוטער קינג — נו, און דער פּלאַקאַט שטעלט פאָר דעם פּריוהייטס־צייכן פון „מאָראַטאָריום”.

דזשעק הארקאָווי האָט מיט כעס א וויז געטאָן מיטן פינגער אויף א באַוואָקסענעם פּאַרשוין, וואָס קיין פּנים האָט מען נישט אַרויסגעזען, נאָר בלויז האָר:

— און ווער איז דער באַסטאַרד?

און נישט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער האָט ער פאַרהאַקט די טיר הינטער זיך.

מייקל איז געבליבן זיצן אויף דער קאַנאַפּע. ער האָט געקוקט אויף די ברייט־צעוואָקסענע פינגער פון זיינע באָרוועסע פיס, און מיט איין האַנט, ווי מיט א גראַבליע צענומען די לאַנגע האָר. ער האָט גאָרנישט געטראַכט. זיין מוח איז געווען ווי א שניי־ווייס פעלד. — פּוסט און פאַרגליווערט.

נאָך א ווײַלע האָט ער זיך אויפגעוועקט פון דער פאַרגליווערט־קייט, פאַרוויכערט א פּאַפּיראָס און א זאָג געטאָן סתם אַזוי, ווייל ער האָט געוואָלט הערן א שטים אין דער שטילקייט פון צימער:

— צוויי ברידער — און צוויי יאָרהונדערטער...

✶

מייקל האָט געוווּסט, אַז זיין טאַטע, דזשעק הארקאָווי האַלט נישט צופיל פון פּעטער. און דאָך: אַז דער פּעטער קומט אַמאָל אַריין, פאַרלירט מיטאַמאָל דזשעק זיין גאַנצן אָנשטעל, און ס׳פעלט אים תמיד אויס א וואָרט. דעריבער זאָגט ער:

— ווילסט עפּעס טרינקען, מאַך אויף דעם באַר...

נאָר מענדל קאַווע — דזשעקס לייבלעכער ברודער — וואָס האַלט זיך ביי זיין אַלטן נאָמען און כאָטש ער האָט דווקא ליב א שנאַפּס, און ווייס, אַז אין דזשעקס באַר קאָן מען געפינען די פיינ־

סטע פראַנצויזישע ליקערן, און די בעסטע סקאָטישע וויסקים — ענטפערט ווי תמיד:

—נישט היינט. אַן אַנדערשמאָל.

אציגד וויים מייקל, וועט דער טאַטע אַ פרעג טאָן:

— ווי לאַנג וועסטו זיך נאָך ארומטראָגן מיט דיין אַלטן נאָמען: מענדל קאווע, און ווי לאַנג נאָך וועסטו אַרבעטן ביי יענעם?

— נו, און אַז ביי יענעם, קאָן מען נישט לעבן? מאַכט זיך מענדל אביסל פארשלאָפן, פונקט ווי ער וואָלט נישט פארשטאַנען וואָהין דער ברודער צילט.

— עך — וויים מייקל, וועט זיין טאַטע באַלד אַ זאָג טאָן — ווען איך קום אין לאַנד אריין אין דיינע צייטן, דעמאָלט האָט מען געקאָנט אויפטאָן גרויסע זאַכן...

— מיר פאַסט צו הייסן מענדל קאווע, און מיר פאַסט צו אַר־בעטן ביי יענעם און מיר פאַסט אפילו צו האָבן דזשעק הארקאווין פאַר אַ ברודער.

— מען וויים שוין דיינע חכמהלעך — טוט דזשעק אַ זאָג — טו נאָר אַ קוק אויף דיין וואָגן, די צעפּאָרענע קאַטארינקע, און אויף דיין באַנק־ביכיל, וואָס זעט אוים ווי דעם וואַסערפירערס איינגע־דאַרטע שקאַפּע.

אציגד וויים מייקל — וועט דער פעטער טאָן אַ לאַך, און וועט אַ זאָג טאָן:

— געווען אמאָל אַ פּאָעט, אַ ליטוואַק. האָט ער אָנגעשריבן אַ ליד וועגן אַ שמועס צווישן אַ מענטש אַ חכם, אָט ווי דו — מיט אַ געוויינלעכן פויער — אָט ווי איך. און דער חכם רעכנט אוים פארן פויער די שיינקייטן פון דער וועלט — נאָר דער פויער נעמט זיך דערמיט נישט איבער:

„נאָר ס'ענטפערט דער פויער: עך דורען טי דורען — וואָס איז ער דער מענטש?

אַ צעבראָכענער שאַרבן! — זיי פוצן די שטיוול און טראָגן די שניפּסלעך —

נאָר סוף כל סוף מוז מען דאָך שטאַרבן...”

אזוי פארענדיקן די צוויי ברידער דאָס געשפּרעך, און מייקלען טוט גוואַלדיק הנאה וואָס דערויף האָט דער טאַטע שוין גאָרנישט צו דערווידערן. דעמאָלט זעצט מען זיך צום טיש עסן אָוונטברויט — און דער פעטער גיסט אים, מייקלען אריין אַ פיין ביסל שנאַפּס.

*

מייקלען געפעלט ביים פעטער אין שטוב. דאָרטן זענען דאָ אזוי פיל ביכער, און מייקל איז נייגעריק און וויל תמיד דער פעטער זאָל אים זאָגן דעם אמת:

— האָסטו זיי טאַקע אלע געלייענט?

— כמעט — זאָגט דער פעטער. כאָטש ער געדענקט זיי אלע.

און נאָך עפּעס געפעלט אים ביים פעטער:

אויפן הויכן קאַמין שטייט אַן אַלט בילד, איינגעראַמט אין גלאָז. אויפן בילד זיצן מענטשן ארום א טיש. אלע האָבן זיי געדיכטע וואָנצן, שפּיציקע בערדלעך און לאַנגע האָר. זייער בליק קוקט מיט א מין פארביסענער שאַרפקייט, ווי זיי וואָלטן וועלן אדורכדרינגען דעם, וואָס קוקט זיך איין אין אים. און נאָך עפּעס זאָגט מייקלען זייער שאַרפער בליק:

— דעטערמינייישן...*

— דער — זאָגט מענדל — און ווייזט אָן אויף איינעם וואָס זיצט אין מיטן — דאָס איז דיין זיידע: לייב קאָוואַל. געווען א מוטיקער רעוואָלוציאָנער. זיך העלדיש געשלאָגן מיט די „ווייסע" גענעראַלן. אַן איינשטעלער געווען, דיין זיידע. און צוויי גאָלדענע הענט פארמאָגט...

פארגנבעט זיך מייקל צום שפּיגל, און כאַפּט א קוק און זעט עפּעס אַן ענלעכקייט צווישן אים און אָט דעם מענטשן אויפן בילד.

— מענדל, היי מענדל — פארוואָס דערציילט מיין טאַטע מיר קיינמאָל נישט וועגן זיידן?

— דיין זיידע קען אם שאָדן צו די געשעפטן. דיין זיידע האָט געהאַלטן פון מאַכן א לעבן מיט אָט די צוויי הענט — ווייזט ער מייקלען זיינע צוויי אויסגעארבעטע הענט. דער זיידע האָט געלעבט פון שמידן פערד און פויערישע אַקער־אייזנס, און האָט פיינט געהאַט... ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר דזשעק האָט דאָך אים זיך אָנגעקערט א ברודער און ער איז געווען דער איינציקער מיט וועמען ער האָט געקאָנט דערמאָנען די היים, דאָס שטעטל און אַמאָל טאַקע: לייב קאָוואַל...

* דעטערמינייישן — אַנטשלאָסנקייט.

✶

אהיימגעקומען פון קלוב איז דזשעק אָן אויפגעלייגטער. עס האָט אים הנאה געטאָן, וואָס אַלע זענען גוטברודעריש מיט אים, ווי ער וואָלט געווען איינער פון זיי — א הי געבוירענער. איידער ער האָט אויסגעטאָן דעם סמאָקינג, כדי אים אויפצוהענגען אויפן הויכן שטול, האָט ער זיך נאָכאַמאָל באַטראַכט אין שפּיגל. פון געווינשאַפט א צי געטאָן דאָס שוואַרצע שלייפעלע, וואָס האָט גע־כאַפּט דעם אָנבליק פון א שוואַרץ פלאַטערל — עס זאָל זיצן גלייך, און מיט צופרידנקייט א מורמל געטאָן:

— בלעק טאַי...

„בלעק טאַי" איז פאַר האַרקאָווין געווען מער ווי א באַשטימטע פאָרעם פון קליידונג, וועלכע מענטשן טוען אָן ביי א פּאַסיקער גע־לעגנהייט — עס איז געווען א לעבנס־פּליאַזאַפיע; א ווייטער טרוים וואָס איז ענדלעך פאַרווירקלעכט געוואָרן; אַן אַנדער אופן פון לעבן; א פּאָזיציע אין דער געזעלשאַפט, צו וועלכער ער האָט געבענקט דורך די אַלע יאָרן „דאָרטן". „דאָרטן" איז געבליבן הערשל, לייב קאָ־וואַלס זון — דאָ שטייט פאַרן שפּיגל אדם הראשון פון דעם האַרקאָווי שטאַם. דער שוואַרצער סמאָקינג; די זיידענע לאַצן און די זיידענע לאַמפּאַסן אין די הויזן; דאָס שוואַרצע פלאַטערל אויפן ווייסן העמד — וואָס ענגלענדער רופן אָן: „בלעק טאַי". דאָס איז די וואַנט וואָס שטייט אינמיטן וועג: הערשל קאָוואַלס איז געבליבן אויף יענער זייט. א נייער מענטש: דזשעק האַרקאָווי, פון גאָר א נייעם ליים געקנאָטן — אויף דער זייט. און מער וועלן זיי זיך ביידע נישט באַגעגענען...

— ווען דער שלימזל מענדל וואָלט געוואָלט פון מיר נעמען געלט, מאַכן זיך א „ביזנעס", ווערן א לייט מיט מענטשן גלייך, אָנ־טאָן א סמאָקינג, מ'זאָל זיך מיט אים קאָנען ווייזן צווישן מענטשן... דעמאָלט... אָך דעמאָלט...

נאָר דזשעק ווייס אייגנטלעך אַליין נישט — וואָס דעמאָלט וואָלט געשען. ער פילט אָבער, אַז אָט דער איינגעשפּאַרטער ברודער זיינער האַלט אים צוריק. ער לאָזט אים זיך נישט באַוועגן פאָרויס אַזוי שנעל, ווי ער וואָלט געוואָלט. ס'איז עפּעס פון „דאָרטן". א מאָנונג... א לעבעדיקער צאַפּל...

אין א גוטער שטימונג הענגט דזשעק אויף דעם סמאָקינג

אויפן הויכן שטול. ער טוט נאָכאמאָל א גלעט די זיידענע לאָצן, וואָס ענטפּערן אָפּ מיט א ליבער ווארעמקייט.

דאַן ערשט קריכט ער אַרונטער אונטער דער ווארעמער קאָלדרע און ווערט אַנטשלאָפן.

— — — — — — — — — — — — —

— יודן — דרעק — רונטער!

עס האָט מיטאַמאָל א דונער געטאָן אין די אויערן, און מיט שרעק האָט דער העפטלינג אָן א נאָמען גענומען זוכן דאָס רונדיקע קאַצעטלער־היטל —

— ראוס! האָט עס א דונער געטאָן הארט ביי זיינע אויערן און פלינק ווי א קאַץ האָט שוין דער העפטלינג זיך דורכגעגליטשט צווישן די נאַרעס און אַרויס אין דרויסן.

— מיצן אָפּ! האָט עס א הילך געטאָן. דעם העפטלינג איז קאַלט געוואָרן. אַלע אברים האָבן גענומען ציטערן. אָט דערנענטערט זיך שוין דער ס.ס.־מאַן און ער האָט נישט זיין היטל.

— יודע דרעק, ווּ האַסטו דיינע מיצע?

דער העפטלינג האָט דערפילט: ער האַלט זיין לעצטע שעה צווישן די ציין. עפּעס האָט קאַלט א ברי געטאָן זיין רוקן און ער האָט גענומען זיך צונויפקאָרטשען.

— לאופן! איז געקומען א באַפעל און דער העפטלינג האָט זיך געלאָזן מיט די לעצטע כוחות לויפן...

— אוף — פאַלן — אוף — האָט ער ווידער דערהערט דעם באַפעל צו דער מאָרגן גימנאַסטיק.

— ווּ האַסטו דיינע מיצע, דו ארשלאָך דו?!!

דער העפטלינג האָט זיך גענומען ציען איבער דער ערד ווי א וואָרעם. איבער אים די בייטש האָט אָנגעוויזן ווי אַזוי דער וואָרעם זאָל קריכן. פון נאַסן שניי איז געוואָרן א געדיכטע בלאָטע און דער העפטלינג איז אין דער בלאָטע געקראָכן אויף אַלע פיר...

ער האָט דערפילט זיין לעצטע רגע. ער האָט שוין נישט גע־קאָנט מער קריכן. די פיס זענען געליימט געוואָרן. ער האָט נאָך אַלץ זיין מיצע נישט געפונען.

— מאַמע! — האָט דער העפטלינג אויסגעשריען מיט די לעצטע כוחות...

— — — — — — — — — — — — —

דזשעק האַרקאַווי האָט זיך אויפגעכאַפּט. זיין פּידזשאַמע איז געווען נאַס, דורכגעווייקט פון קאַלטן שווייס און ער האָט אינגאַנצן געציטערט.

אים האָט זיך נישט געגלויבט אַז דאָס איז בלויז געווען איין פרימאָרגן פון זיין לעבן — וועל איך יעדע נאַכט מוזן די יאָרן איבערלעבן אויפסניי?

ער האָט גענומען אַ הייסן שפּריץ, און כאָטש ס'איז געווען ביי אים אין שטוב האָט ער לאַנג געקוקט אויפן הייסן וואַסער וואָס איז געלאָפן דורך די לעכלעך פון ניקלנעם טוש.

— הייסע וואַסער — האָט ער מיט באַפרידיקונג אַ זאָג געטאָן

— טאַקע וואַסער...

ער האָט געהאַט דאָס געפיל פון אַ צום־טויט פאַרמשפּטן, וועלכן מען האָט געשענקט דאָס לעבן.

דזשעק האַרקאַווי האָט פאַררייכערט איינעם פון זיינע ציגאַרן. אָבער ווען שלאָפן האָט שוין קיין רייד נישט געקאָנט זיין. אינס־טינקטיוו האָט ער מורא באַקומען פאַרן שלאָף.

אין הויז איז געווען שטיל, און די שטילקייט האָט געשראָקן. נישט וויסנדיק נאָך וואָס, איז ער אַריין צום זון אין צימער.

מייקל האָט געלייענט אַ בוך און נישט באַמערקט דעם טאַטנס אַריינקומען. ווען ער האָט צופעליק אויפגעהויבן די אויגן און דער־זען דעם בלייכן פאָטער, האָט ער זיך אויפגעזעצט:

— איז עפּעס געשען?

דזשעק האַרקאַווי איז שוין ווידער געווען ער.

— אַלץ איז ווי עס באַדאַרף צו זיין. איך האָב נאָר געוואָלט מיט דיר אַ שמועס טאָן. און אָנווייזנדיק אויף די אַלע בילדער צע־האָנגענע אויף די ווענט, האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— וואוהין וועט דאָס אַלץ פירן? אויף דעם האָב איך אויפ־געבויט אַ „ביזנעס" כדי דו זאָלסט אַרומגיין באָרוועס, ווי אַ שנאָ־רער, און זיך נאָך האַלטן גרויס דערמיט און נישט וועלן קוקן אין מיין זייט. עס נעמט זיך מיר דוכטן אַז דו שעמסט זיך מיט דיין טאַטן...

דזשעק האָט געזוכט אַרגומענטן, וואָס זאָלן באַווירקן מייקלען.

— מיין טאַטע האָט מיר גאָרנישט געקאָנט מיטגעבן אין לעבן...

— דו האָסט פריער דיין טאַטן קיינמאָל נישט דערמאָנט — איז מייקל לעבעדיקער געוואָרן — ביים פעטער מענדל איז דאָ א בילד פון זיידן, אָבער נישט ביי אונדז. ווי לאַנג ביזטו שוין ביים פעטער נישט געווען? — לאָזט שוין מייקל דעם טאַטן נישט אָפּ.

— דאָס בילד פון דעם אַלטן איז ווי א פּיק־האָלץ, וואָס פּיקט דיין געוויסן...

דזשעק הארקאווין איז אומהיימלעך געוואָרן פון אָט די רייד, און געדוכט האָט זיך אים אז אָט די אַלע רעוואָלוציאָנערן אויף די ווענט האַלטן מיט מייקלען, און זיי קוקן אַלע אויף אים ארויסרו־פעריש און וואַרטן אָפּ, וואָס א שטייגער קאָן ער דאָ ענטפערן.

— זעט אויס אַז דער אוניווערסיטעט האָט עס געמאַכט פון דיר אַזאַ לייט — פּרובירט דזשעק צוקומען צו מייקלען פון אַן אַנ־דער ווינקל, ווי באַקסער טוען עס אויפן טעלעוויזיע־עקראַן, פון וועלכן ער קאָן זיך אָפּט נישט אָפּרייסן. זיי זוכן צו איבעראַשן דעם קעגנער, דערלאַנגען אים אומסגעריכט.

— אָט האָט מענדל קיינמאָל אין אוניווערסיטעט נישט געלערנט און דאָך האַלט ער אַז נישט צוליב געלט אַליין לעבט א מענטש. געלט פאַרמאָגט דעם כישוף פון ענדערן דעם מענטשנס כאַראַקטער, און וועדליק דעם פעטער, וואָס קאָן דיר שוין זייער לאַנג — ביזטו אויך נישט דער זעלבער וואָס אַמאָל.

— מירן זיך קיינמאָל נישט דעררעדן — האָט הארקאַווי א מאַך געטאָן מיט רעזיגנאַציע, און פאַרויכערט א ציגאַר. — דיין פעטערס וועלט איז אונטערגעגאַנגען, ווי עס גייט אונטער א שיף — און וואָס ווילט איר פון אָט דער שיף ראַטעווען? נאָך א פּאָר פּראָזן, א געדאַנק וואָס איז נישט מער ווי א שטרוי. מען בויט וואָלקנ־קראַצערס, בעטאָנענע גיגאַנטן און איר ווינט נאָך אַלץ אין הייזלעך מיט שטרויענע דעכער — איר אומהיילבאַרע ראָמאַנטיקער...

מייקל האָט זיך באַקוועמער איינגעזעצט אין דער קאַנאַפּע. ער האָט שוין לאַנג דעם פאָטער נישט געהערט רעדן וועגן עפּעס אַנ־דעריש, אויסער „ביזנעס”. אין זיינע אויגן איז דער פאָטער מיט־אַמאָל יינגער געוואָרן, ווי ס'וואָלט גאָר זיינער א חבר געווען. גע־ווינט צו הערן פון פאָטער בלויז מסור, באַפעלן — איז אים דווקא געפעלן דער פאַרמעסט, כאָטש געוווּסט האָט ער — ער וועט דעם אַלטן נישט איבעררעדן.

— די טרוימער האָבן אָנגעטאָן דער וועלט פליגלען — און די ראָמאַנטיקער האָבן געהאַט גרויסע נשמות, וואָס האָבן געוואָלט דעם מענטשן לייכטער מאַכן ס׳לעבן.

— דאָ איז דער פּונקט ווו איר זענט פאַלש — האָט אויך אין דזשעקן אויפגעפלאַקערט אַ ווילן צו פאַרמעסט — די צייט אין וועלכע מיר לעבן, איז די צייט פון מעכטיקע מאָטאָרן, וואָס באַוועגן זיך גענוי און פּינקטלעך. גרויסע נשמות — וואָס קאָנען זיי פּראָדוצירן?

— — — — — — — — — — — — —

אין דרויסן האָט שוין געגרויט. פאָטער און זון האָבן עס נישט באַמערקט. פאַרכאַפּט אין דעם וואָרט־געראַנגל האָבן זיי אויסגעזען ווי צוויי הענער, אָנגעשפּאַרט צום קאַמף ביזן סוף.

געליבטע...

יעדער מענטש האָט זיך זיין גאַנג אין לעבן און זיין אייגענע פירונג. אפילו א גרופּע מענטשן, וועלכע באַדינגונגען האָבן צונויפגעבראַכט אויף איין אָרט, צוליב איין צוועק, נעמט זיך ביי זיי מיט דער צייט אויסטיילן אַ געוויסע רוטין, לויט וועלכער די מענטשן פירן זיך.

ביי די אַרבעטער פון דער מעטאַל־פאַבריק „קלייטאָן" האָט זיך געפירט, אַז באַלד אינדערפרי, איידער נאָך דער סיגנאַל לאָזט וויסן, אַז ס'איז צייט אָנצוהויבן אַרבעטן, צעעפנט מען די ברייטע טויערן, און אָנגעטאָן אין די בלויע קאָמבינעזאָנען, שטעלן זיי זיך אויס, און קוקן נאָך די אויטאָס וואָס פאָרפאָרן אויפן פאַבריקס־הויף. זיי זאָגן מבינות אויף די מאָדעלן, וואָס האָבן שוין אַ היפּש ביסל מיילן אָפּגעקלאַפּט אויף די ציילערס; אויף די נייע — גאָר לעצטנס אַרויסגעלאָזטע מאָדעלן מיט איינגעבויטע באַקוועמלעכקייטן און טעכנישע אויסבעסערונגען, מיט מער ניקל, שפּיגלעך. מען מוז צוגעבן: זיי ווייסן וואָס אונטערן „צודעקל" טוט זיך.

ס'איז אויך מעגלעך, אַז דאָס אָפּוואַרטן די אויטאָס איז אפשר נישט מער ווי אַן אויסרייד. ווייל אין דער זעלבער צייט קומען אויך אָן די מיידלעך וועלכע אַרבעטן אין ביוראָ פאַר אַרבעטס־פּלאַנירונג און זיי הויבן אויך אָן צוגלייך מיט די אַרבעטער — ביים סיגנאַל.

און אויף די מיידלעך, זאָגט מען אויך דאָ, ביי די טויערן, מבינות. זיי זענען יונגע, אין מיניאַטור־קליידלעך וואָס אַנטפּלעקן לאַנגע, דין־געשניצטע פיס. זייערע צעלאָזענע האָר פּלאַטערן אין ווינט, ווייל די פאַבריק „קלייטאָן" שטייט כמעט אין מיטן פעלד — און די האָר כוואַליען זיך ווי אַ צייטיק קאָרן פעלד. די באַמערקונגען וועגן די מיידלעך, וואָלט מען פונקט אַזוי געקאָנט מאַכן וועגן די אויטאָס. איינער, שוין נישט קיין יונגער מענטש, מיט אַ

שויבער גרויע האָר און צעאַקערט פּנים האָט אפילו אַרויסגעזאָגט דעם פילאָזאָפישן געדאַנק, אַז: אַן אַלטער אויטאָ איז ווי אַן אַלט ווייב — פאָרן קאָן מען נאָך, אָבער קיין פאַרגעניגן איז עס שוין נישט מער...

אַפּנים — זיי זענען געווען מבינים אויף די מיידלעך, וועלכע דאָס ראָד פון לעבן האָט אַראָפּגעכאַפּט פון שול־באַנק, אי אויף דער טעכנאָלאָגיע, וואָס האָט יעדעס יאָר אויסגעשטאַנצט מעטאַלענע געביייען פון פאַרשידנאַרטיקע פאָרמען און קאָלירן, און האָבן פאַר־כאַפּט מיט זייער סימעטריע און די איינגעבויטע פערד־קראַפט. די דאָזיקע מאַשינען אויף גומענע רייפן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעלאָזט איינצונעמען שטעט — האָבן גערייצט מענטשלעכע אַפּעטיטן, זיי צו באַזיצן...

כאָטש יעדן טאָג זענען פאַרפאָרן די זעלבע מאַשינען און זיך אויסגעשטעלט אין גלייכע רייען אויפן ברייטן הויף אויסגעשטאַטן מיט זשוויר, און יעדן טאָג זענען אויסגעשטיגן כמעט די זעלבע מיידלעך פון די אויטאָס, כאָטש יעדעס מאָל אין אַנדערע שטיוול אָדער מיט אַן אַנדער האָר־געפלעכט — זענען תמיד געשטאַנען אַרבעטער אַרום טויערן, און זיי האָבן וואַרשיינלעך תמיד געהאַט וואָס צו זאָגן וועגן דעם — וואָס זיי זעען און אויך וועגן דעם — וואָס מען זעט געוויינטלעך נישט, נאָר זיי ווייסן, אַז אַזעלכע זאַכן עקזיסטירן און דעריבער קאָן מען די אַלטע מעשה איבערדערציילן און ס'ווערט נישט צוגעגעסן, ווי עס ווערט נישט צוגעגעסן דאָס ברויט, וועלכעס מען עסט טאָג־טעגלעך.

איין טאָג איז צו דער אַלטער מעשה צוגעקומען אַ נייער דע־טאַל: אויפן הויף איז פאַרפאָרן אַן ענגלישע מאַשין מיטן אַריסטאָ־קראַטישן נאָמען: „יאַגואַר". דער אויטאָ האָט נישט געהאַט די קראַפט און עלעגאַנץ פון די מאָדערנע „יאַגואַרס", אָבער עס האָט זיך בולט אָנגעזען די לחתחילהדיקע כוונה פון זיין קאָנסטרוקטאָר — אָנזעעוודיקייט, פּרעסטיזש. איז דער אויטאָ געווען געבויט סאָליד, מאַסיוו — ממש אַ גאַנץ הויז האָט זיך באַוועגט אויף גומענע רייפן, און ווען ער האָט זיך ענדלעך אָפּגעשטעלט און געפונען זיין אָרט אין דער לאַנגער ריי פון אויטאָס — איז פון אים אַרויסגע־שטיגן אַ פרוי, נישט גאָר קיין יונגע, און ווערליק די אַנדערע מייד־לעך וואָס אַרבעטן אין דער אַרבעטס־צוגרייטונג קען מען זאָגן, אַז זי איז שוין געווען אַביסל עלטער, אַזוי קרוב אַן 28. איר גאַנג,

איר קליידונג, אַפילו איר שמיכל האָט געהאַט אַ גאָר נאָענטע שייַכות צום „יאַגוּאַרס" רעספּעקטפולע געזעצטקייט...

שפּעטער איז זי געזעסן ביים פענצטער און אָפּגעקלאַפּט קאַרטן אויף אַ קאַלקולאַטאָר־מאַשין. חברה האָבן מיטאַמאָל געהאַט אַ וועלט מיט ענינים צו דערליידיקן אין אינסטרומענטן־מאַגאַזין, און זענען דעריבער געגאַנגען אַהין און צוריק פאַרביי אָט דעם פענצטער. דער שאָטן פון „יאַגוּאַר" האָט זיך אויך דאָ אָנגעזעצט. איר אַריסטאָקראַטישער שמיכל (אויב אַזאַ איז נישט פאַראַן, האָט אים דזשודאַ פאַרמאָגט), איר צוריקגעהאַלטנקייט און דאָס נישט וועלן ענטפערן אַבי וועמען אויפן „גוט־מאָרגן", האָט אַרומגעוויקלט איר פּערזאָן אין אַ שלייער פון סודותדיקייט. אַפילו אין מערפּונקט, ווו עס קומט אָן די פּריוואַטע און שעפּטשענדיקע און פאַרטרויליכע פּאָסט צו דער קראַנקן־שוועסטער, וועלכע ווייס זייער גוט ווי עס צו באַנוצן און לאָזן אין גאַנג — אַפילו דאָרט האָט מען גאָרנישט געוווּסט וועגן דזשודאַן און דעם „יאַגוּאַר".

סיי ווי — חברה האָבן זיך גוט צוגעקוקט. אין געוויסע פרימאָרגנס האָבן זיי געזען ביים רעדל אַ מאַן, וואָס האָט געבראַכט דזשודאַן צו דער אַרבעט. אים האָט מען געשאַצט ביי אַרום 45, געוועזן אַפילו אַזעלכע וואָס זענען גרייט געווען צו וועטן, אַז ער מוז שוין זיין די גאַנצע פופציק. זיי זענען תמיד פאַרפאָרן אויפן זעלבן אָרט, געבליבן זיצן אַ ווייל און צווישן זיך גערעדט. ווייזט אויס אַז אַ פאַרפאַלק האָט וועגן וואָס צו ריידן, אַפילו ווען זיי ווינען צוזאַמען יאָרנלאַנג. איידער זי האָט אָנגענומען ס'הענטל פון טיר זי אויפצומאַכן, האָט זי אים אונטערגעשטעלט אַ קאַלטע באַק, ער זאָל קושן. דאָס איז געווען דער קוש פון אַ טאַטן, וואָס פירט דאָס קינד אין שול אַריין און גיט מיט דאָס געפיל פון אָנגעהעריקייט צו אַ משפחה; אַ קוש, ווי ער וואָלט דאָס קינד מיטגעגעבן עפּעס אָן אָנזאָג, אַז ס'איז דאָ אַן אויג וואָס זעט, און אַז מען דאַרף אָפּגעבן דין־וחשבון שפּעטער, אינדערהיים. אַז מען וויל דווקא — איז אויך אַ גראַד פון ליבשאַפט דאָ אין דעם קוש פון אַ טאַטן וואָס פירט דאָס קינד אינדערפרי אין שול אַריין, איידער ער גייט צו דער אַרבעט. דער טאַטע ווייס — ער אַרבעט און שאַפט פאַרן קינד אַ היים — און דאָס קינד פילט אין טאַטנס קוש אָט דעם טייל היים, וועלכעס עס נעמט מיט אין שול אַריין. עס פילט זיך באַשיצט. נאָר דער קוש פון אַ מאַן איז גאָר עפּעס אַנדערש. דער אופן, ווי זי האָט

אים אונטערגעשטעלט איר באַק, איז דער חברה נישט געווען צום הארצן. אויך זיי אַליין, אינדערפרי, איידער מען גייט צו דער אַר־בעט, צעקושט מען זיך מיטן ווייב, און אויב ערגעץ־ווו האָט זיך אָנגעקליבן אַ פּאַרדרוס אָדער אַן איבערייד — האָט שוין אָט דער פרימאָרגנדיקער קוש עס אויסגעפּרעסט. דעריבער האָבן זיי טאַקע איינגעזען, אַז אָט דער פרימאָרגנדיקער קוש איז צו גאָרנישט מחויב, נאָר אָט — סתם אַזוי — פון געוווינטשאַפט.

— קען זי עס נישט מאַכן בעסער? — האָבן זיי געפּרעגט מיט חוזק, נאָר אַ שטיקל פאַרדרוס איז געבליבן הינטער דעם.

— קען זי נישט אַריינלייגן אַביסל מער לעבן אין דעם קוש?

— האָט דזשאָרדזש באַמערקט און באַלד טאַקע באַוויזן ווי לעבע־דיק ער וואָלט עס געמאַכט...

די דאָזיקע אָפּקומעניש פון אַ קוש האָט שוין באַלד גענומען אויפמאַכן אַ קליין טירל אין אַ צווייטער שטוב אַריין.

— עט — האָט ווער די גאַנצע זאַך געמאַכט צו קליינגעלט

— זי האָט געהאַט אַ פּאַסקודנע נאַכט...

און דאַן האָט עריק אַ פרעג געטאָן דאָס, וואָס ביי יעדן אויף דער צונג איז עס געלעגן:

— מיט אַזאַ „יאַגואַר”, דאַרף זי דען איבערהויפּט אַרבעטן? אָדער איז עס אַן אויסרייד אַוועקצוגיין פון דער היים?

נאָר זי איז פּינקטלעך יעדן טאָג פאַרפאָרן מיטן „יאַגואַר” אויפן פאַבריקס־הויף, און דאָס רוב טאַקע אַליין, אָן דעם מאַן, האָט מען זיך צוגעוווינט. מ'איז געקומען צום אויספיר, אַז מעגלעך:

— זי דאַרף טאַקע אַרבעטן...

✶

אויפן פרישטיק־איבערייס זענען די מיידלעך געגאַנגען טרינקען טיי. דעמאָלט גייען זיי צו צוויי איבער דער מאַשין־האַליע, און דעמאָלט לויפן די מאַשינען סתם אַזוי, פון אינערציע. כמעט אַלע אויגן קוקן דאָרט, ווו זיי דאַרפן נישט קוקן, נאָר אַזאַ, ווייזט אויס, איז שוין דער שטייגער, אַז אַ מאַן, ווי אַלט ער זאָל נישט זיין און ווי זיין קענטשאַפט זאָל נישט זיין באַגרענעצט, האָט ער אַ באַדער־פעניש נאָכצוקוקן אָט די יונגע, אָנרעגנדיקע פיס, און האָבן זיינע אייגענע, אינדיווידועלע טראַכטענישן.

צווישן זיי האָט דזשודאַ אויסגעזען, ווי אַ הון צווישן הינ־דעלעך. טאַקע ווייל זי איז געווען עלטער פון זיי, איר שמייכל — דאָס שמייכל פון אַ דערפאַרענער פרוי איז געווען מער אַרויסרופע־ריש ווי אָט די פלינקע פיסלעך, וואָס זענען נאָר גאָר אויבן פאַר־דעקט מיט אַ קורץ פאַרטעכל, וואָס מ׳האָט נאָך אַלץ גערופן: קליידל. דזשודאַ איז געווען אַנדערש. אַפילו די זייטיקע קנייטשן אַרום מויל האָבן עפּעס פאַרבאָרגן. זי האָט זיך נישט גערויטלט, ווען חברה האָבן געפייפט, אויסדריקנדיק זייער התפעלות. איר אַרויסרופערישער בליק האָט דרייסט געקוקט צו די פייפער, ווי ער וואָלט פאַרמאָגט אַ גראַד שטאָל אין זיך. דער דאָזיקער בליק האָט אויך צוריקגע־וואָרפן אַ פראַגע, פון וועלכער אייניקע האָבן זיך דערפילט נישט באַקוועם און זיך באַמיט אים אויסצומיידן.

דער בליק האָט קלאָר געלאָזט וויסן:

— מיט וואָס, משטיינס געזאָגט, קאָנט איר מיר איבעראַשן?

און אַז מען וויל נישט זיין איינזייטיק, מוז מען טאַקע צוגעבן, אַז צום מערסטן האָט זיך אין דער מאַשין־האַליע געוואָרפן אין די אויגן גרויע, כמעט זילבערנע קעפּ, און צווישן זיי האָבן זיך אָפּ־געשפּיגלט אין עלעקטרישן שיין נאַקעטע שאַרבנס, ווי ביליאַרד־קוילן. דאָס זענען געווען אומצווויידייטיקע סימנים. און צוריקגע־שמועסט:

— אַ גרויען קאָפּ האָט זי דאָך אין דער היים אויך...

האָבן זיך ביידע צדדים צוגעווינט. זי — צום פייפן, וואָס איז מערסטנטייל געגאַנגען נישט אויף איר חשבון. נו — און די אַרבעטער צו איר בליק, וואָס האָט געהאַלטן אויף אַ דיסטאַנץ.

*

דער לאַנגער דזשאָן איז געווען דער סאַמע לעצטער אויף וועלכן מען האָט זיך געקאָנט ריכטן. קודם איז ער טאַקע געווען אַ הויכער, דאַרער מאַנצפּערשוין, מיט גרויע הערעלעך אַרום אַן אָנזעעוודיקן פּליך. חברה האָבן אים צווישן זיך גערופן:

— דער הייליקער דזשאָן...

און כאָטש ער איז געווען אַ הויכער, האָט מען אים כמעט ווי נישט אָנגעזען, ווייל ער איז דעם גאַנצן טאָג געזעסן ביים שרייב־טיש און געווען פאַרטאָן אין די קאַרטאָטעקן פון מאַטעריאַלן, וואָס זענען חוץ אַלעם געווען קאָפּ־פאַרדרייעניש, ער זאָל האָבן צייט זיך

אַרומצוקוקן, וואָס עס קומט פֿאַר אַרום אים. און אויב יאָ, האָט ער געהאַט געגנוג זיין אייגן ווייב און קינדער, וואָס האָבן אים אויך נישט ווייניק זאָרג פֿאַרשאַפֿט. נאָר פֿונדעסטוועגן האָט ער געוואָרפֿן אַ בליק אין דער ריכטונג, ווען ער האָט דערהערט ווי חברה פּייפֿט.

מיטאָג־צייט זענען זיי אַרויסגעגאַנגען צוזאַמען. ער האָט גע־האַלטן זיין טאָרבעלע מיט די „סענדוויטשעס", און זי דעם שליסל פֿון אויטאָ — מיט וועלכן זי האָט זיך געשפּילט. דאָס איז געווען אין גאַנצן נאַטירלעך, דעריבער האָט קיינער קיין אַכט נישט גע־לייגט, ווייל מיטאָג־צייט איז יעדער געווען צופֿיל פֿאַרנומען מיט זיך, מיט אייגענע ענינים, און יעדער האָט געזוכט אַ „ליפֿט" — מיטצוכאַפּן זיך אין „שאָפּינג־צענטער" עפּעס צו קויפֿן; אַריינכאַפּן זיך אין באַנק; צאָלן אַ רעכענונג, אָדער סתם אַזוי עפּעס אָפּצועסן, ווייל אינדערפֿרי האָט ער גאָרנישט מיטגענומען. איז דער לאַנגער דזשאָן מיטגעפֿאָרן מיט דזשודאַן — וואָס איז דער אונטערשיד.

ווי אין יעדער געזעלשאַפֿט, זענען אויך אין דער מעטאַל־פֿאַבריק „קלייטאָן" געווען מענטשן וואָס האָבן אויסער זייער גע־וויינטלעכער באַשעפֿטיקונג, צוליב וועלכער מען האָט זיי אייגנטלעך אָנגעשטעלט — גענומען אויף זיך נישט געבעטענערהייט אַנדערע פֿליכטן: אַריינצושטעקן די נאָז דאָרט וווּ מען בעט זיי נישט...

האָבן זיי עפּעס אויסגעפֿונען, איז עס באַלד אָנגעקומען אין מער־פּונקט, וווּ מען האָט אָן שום פּרעטענזיעס געקאָנט זיצן אויף אַ בענקל סתם אַזוי, ווי מען וואָלט געוואַרט אויף דער קראַנקן־שוועסטער אָדער אויפֿן דאָקטאָר — ער זאָל אויפֿנעמען.

דאָרטן טאַקע, האָט עמעצער געלאָזט פֿאַלן אַן אומשולדיק וואָרט, צופֿעליק, אַז צווישן דעם הויכן דזשאָן און דזשודאַן פֿאַר־העקלט זיך עפּעס... מ'האָט שוין באַמערקט אַז זי אַרבעט ביי זיין טיש... זיי ריידן צופֿיל. געווען אַנדערע סימנים אויך...

זייט דאַן האָט מען שוין וועגן זיי געשמועסט ווי וועגן אַ זעלבסטפֿאַרשטענדלעכקייט, און די באַצייכענונג פֿאַר זיי איז געווען אַ זייער פּשוטע און אַ ביז גאָר קלאָרע: די געליבטע...

✡

שווערע טעג האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער מעטאַל־פֿאַבריק „קלייטאָן". אויבנאויף איז אַלץ געגאַנגען ווי געוויינטלעך. נאָר די

פאַרמענער זענען געווען מער אָנגעשטרענגט, גערעדט שאַרף צו די אַרבעטער. די אינספּעקציע האָט גענומען אויף אַלץ קוקן מיט אַ פאַרגרעסער־גלאָז, און צוליב אַ טויזנטסטל פון אַן אינטש האָט זיך געטאָן חושך. אַרבעט איז געוואָרן ווייניקער, און די — וואָס פאָלגן נאָך די אַקציעס אויף דער בערזע האָבן געפונען קלאָרע באַווייזן אין דער צייטונג:

— די אַקציעס פון „קלייטאָן" האַלטן אין איין פאַלן. מען וועט זיי שוין באַלד נישט וועלן נעמען אומזיסט...

אין דער „פינאַנס רעוויו" איז געווען אָפּגעדרוקט דער באַריכט פון די דירעקטאָרן, און מען האָט באַשיימפּערלעך געזען די טויזנ־טער דאָלאַר פאַרלוסט.

די אַטמאָספער איז געווען אָנגעלאָדן מיט עלעקטריע. יעדע רגע קאָן עס נעמען דונערן און בליצן. מ'האָט אויפגעהערט פייפן, פונקט ווי די מיידלעך וואָלטן איבערהויפּט נישט עקזיסטירט. גע־בויגענע קעפּ האָבן נאָכגעפאָלגט די מעסערס, וואָס רייסן אַראָפּ דעם מעטאַל; די מאַשינען האָבן גענומען לויפן האַסטיקער, ווייל יעדער האָט זיך באַמיט אַרויסצווייזן זיין פלייס, זיין זאָרג און איבערגעגעבנקייט צו דער אַרבעט.

— געווען אַ צייט — דערמאָנט זיך לאַרי פּאָליאַר — ווען מען האָט אונדזערן אַ מענטשן געקוקט אין די אויגן אַריין. אַ גוטן אַרבעטער האָט יעדער באַלעבאָס געוואָלט איינהאַלטן. מ'האָט זיך געהיט פון זאָגן אַ העכער וואָרט. צו יעדער מינוט האָסטו אים געקאָנט הייסן פאַרשטעקן די אַרבעט... ס'האָט דען געפעלט וואָס צו טאָן?

יעדער האָט עס געוווּסט. נאָר די יאָרן האָבן זיך געלייגט ווי שיכטן ערד, איינס אויפן צווייטן און שווער געמאַכט דאָס געמיט.

— מיט דיינע גרויע האָר קאָנסטו גלייך גיין אויף פּענסיע. ווער וועט דיר אָנבאָטן אַן אַרבעט? — דאָס האָט לאַרי געזאָגט ווענן זיך, און אויך וועגן די וואָס שטייען אַרום. און כאָטש מען האָט געשוויגן, האָט יעדער סיי ווי געוווּסט אַז אַזוי איז עס טאַקע. דער דאָזיקער באַוווּסטזיין פון ווערן אַרויסגעשטויסן פון קרייז, האָט געקילט די בלוטן.

עס האָט אויף די אַרבעטער אַ ווייע געטאָן מיט יענע טרויע־ריקע דערפאַרונגען פון דער צייט, וועלכע זיי האָבן גערופן: „דע־פּרעשן".

— דער אַלטער האָט די ערד געקייט, ביז מירן געהאַט עפּעס צו עסן — דערמאָנט זיך וואָלי — פינף קינדער געווען, אַז עס איז געווען ברויט מיט דזשעם, איז געווען יום־טוב.

די צייט פון יענעם וועלט־קריזיס — „דעפּרעשן" — איז יעדן געלעגן אין די ביינער. אַצינד האָט דאָס געשפּענסט גענומען אַרויס־קריכן און ווי נישט זעעוודיקער שפּינוועבס פאַרוועבט די געמיטער. א גרויל האָט אַרומגעכאַפּט, אַז אָט אָט וועט זיך איבער דעם שפּי־נען־געוועב אַרויסלאָזן די „דעפּרעשן"־שפּין און זיי אַריינקלאַמערן אין אירע האָריקע לאַפּעס. דאָס לעבן, האָט זיך געדוכט, איז שטיין געבליבן פאַר א טויבער וואַנט... — ווי אַלט האָב איך דאַן געקאָנט זיין — פּרובירט זיך דזשאָרדזש דערמאָנען — א יאָר דרייצן, פערצן — זענען מיר געשטאַנען מיטן אַלטן אין דער ריי נאָך א טעלער זופּ מיט שטיקל ברויט, וואָס די „סאַלוויישן אַרמיי" האָט אויסגעטיילט. מיין אַלטער האָט געהאַט גאָלדענע הענט. געווען א „בריקלייער". געקאָנט אין אוויון בויען; שערן שעפּסן; זענען מיר געפאָרן צו די פאַרמער, געזוכט אַרבעט, עפּעס צו פאַרדינען. אַז מען האָט געהאַט מזל, האָט מען געבראַכט א האַלב־זעקל קאַרטאָפל אויף די פּלייצעס...

די אַרבעטער, מיט שטומע פּנימער האָבן אויסגעהערט וועגן דזשאָרדזשס „דעפּרעסיע" טעג, און די אייגענע דערפאַרונגען, אָפּ־געשטויבט אין זכרון, האָבן זיך א שטופּ געטאָן פאַרויס.

דער פאָרמען „בלו" — דער רויטהאָריקער ביל האָט אומעטום געשטופּט די נאָז און געזוכט חסרונות אין דער אַרבעט. עפּעס איז אים מיטאַמאָל קלאָר געוואָרן זיין אייגענע אומזיכערע לאַגע: — אַז מען וועט די מענטשן „סעקן" — צו וואָס דאַרף מען א פאָרמען? ווידער — טאָמער וועלן די דירעקטאָרן איינזען מיין נוציקייט?

און נישט וויסנדיק אייגנטלעך וואָס מיט זיך צו טאָן, איז ער געלאָפן פון מאַשין צו מאַשין.

איבער דער פאַבריק איז געהאָנגען א נעפּל, וואָס האָט ווי אַן אַקסיד, א זשאַווער זיך איינגעגעסן אין די מענטשן. די אומזיכער־קייט האָט געריי‏צט, און דאָך געוועקט א שיין פון האָפענונג:

— אפשר מיר נישט...

בעני, דער איינציקער ייד אין פאַבריק האָט מיטאַמאָל דער־פילט, אַז אָט:

— אזא געפיל האָבן געווים געהאַט די יידן אין געטאָ, ערב א סעלעקציע...

נאָר פאַר ווענען דאָס אויפצוקלערן האָט ער נישט געהאַט, אָבער פון אָט דעם באַוווּסטזיין איז אים נאָך שווערער געוואָרן, און די הענט האָבן זיך איבערהויפּט נישט גענומען צו דער אַרבעט.

דער דערוואַרטער טאָג איז געקומען. דאָס האָט מען געזען לויט אַלע סמנים. דער קאַסיר האָט אַרויפגעטראָגן דאָס קעסטל מיט די קאָנווערטן אין זאַל, ווו מען צאָלט געוויינטלעך אויס, כאָטש ער איז נישט געווען דער נאָרמאַלער „פּיי־דעי". אַרום דריי נאָך מיטאָג האָט דער פאָרמען גענומען גיין פון אַרבעטער צו אַרבעטער. מיט אַ פּאָר טעג צוריק וואָלט עס געמיינט, אַז מען וועט אַרבעטן „אָווער־טיים". אָבער אין דעם טאָג האָט מען געוווּסט וואָס עס באַדייט. אין קאָפּ האָט ער געהאַט דעם גאַנצן פּלאַן פון דעם, וואָס עס קומט פאַר און פאַרשפּאַרט זיך די טרחה פון אויסלייענען נעמען. די הענט האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט. די מאַשינען זענען שטיין געבליבן. מען איז געווען אין מיטן פון דער סעלעקציע. פאַר די אַרבעטער פון דער מעטאַל־פאַבריק איז עס געווען „בלעק פריידאי".

✶

מאָנטיק פרי האָט די פאַבריק אויסגעזען ווי אַ שטאָט נאָך אַ מגפה. דוכט זיך אַלץ איז געווען ווי פריער — נאָר די מענטשן האָבן געפעלט. טרויעריק זעען אויס מאַשינען, וואָס באַוועגן זיך נישט. זיי דערמאָנען אין לעבן, וואָס איז פאַרגאַנגען. נאָר ווייל די געבליבענע מוזן ווייטער אָנגיין מיט זייער אַרבעט, האָבן אַ פּאָר מאַשינען ווידער געלאָזט הערן זייער שטים פון צאָן־רעדער און שניידן פון מעטאַל.

ערשט דאַן, ווען די פאַרבליבענע האָבן אָפּגעעטעמט פרייער, און ווייל אַ געוווינשאַפט ווערט אַ צווייטע נאַטור, האָבן זיך ווידער די אַרבעטער געשטעלט ביים טויער, אין דער פריער פרימאָרגן שעה.

דעמאָלט האָבן זיי זיך געכאַפּט, אַז מען זעט שוין נישט דער „יאַגואַר" זאָל פאַרפאָרן אויפן הויף. ביים פענצטער, ווו דזשודאַ איז תמיד געזעסן, איז עפּעס ליידיק. אפילו דער „הייליקער דזשאָן" איז נישטאָ.

— עפּעס האָט זייער פעלן נישט קיין פאַרבינדונג מיט אָפּזאָגן מענטשן — אַזוי האָט באַמערקט אַ גרויער ענגלענדער, מיט אַ ביסל

א געבוויגענער פּלייצע פון יאָרן זיין איבערגעבויגן איבער דער מאַשין, און מיט אַ שאַרפן בליק פון הינטער שווערע אויגן גלעזער.

— קען זיין, מעגלעך — האָט מען אים צוגעגעבן גערעכט, ווייל קיינער האָט אייגנטלעך קיין באַשטימטעם נישט געהאַט צו זאָגן וועגן דעם.

ביז איינער, וואָס האָט באַזוכט דעם מעדפּונקט, איז דער־גאַנגען וואָס איז פאָרגעקומען. דאָרט, ווו מען שטוקעוועט צוזאַמען שטיקלעך געשעעניש, האָט מען טאַקע אויסגעוואָרט צו זען, ווען די זאַך וועט פּלאַצן.

און געווען איז עס אַזוי:

דזשודעס מאַן האָט באַמערקט בלויע צייכנס אויף איר נאַקן, וואָס זענען זייער ענלעך געווען צו דעם, ווי ציין וואָלטן זיך איינ־געביסן אין ווייכן פלייש. כאָטש דזשודאַ האָט אַלץ פאַרזיכערט דעם מאַן, אַז דאָס האָבן מאַסקיטן איר אַזוי צעביסן. נאָר ער האָט זיך געקאָנט אויף די זאַכן. נו, און אפשר האָט זי זיך אַרויסגעכאַפּט מיט אַ וואָרט? נו, איז דער מאַן, אָנשטאָט גיין צו דער אַרבעט, פאַרפאָרן גלייך אין ביוראָ, און געמאַכט דעם ריכטיקן סקאַנדאַל...

די פאַבריק־סירענע האָט זיך צעפּייפט, און די אַרבעטער האָבן זיך געלאָזט צו די מאַשינען.

— צי נישט די נשמה — האָבן זיי זיך געבעטן — מאַך עס קורץ.

— נישטאָ וואָס צו מאַכן קורץ — האָט אַרטור פאַרענדיקט — ס'איז דערגאַנגען צום דירעקטאָר. ווייניק צרות האָט מען דאָ אָן זיי — און כדי עס זאָל ביי קיינעם קיין ספק נישט בלייבן, וועגן גורל פון די געליבטע, האָט ער אַ זאָג געטאָן:

— מ'האָט זיי אַרויסגעהאַקט...

א טשעקאווער בחור...

דער בוכהאַלטער גאַרין איז פון דער נאַטור אויס אַ מענטש אַ געלאַסענער, אַ רואיקער, אַן איבערגערעכנטער — און ס'קאָן טאַקע זיין, אַז צוליב דער נאַטור זיינער איז ער געוואָרן אַ בוכהאַלטער. אַזוי אַלנפאַלס שמועסן מענטשן וועגן אים. און אַ שם איז ווי אַ וויג — מען וויגט איינעם איין, און דערביי בלייבט עס. און ווייל מענטשן גייען אויס נאָך אַ ביסעלע רכילות, האָבן זיי אויך אויף גאַרינען געפונען אַ שפּרענקעלע. ער איז טאַקע גוט־ברודעריש מיט אַלעמען, נאָר צו דער ליטעראַרין פון דריטן צעך שמייכלט ער — איין שמייכל צופיל. כאָטש קיין סכנה אין דעם איז נישטאָ. וואָרעם גאַרין איז נישט נאָר אַן אָפּגעהיטענער בוכהאַלטער, נאָר ער וועט אויך נישט פאַרזען זיין פרוי, וואָס איז געווען כמעט אין איין עלטער מיט אים. נאָר פונדעסטוועגן האָט זיך געלייגט אויפן שכל (אַלע קרומע זאַכן לייגן זיך גלאַטיק אויפן שכל) אַז די ליטעראַרין פון דריטן צעך — וואָס אחוץ דעם וואָס זי פאַרמאָגט אַ דיקע, מענערישע שטים (צוליב דער שטים טאַקע האָבן זי חברה אַ נאָמען געגעבן: מאַדאַם שאַ־ליאַפּין) פאַרמאָגט זי אַן ערך מער ווייבלעכקייט, ווי גאַרינס פרוי. אַזאַ וויכטיקן פּרט איז שווער אַרויסצולאָזן פון חשבון, ווען מען נעמט באַרעכענען די מאָס פון ווייבלעכקייט — געמאָסטן מיט די בליקן פון אַ מאַן.

יעדעס מאָל, ווען מאַדאַם שאַליאַפּין קומט אַריין אין קאַנטאָר מיט עפּעס אַן ענין צום בוכהאַלטער גאַרין, טוען זיך די קעפּ פון די אַרומיקע טישלעך אַ הויב אויף — נישט צו הויך, בסך־הכל אפשר אַן איטש־צוויי, און די פּענעס הערן אויף צו סקריפּען. דעמאָלט שפּיזן זיך אָן אויערן צו הערן, וואָס צווישן אָט די צוויי ווערט אָוועקגערעדט. נאָר גאַרין ווייס נישט דערפון. איז אַלץ וואָס מען הערט פון אים, איז: אַ יאָ, יאָ. אָדער: אַהאַ, אַזוי... ווי ער וואָלט גאָר מיט עמעצן גערעדט אויפן טעלעפאָן. פון דעם אַליין איז שוין קלאָר, אַז צווישן

אַט די צוויי איז דאָ אַ געהיימער צייכן אַזאַ, און אַז זיי פאַרשטייען זיך שוין. מען האָט אפילו אַ ווינק געגעבן צו גאַרינען וועגן אַט דער דאָזיקער מאַדאַם שאַליאַפּין טאַקע — אַז זי איז זיך דאָרטן אַזוי זיך... מ׳וויים שוין... און גאַרין האָט אַ שמייכל געטאָן ווי אַ גוט־דערצויגענער מענטש, וואָס וויל זיך נישט האַלטן זייטיק און האָט אפילו אַ ווינק געטאָן מיטן אויג, ווי ער פירט זיך ביי לייטן ווען מען רעדט פון אַט די זאַכן. אַ פינטל מיטן אויג און אַ צוק מיט די ברעמען זאָגן עדות, אַז מען איז אַ מבין.

ביי זיך האָט ער אַ טראַכט געטאָן, אַז די לייטעריין פון דריטן צעך איז ווערט מען זאָל אין איר טיפער ארייננקוקן...

געקומען אהיים, האָט זיך גאַרין באַפרייט פון קראַוואַט; פון וויסן העמד און פון שמייכל. עס האָט אים געטאַטשעט אַן אַלטע ווונד, וואָס פאַרהיילט זיך קיינמאָל נישט. ערגעץ ווו אין זיך האָט ער דערפילט אַ באַדערפעניש פאַר אַ שאַרפן טרונק, כדי אינעווייניק צו לעשן דאָס גריבלעניש. נישט שייך זיך אליין אָפּצוזאָגן אַזאַ געפעי־ליקייט, וואָס איז ממש געווען אַ רפואה. דער ברי פון די עטלעכע גלעזלעך האָבן אין אים גענומען צעשמעלצן דעם אייז־גליוועך. פון זיך אליין האָט די שטים אַ וויבריר געטאָן, און ער האָט זיך געכאַפּט, אַז דאָס זינגט זי אויס דעם וויטאָג פון דער ווונד. דאָס ליד, ווי די ווונד איז אים געבליבן פון דאָרטן.

ס׳קומט אים אויס:

דאָס ליד איז איינגעגעסן אין אים. דאָס ליד איז צוליב אים פאַרפאַסט, און זיי ביידע: ער און דאָס ליד זענען שוין פאַרקנסט ביז אין דער אייביקייט אריין.

„ניט פאַר מיר — זינגט דער סאָלאָווײ,
„דער טייך — צעגיסט זיך מיט דימענטן,
„דאָן נעמט דאָס האַרץ גאָר פריילעך שלאָגן,
אַזאַ מין לעבן איז ניט פאַר מיר...
און פאַר מיר?
פאַר מיר איז דאָ דאָס פאָלקסגעריכט,
פאַרמשפט האָט ער מיר —
אויף יאָרן דריי — סיבירער...

און צום סוף, ווען גאַרין זינגט וועגן קאַנווי, וואָס באַגלייט אים אין וויטן סיביר — כאַפּט ער זיך, אַז דאָ — אין אויסטראַליע,

ווי ער לעבט שוין זייט יאָרן, דאַרף ער זיך פאַרן קאַנווי מער נישט שרעקן. גיסט ער זיך אָן נאָך א גלאָז, און האָט הנאה דערפון, כאָטש איננאַנצן זיכער ביי זיך איז ער נישט...

✶

אין איינעם א זומער איז גאַרין אָנגעקומען אין לאַנד — אין פשוטע, לייוונטענע הויזן — אָן וואַרצלען; אָן בלעטער: א נאַקעטער שטאַם. ער האָט זיך דאָן אוועקגעלאָזן מיט א קאָנטראַקטאָר אויפ־שטעלן פאַרצוימונגען, וואָס זאָלן אָפּהיטן די פעלדער פון שפּרינגנ־דיקע קאַנגורן וועלכע צעפרעסן און צעטרעטן די תבואה. די צוימען פאַרהיטן אויך פּאַשענדיקע סטאַדעס שעפּסן פון די דינגאָ־הינט, וואָס ווילדעווען אַרום אין בוש און הרגענען יונגע שעפּסן, געווען יונג נאָך דאָן, און געוואָלט אָן אָטעם טאָן מיט די אויסטראַלישע ברייטקייטן.

עס איז געווען אָן אויסגעשטערנטע נאַכט ביים לאַגער־פייער, אויפן ראַנד פון בוש. חברה האָט שוין געהאַט אויסגעשפּרייט די מאַטראַצן אין די געצעלטן; שוין אויסגעוואַשן דאָס בלעכענע קעס־סעלע ווו מ׳האָט געקאָכט טיי — דאַן האָבן זיך באַוויזן: א באַ־וואַקסענער בחור, מיט א קודלאַטן, שטויביקן הונט. זיי האָבן איבער־געגעבנטיקט אינדרויסן, ביים פייער — און זענען געבליבן.

דער בחור האָט דווקא געקאָנט האַלטן א האַמער אין האַנט. געוווּסט זיך צו באַנוצן מיטן קילאָף. אַריינגעשלאָגן א שטאַנג ווי ס׳באַדאַרף צו זיין. נישט אָפּגעשטאַנען ביי דער אַרבעט, און נישט ביים ביר טרינקען. נאָר אָן אומרו איז אין אים געזעסן — אַזוי טראַכט גאַרין — אָן אומרו וואָס האָט זיי ביידן דאָן דערנענטערט — און אפשר גאָר צעטיילט? דאָס פאַלט אים איין אַצינד. ווי ס׳זאָל נישט זיין: סיי ווי גוטע ברידער געווען. דער בחור האָט געהאַט א האַרץ אויף דער וועלט. אַזוי דווקא, א בחור אָן אייגענער, פון ראַזיאַנער קאַנט. נאָר עפּעס פּרעמדלעך. געהאַט זיין אייגענעם גאַנג. און תמיד האָט ער געהאַט וואָס צו זאָגן אי וועגן זיך און אי וועגן דער וועלט. נאָר סיי ווי האָט זיך גאַרין צופיל נישט דערוווּסט וועגן אים אליין. נישט ווייסנדיק פאַרוואָס, האָט ער יענעמס רייד פאַר־צייכנט אויף פּאַפּירלעך. (אפשר האָט אים געצויגן צו דער פּעדער?) נאָכער האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז אין דעם

בחורס געדאַנקען איז אויך דאָ זיין חלק. א שטיק אייגענע איינזאמקייט איז פאַרגורלט אין די פּאַפּירן. היט ער זיי אָפּ. און ווען דער אומעט נעמט אים דריקן ווי מיט צוואַנגען, זוכט ער רו אין בחורס רייד.

„אַן ארומשלעפּער בין איך". אויף אַלץ האָבן אינטעליגענטן אויסגעטראַכט א וואָרט, ווי דער זין פון לעבן וואָלט באַשטאַנען נאָר פון אויסטראַכטן וווילקלינגעוודיקע ווערטער. היים איך ביי זיי: א וואַגאַבונד. מיין חשבון מיט דער וועלט: פּונקט ווי איך גיי נישט אָן דער וועלט — אזוי גייט די וועלט מיר נישט אָן. דעריבער גיי איך נישט אין די פוסטריט פון דער וועלט. מיין הונט הייסט טרעמפּ. דאָס איז שוין אַן ענגלישער נאָמען, מחמת דער הונט איז א היגער. ער איז א שאָפּן־הונט, שוואַרץ־ווייס געפלעקט און פּינטלט טיילמאָל נאַריש מיט די אויגן — אָבער ער איז זייער קלוג. און ווי איך, האָט ער זיין אייגענע מיינונג וועגן דער וועלט.

אז מיר גייען אויף קיניגלעך־יאַגד כאַפּט ער איינעם און עסט אים גאַנץ פּאַוואָליע אויף, דאַן א צווייטן — און שוין. ער האָט גענוג. כאָטש איך דערמונטער אים צום יאַגט מיט מיין ברומענדער שטים און דערקלערט אים, אז א הונט איז א הונט און ער דאַרף נישט תמיד טראַכטן נאָר וועגן דער פרעס נאָר אויך וועגן ספּאָרט — רירט ער זיך נישט פון אָרט. ער האָט זיינס באַקומען, און מער איז אים די וועלט גאָרנישט שולדיק. ער האָט איניקע שטריכן פון מיר: צו קוקן אויף דער וועלט, ליגנדיק אויסגעצויגן אין גראָז. פון דער פּאָזיציע זעט די וועלט גענוג דערטרעגלעך אויס. כאָטש מיר זענען כמעט איינס, האָב איך נאָך נישט באַוויזן צו דערגיין: זענען עס איינגעבאָרענע אייגנשאַפטן, אָדער: איז עס מיין איינפלוס...

ווער קוקט דען אויף מיר? וואָס איך אליין זע: מיין אויסערלעכקייט פּאַסט זיך צוזאמען מיט מיין נאָמען. מיינע הויזן זענען אויסגעצויגן אין די קני און זענען רונד, בייכיק. דער אויסגעריבענער רעקל פאַרמאָגט אַראָפּהענגענדיקע לאַצן, ווי די אויערן פון מיין הונט. עס איז אויך היפּש פארפלעקט. אַמאָל טראָג איך א רויטגעקעסטלט קאָוובאָי־העמד, און א קאַפּעלוש, וואָס פאַלט מיר איבער די אויגן. וואָרעם דער פאַרמער, וואָס האָט מיר אים געשענקט, האָט עס געקויפט אויף זיין מאָס, און נישט אויף מיינער. זייער אָפּט רוען מיינע הענט אין מיינע טאַשן. מיין קערפּער וויגט זיך ביים

גיין, ווי א מאַטראָז — כאָטש איך בין נישט מער ווי איין חודש אין מיין לעבן געשווומען אויף א שיף, און דאָס דווקא — ווי אַן אַנשטענדיקער פּאַסאַזשיר.

דורך די יאָרן פון מיין ארומשלעפּעריי האָב איך נישט געפונען קיין זין אין לעבן. איבער אייראָפּע האָב איך געוואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט; פון לאַגער צו לאַגער. דאָרט האָב איך צוזאַמענגעוווינט מיט פאַרשיידענע מענטשן. געבווירענע בראָדיאַגעס און סתם שלעפּער. אַנגעטראָפן אינטעליגענטן וואָס האָבן פילאָזאָפירט ארום זייער פירעכץ; זייערע טואונגען. אָ, דאָס איז נישט געווען סתם אזוי, אָט ווי איך און אַנדערע. זיי האָבן אויסגעמוחט טעאָריעס, וועלכע דאַרפן אַלץ וואָס זיי טוען און זאָגן — באַרעכטיקן. זייערע געזעצן זענען געווען פון זייער באַקוועמלעכקייט ווענן. ביי זיי איז אויסגעקומען, אז די געזעלשאַפט איז אַלט, און אירע איינשטעלונגען — פאַרשימלט. זיי — נאָר זיי פאַרמאָגן דעם ריכטיקן רעצעפּט, נאָר דערוויל וויל אים קיינער נישט איינגעמען. קאָן זיין, אז די דאָזיקע לייט זענען געבוירן צו פרי, אָדער צו שפּעט. נאָר ביי מיר איז רעכט — אז דאָס איז צום גליק פון דער מענטשהייט. לעבנדיק מיט זיי, יאָרן אויף דער זעלבער נאַרע (אויך אין סיביר, ברודערקע, זענען געווען לאַגערן) און כאָטש די זעלבע פליי האָבן אונדז געביסן — האָב איך פון די דאָזיקע לייט גאָרנישט געלערנט. ווייל מיין קאָפּ איז שוין פול געווען מיט מיינע אייגענע וועלט־רעטערישע געדאַנקען, און ס'איז מיר געווען א שאָד מיט זיי זיך צעשיידן. צו די דאָזיקע דערקענטעניש בין איך געקומען אָן מוח־גריבלעניש. זיי זענען אין מיר אויפגעקומען אין גאַנג פון יאָרן, און מיין אייגענע הויט איז געווען דער פּאַרמעט, ווו דאָס לעבן האָט עס פאַרקריצט.

איך און די נאַטור. דאָ, ברודערקע, פילט זיך מיין נשמה, ווי א פויגל אין וואַלד. ווי א כלל האָב איך ליב די פרייהייט, וואָס האָט אין זיך א ביסעלע הפקרדיקייט, אזוי מיין איך. אָבער זייטיקע רעכע־נען, אז דאָס איז גאָר אומגעהובלטקייט. אויף וויפל איך געדענק מיין קינדהייט: די עלטערן האָבן פּרובירט מיר ארייננפּאַסן אין לעבן מיט א לעדערנעם רימען, נאָר דאָס ווייזט אויס — איז זיי נישט געלונגען.

איך האָב אפילו חתונה געהאַט. געוואָלט אויף מיין וואַגאַבונ־דישן גייסט, וואָס פאַרמירט מיין קוק אויף דער וועלט, ארויפציען א צוים. ווי דאָס מעטאַלענע צוים, מיט וועלכע מען צוימט דאָס

פרייע פערד. אָבער נישט אויסגעהאַלטן. דאָס פרייע פערד האָט זיך נישט געלאָזט פאַרזאָטלען.

און אַז מען איז פאַרליבט אין דער נאַטור — מוז מען דען ליב האָבן קינדער און בלומען? דאָס קאָן איך נישט וויסן אויף זיכער. איך האָב עס אַ פּאָר מאָל גענומען דערקלערן מיין הונט: טרעמפּ. דורך רעדן צו אים — אפשר וועל איך עס אליין נעמען פאַרשטיין. איך האָב תמיד געזוכט צו דערגיין דעם עיקר אין אַלצ־דינג. אָבער טרעמפּ האָט נאַריש געפינטלט מיט די אויגן, געטריבן מיטן עק די זלידנע פליגן, אָדער געזוכט פליי אין זיין פעל. דאַן האָב איך פאַרשטאַנען: אַ בים פון אַ פליי איז נענטער צום לעבן, ווי די לאָגישע, גייסטיקע דערקלערונגען. דעמאָלט האָב איך אויפ־געגעבן די האָפענונגען צו געפינען אַ דעפיניציע פאַר די ווידער־אַנאַנדן וואָס זיצן אין מיר.

כ'האָב אויסגעטאָן מיין העמד; געלאָזן דעם נאַקעטן קערפּער זיך וואַרעמען אויף דער זון, און אויך אָנגעהויבן זוכן פליי. נאָר פונקט דעמאָלט, גוטער ברודער, האָב איך נאָך געהאַט אַ ווייס העמד, אַ זויבערס, ווי עס טראָגן געוויינטלעך לייטישע בירגער...״

גאַרין האָט אָנגעגאָסן נאָך אַ גלעזל. אַצינד איז אים לייכטער געוואָרן. ער איז נישט מער אליין אויף דער וועלט. סוף־כל־סוף מאַכן מענטשן דאָך שלום מיט זיך אליין, און מיט די גריבלענישן וואָס נודטעווען. עס האָט זיך אים נאָך אַלץ געדוכט, אַז דער פאַר־וואָקסענער בחור רעדט עס צו אים, און ער טוט עס פאַרשרייבן. נאָר אַז ער האָט זיך געכאַפּט, אַז דאָס רעדט ער צו זיך אליין, ביי זיך אין צימער — ברייט צעלייגט אין באַקוועמען פאָטעל, ערשט דאַן האָט ער אַ שמייכל געטאָן, אַ זאָרגלאָז מענטשלעכן, און אַ זאָג געטאָן: — אַ טשעקאַוועך בחור געווען — ווי גאָט איז מיר ליב — אַ טשעקאַוועך...

א פראגע־צייכן...

דער זשורנאַל האָט געדאַרפט גיין צום דרוק אין א וואַסערע צוויי וואָכן ארום, און לעווי האָט צוגעזאָגט אָנצושרייבן, ווי תמיד — א דערציילונג. ער איז געווען א מיטאַרבעטער, אויף וועלכן מען קאָן זיך פאַרלאָזן, און דעריבער האָט קיינער אים נישט געמאָנט, נישט באַמיט זיך אויסצופרעגן: ווו ער האַלט, נישט געגעבן אָנצור־הערן אפילו. און דווקא אצינד האָט לעווי זיך געניייטיקט, נישט אזוי ווייט אין אן עצה, ווי אין א ווונק, א געדאַנק. אלץ וואָס ער האָט געדאַרפט איז געווען א פאַרהעקל — און דאָס רעשט האָט שוין זיין מוח אליין אויסגעשפונען; פאַרקניפּט און אויפגעקניפּט סיטואַציעס און צו דער מינוט איז עס געווען גרייט צו גיין אין דרוק מיט אַלע אַנדערע מאַטעריאַלן, מיט וועלכע עס איז געווען אויסגעפילט דער זשורנאַל.

ער האָט זיך דערפילט אין די קורצע הייזלעך פון יענעם בחורל פון גאַר, גאַר אמאָל, וואָס האָט געוואָלט ווערן א שניידער. דער שכן זייערער האָט ברייטהאַרציק איינגעלאַדן דעם זעקס יאָריקן בחור, וואָס איז געקומען באַוואָפנט מיט א נאָדל און א פינגערהוט אפשר דריי נומערן צו גרויס. דער שניידער האָט אים אוועקגעזעצט אויבן אָן, אָפּגעריסן א שטיק פאָדעם און אים מכבד געווען מיטן ערשטן שניידערישן כיבוד: — נאַ בחור, פעדעם איין...

און לעווי האָט נישט געקאָנט איינפעדעמען. אָט ווי איצט. אין קאָפּ האָבן די געדאַנקען ווי בינען געזשומעט. יעדעס געדאַנק־בין האָט זיך וואָס גיכער געוואָלט באַפרייען פון האָניק — נאָר ס'האָט געפעלט עמעצער, וואָס זאָל דאָס אויסיידערן. האָבן עס אַלע אויס־געלאָדן אויף איין אָרט. האָט זיך באַקומען א געדיכטע קלעפּיקייט, פון וועלכער לעווי האָט נישט געקאָנט ארויסציען קיין איין קלאָרן געדאַנק, וואָס זאָל זיך ווי א גוטער סיראָפּ אָפּזעצן מיט געשמאַק אויפן גומען.

די שרייב־מאַשין האָט גערולדיק געוואַרט. מחמת לעווי האָט קיינמאָל זיך נישט איבערגעגעבן דער מאַשין. ער האָט ליב געהאַט צוערשט אויפצושרייבן זיינע געדאַנקען אויפן פּאַפּיר. דערפילן א נאָענטקייט צו די אותיות — אַן אינטימע באַהעפטונג דורך דער טואונג פון באַשאַפן. עס איז נישט געווען די אַלטע שפּיל פון טע־פער און דאָס ליים. וואָרעם וויפל פיינקייט די פינגער פון טעפּער זאָלן נישט פאַרמאָגן, און ווי איינפאַלעריש זיי זאָלן זיך נישט צע־שפּילן אויפן ליים — קומט לעווייען אוים — ווערט באַשאַפן א טאָפּ אָדער א קרוג — און אפילו דער שענסטער קרוג איז נישט מער ווי א ליימיק באַשעפעניש.

לעווי האָט זיך מיט דער דינקייט פון דער פּען געוואָלט אריינ־קריגן אין א פינצטערן ווינקל, און אָנצינדן דאָרט א ליכט. ער האָט גערעכנט, אז פון דעם צונויפקום צווישן פּעדער און פּאַפּיר — ווערט באַשאַפן לעבן.

✶

דאָס פּאַפּיר איז געבליבן ווייס, אין איר בתולהשאַפט, און לעווייען האָט געפעלט דער כוח עס צו באַפרוכפּערן. נישט ווייסנדיק וואָס צו טאָן מיט דער פּעדער, האָט ער אויפן פּאַפּיר אָנגעצייכנט א פראַגע־צייכן. דאָס האָט אייגנטלעך אָפּגעשפּיגלט זיין געמיט. א צושטאַנד פון אומשעפערישקייט. געדאַכט האָט זיך אים, אז דאָס איז נישט סתם א מעכאַנישער צייכן, וואָס זיין שרייבמאַשין שלאָגט אוים אויפן פּאַפּיר, ווען עס דריקט אוים עפּעס וואָס עס ווייס נישט, אָדער א פראַגע, נאָר אז דער פראַגע־צייכן פאַרמאָגט אין זיך מענטשלעכע וואָרעמקייט. א סימן פון לעבן. ער האָט אריינ־געפירט א פּאַסיקל דאָ און א האַלב־קרייז דאָרט. לעווי איז ווייט געווען פון פאַרמאָגן כאָטש א פונק פון א צייכענער. דאָך האָט דער פראַגע־צייכן אויף אים א קוק געטאָן מיט די שטיפערישע אויגן פון א מיידל און דער לאַנגער אויסגעבויגענער פּוס — ווי איר געפלאָכטענער צאָפּ.

— קלאַראַ! האָט לעווי ווי מיט א פרעמד קול אויסגערופן אין דער אליינקייט פון צימער, און ארויפגעלייגט דערויף זיין האַנט. עס איז געווען דאָס געשריי פון כישוף־מאַכער, וועלכער דער־שרעקט זיך אליין פאַרן גייסט, וועלכן ער האָט אויסגערופן. אין דער

זעלבער רגע אָבער, האָט ער צוריק אַוועקגעכאַפּט די האַנט, אויס מורא, ער זאָל מיט דער שווערקייט פון זיין אויסגעהאָרעוועטער, ביינערדיקער האַנט נישט דערדריקן אָדער גאָר חלילה אומברענגען דעם צאַרטן שמייכל פון קאָפּ, וועלכער האָט אַצינד שעלמיש געוווּנקען צו אים און געחנדלט זיך פון הינטערן געפלאָכטענעם צאָפּ, וואָס האָט פאַרשטעלט אַ טייל פון איר פּנים — — — — — — —

— — — — — — — עס איז געווען דער ווייטער זומער פון זיין יוגנט. די נאַכט האָט געשמעקט מיט געשניטן היי; מיט קילער פייכטקייט, וואָס האָט געצויגן פון די אַרומיקע פעלדער; עס האָבן געקוואַקעט פרעש, זייער אייגענעם געזאַנג. דער לבנה־סערפּ האָט זיך ווי אַ שיפל געוויגט אויף די וואָלקנדיקע כוואַליעס. די באַנק — צוויי קלעצלעך פאַרזעצט אין דער ערד, און פאַרבעט מיט אַן אָפּגעהובלט ברעט איז ווי אויסגעוואָקסן הארט ביי דער וואַנט, הינטער וועלכער אירע עלטערן זענען געווען פאַרזונגען אין געזונטן, פויערישן שלאָף. ער איז געזעסן מיט קלאַרען אויפן באַנק, נאָכן לאַנגן שפּאַציר איבער די נאַכטיקע גאַסן פון שטאָט, וואָס האָט זיי דערפירט אהער — אויפן גרענעץ צווישן שטאָט און דאָרף. באַרקע איז געווען שטאָט — און קלאַרע — דאָרף. דעריבער איז וואָס? זיי האָבן מיט אָפּעטיט געגעסן גרויסע שטיקער שוואַרץ, אליין געבאַקן ברויט מיט פּוטער, וואָס קלאַרא האָט אַרויסגעבראַכט — און לאַנגע, גרינע ציבעלע רערן, וואָס זיי אַליין האָבן נאָר וואָס אָפּגעריסן אין גאָרטן.

קלאַרע — אַ צעבליטער בוים האָט געשמעקט מיט צוויט, מיט נאַכטיקער סודותדיקער קילקייט; מיט פרישׁ געשניטן היי — און מיט גרינע ציבעלע. זיי האָבן געגעסן און געלאַכט און געפילט די נאָנטע וואַרעמקייט פון זיצן ביינאַנד. איר געפלאָכטענער צאָפּ איז אַריינגעפאַלן צווישן זיי, און זי האָט אים, מיטן שאָקל פון קאָפּ פּרובירט אַריבערצווואַרפן צוריק אויפן פּלייצע. ביידע האָבן געלאַכט, ווייל דער צאָפּ האָט מיט יעדן וואָרף געטראָפן באַרקען אין פּנים, און ער האָט אים געמוזט אַראָפּשאַרן, און עס אַליין אַרויסגעלייגט אויפן פּלייצע, ווו זיין האַנט האָט זיך אַ ווײַלע פאַרהאַלטן. איר קילקייט האָט געבריט זיינע פינגער. אַליין מיט איר נאָענטקייט אין דעם נאַכטיקן אַרום, האָט אויפגעטויכט אין אים דער ווילן זי אַרומצונעמען, צודריקן צו זיך און דערפילן ווי עס פּולסירט עפּעס אומבאַוווּסטעס וואָס ציט צו...

ווייזט אויס — אין איר איז אויך עפּעס פאָרגעקומען. איר

געלעכטער האָט זיך אָפּגעהאַקט. איר כּלומרשט־מידער קאָפּ האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין זיין אַקסל. באַרקע האָט דערפילט דעם צאַפּל פון איר האַרץ, ווי ס'וואָלט אינעווייניק, אין איר בלוזקע זיך גע־וואָרפן א גאָלדן קאַרעסל. געוויס, ווען דער גאָלדענער קאַרעסל וואָלט זיך געוואָרפן דאָ, אויפן טויאיקן גראָז, וואָלט ער עס געטאָן א כאַפּ מיט ביידע הענט און צוגעהאַלטן. אָבער ווי כאַפּט מען א גאָלדן פישל וואָס וואַרפט זיך דאָרטן, הינטער קלאַרעס בלוזקע?

אין אים האָט זיך עפּעס גענומען ענדערן. מיטאַמאָל האָט א שטייפקייט גענומען אָנציען זיינע הויזן, און ער האָט זיך דער־פילט אומבאַקוועם. אים האָט זיך געדוכט אַז אָט די פולסירנדיקע שטייפקייט וועט דורכרייסן די הויזן־שטאָף, און וועט אים פאַר־שאַפן חרפּה מיט דער אָנטבלויזטער נאַקעטקייט. ער האָט געמוזט פאַרלייגן א פוס אויף א פוס, כּדי מיט דער אייגענער שווערקייט איינהאַלטן דאָס אויפשטייגן... קלאַרע האָט זיך נאָך נענטער איינגע־טולעט אין אים, ווי א קינד, וואָס נורעט זיך איין אין דער מאַמעס שויס. זי האָט אַפילו אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זיין קני. באַרקע האָט א צאַפּל געטאָן:

ווייס זי וואָס אין אים קומט פאָר?

ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, ווי ער וואָלט שוין געזוכט הינטער ווערטער. זיין וואָרט זאָל אים אַרויסראַטעווען פון דער אומבאַקוועמ־לעכקייט, כאָטש ערגעץ ווו האָט עס געוואָלט עס זאָל אָנהאַלטן. אָבער קלאַרעס דרימלדיקער קאָפּ איז געלעגן אָנגעשפּאַרט אָן אים, און ער האָט זיך נישט געטרויט דאָס מויל אויפצומאַכן.

אַצינד האָט ער דערפילט ווי ס'בריען אים די שלייפן, דער קאָפּ. די ליפּן טריקענען.

— וואָס וויל קלאַרע? שלאָפט זי? מאַכט זי זיך שלאָפן? זאָל ער פּרובירן כאַפּן דעם גאָלדענעם קאַרעסל?

ער איז אַצינד געווען ווי די ברייטע אָזיערע, בשעת די האַרב־סטיקע רעגנס. מיט יעדער רגע איז די אָזיערע פולער געוואָרן, זיך געריסן פון די ברעגן

— זי ווערט געשוואָלן פון וואַסער — האָבן מענטשן מיט זאָרג געקוקט, ווי דאָס שטילע וואַסער נעמט דראָען מיט געפאַרן.

— ווי קען אַן אָזיערע געשוואָלן ווערן? באַרקע האָט עס איצ־טער געפילט. אין זיין אייגן בלוט. אויך אין אים נעמט זיך אַלץ הייבן, זוכנדיק א וועג צו באַפרייען זיך פון צופלוס.

— די שלוזן, די שלוזן, — לויפט אים אָן א געדאנק. ווייל פון איבערפלוס פון דער אָזיערע, דערמאָנט ער זיך, קאָן מען זיך באַפרייען, דורך אויפמאכן די שלוזן ביי דער וואסערמיל.

ווען באָרקע האָט דערפילט א דרוק אין אלע אברים, ווי ער אליין וועט אָט דאָ באלד ארויסשפרינגען פון זיין אייגענער הויט, און וועט זיך א וואלגער טאָן אין דעם פייכטן גראָז, וועלנדיק זיך ראטעווען פון דער היץ אין אים — האָט עס מיטאמאָל א שפּאר געטאָן, ווי עמעצער וואָלט אויפגעמאכט פארבאהאלטענע שלוזן... און באָרקע האָט זיך באפרייט פון דרוק, און א מידע, אָנגענעמע רואיקייט האָט פארביטן די פריערדיקע רוישיקע שפּאנונג...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

*

לעוויי האָט א גלעט געטאָן מיטן האנט דעם נאקעטן שארבן, אויף וועלכן ס'האָבן צופּעליק, ווי אין מדבר נאָך א רעגן — גע־שפּראָצט עטלעכע פארגעסענע האָר. זיין בליק איז נאָך אלץ געווען פארהעקלט אין דעם פראגע־צייכן — וואָס איז געווען ענלעך אויף קלארען פון יענעם ווייטן זומער, און פון דעם ערשטן, מענלעכן אויפרודער...

און אפשר איז עס געווען דער נישט פארענטפערטער פראגע־צייכן פון זיין לעבן?

קיין דערציילונג האָט לעוויי דעם אָוונט נישט אָנגעשריבן...

יוגנטלעכע בלאנדזשענישן

ראמאן

— — — — — זיי האָבן נישט געהאַט קיין פּאַרטיקע מאָסן...

זיי זענען געווען יונגע מענטשן, וועלכע האָבן געזוכט צו דער־גיין דעם סוד פון לעבן אויף זייער אופן; מיט אייגענע וועגן. זיי האָבן פּרובירט אַליין אויסצוטרעטן דעם וועג פון דערפאַרונג.

דורך די אומוועגן וואָלטן זיי געווים דערגאַנגען צום באַוווּסט־זיין פון קענען פאַרנאַנדערקלייבן צווישן שפּיל און ווירקלעכקייט, ווען דאָס לעבן וואָלט זיי געגעבן צייט דערויף.

צווישן די פּאַליוסן פון טרוים און נאַקעטער ווירקלעכקייט איז פאַרביי אַ יוגנט. און ווי יעדער יוגנט — האָט זי געמאַכט פעלערן; זיך פאַרפּלאָנטערט און אינצווישן — געבענקט. געפּרוּווט מיט די פליגלען פון טרוים אָנרירן דאָס אויפגעוואַכטע געפיל, וועלכעס זיי האָבן אָנגערופן: ליבע.

צו שעפּן פון קוואַל פון דערפאַרונג — די לעבנסדערפאַרונג פון אַ יוגנט וועלכע רייפט מיטן נאַטירלעכן וועג פון עלטער, איז זיי נישט באַשערט געווען.

זיי זענען פאַרשניטן געוואָרן אינמיטן פון טרוים און פון בלאָנדזשעניש.

בלויז אַ דינע וויברירונג איז געבליבן, וואָס לאָזט נישט רוען און מאָנט צו פאַרצייכענען די וואַקלדיקע, אומזיכערע טריט פון אַט די יוגנטלעכע בלאָנדזשענישן...

קאַפּיטל איינס

צוריק אהיים

דער שלעף־צוג, אַן אַלטער „מאַקסים״ מיט ברייטע פּאָלקעס, וועלכע האָבן פאַרנומען מער ווי אַ העלפט פון וואַגאָן — איז אַרויס־געקראָכן אַרום האַלבע נאַכט פון דעפּאָ, כדי דורכצופאָרן די פופציק קילאָמעטער, וועלכע האָבן ביידע באַן־קנופּן פאַרנאַנדערגעטיילט.

מיט דעם צוג איז דער שילער פון דער טעכנישער שול — ליפּע שאַפּירא געפאָרן אהיים, אויף זומער. ער איז געלעגן אויסגע־צויגן אין דער לענג פון דער האַרטער נאַרע, דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף דער קאַרזינע וואָס האָט זיך צוגעמאַכט מיט אַן אייזערנעם פּרענט און צוגעשלאָסן מיט אַ שליסל. עס איז געווען איינע פון יענע שטרוי־געפלאָכטענע קוישן, וועלכע רוסישע מענטשן באַנוצן אויף זייערע רייזעס, כדי דאָרט צו האַלטן ס׳געפּעק.

דורכן פענצטער האָט אַריינגעבלאָזן אַ וואַרעם יוני ווינטל און ווייל דער צוג האָט זיך לאַנגזאַם געשלעפּט — האָבן זיך באַוויזן אַריינקריגן ריחות פון נאַר וואָס געשניטענער קאָניטשינע. דאָס האָט אים דערמאָנט, אַז ער דערנענטערט זיך צו זיין היימשטאָט.

זיינע אויגן, מיד פון דער לאַנגער רייזע, האָבן זיך געקלעפּט, אָבער שלאָפן האָט ער נישט געקענט. ביי זיינע זיבעצן יאָר איז ער נישט געווען צופרידן מיט זיך. צופיל האָפענונגען האָט זיין טאַטע פאַרבונדן מיט זיין לערנען, און וויפל מאָל ער האָט זיך נישט געפרוּווט אָפּגעבן אַ חשבון דערפון; זאָגן זיך אַליין מוסר, האָט זיך דאָס יינגלישע אין אים נישט געלאָזן אונטערדריקן און אויספּאָלגן. לייענט ער אין געדאַנק אַ זייטל פון העפט, וואָס ליגט פאַרפּאַקט צווישן די העמדער אין דער קאַרזינע. וואָרעם זינט ער האָט איבער־

געלייענט „קאַסטיאַ ראַבצעווס טאָג־בוך”, האָט ער אויך באַשלאָסן צו פאַרצייכענען זיינע געדאַנקען אויפן פּאַפּיר:

„אינדערהיים דערעסן זיי נישט, און שיקן מיר געלט איך זאָל קענען צו עפּעס דערגרייכן. אַזוי דער טאַטע, די מאַמע; אַזוי דער ברודער און דאָס שוועס־טערל. זע — האָט דער טאַטע געזאָגט, ווען ער האָט מיר מיט אַ יאָר צוויי צוריק געבראַכט אין דער גרויסער שטאָט, כדי צו לערנען אין אַ טעכנישער שול — זע ווי שווער עס קומט אונדז אָן זיך דורכצושלאָגן, ווייל מיין טאַטע האָט נישט פאַרשטאַנען אַז אַ מענטש דאַרף האָבן זיין אָרט אין לעבן. אַ בעל־מלאכה האָט געמיינט — פאַרשעמען די משפחה”.

דער טאַטע האָט גערעדט צו ליפּען, ווי צו אַ דערוואַקסענעם מענטשן, וועלכן מען שיקט אַרויס אין אַ וויכטיקער שליחות. עפּעס האָט אים דאַן געקלעמט אין האַלדז, ווי צום וויינען, און אַ פייכט־קייט איז אים געקומען אין די אויגן. דאָס לערנען איז אים נישט אָנגעקומען לייכט. פון די ביכער האָט ער אַלץ באַנומען — אָבער די אַרבעט אין זיינע הענט האָט זיך נישט געקלעפּט; עפּעס האָט ער געהאַט צוויי לינקע הענט. אנטקעגן טאַטנס אָנזאָג האָט ער אויפגעשריבן:

„דער קאָפּ אַרבעט, אָבער נישט די הענט. די אַלע טיילן וואָס מען דאַרף מאַכן מיטן פייל, קומען אַרויס נישט גלייך. ביי די אַנדערע, אָט ביי כאַניעלע משה־דודס, באַקומט זיך עס אַזוי נאַטירלעך. איז עס דערפאַר וואָס ער איז אויסגעוואַקסן צווישן שרובסטאַק און קאָוואַדלע?

די קייט צו וועלכער יעדעס דור האָט צוגעשמידט אַ רינג: אַ רב, אַ דיין, אַ רבנישן איידעם, אַ סוחר — לאָזט זיך נישט איבערייסן. דעם פּיאַנער קומט קיין זאַך נישט אָן לייכט. אפילו דער טאַטע, וואָס האָט בלויז גייסטיק זיך דורכגעבראָכן, איז אָבער געבליבן אין זיין סביבה אויף דער מדרגה פון אַ פירער, אַ דעה־זאָגער און שליח־ציבור. אַראָפּלאָזן זיך ביז צום לעצטן שטאַפּל פון אַן אַרבעטער, זיך אויסמישן מיטן פּשוטן פאָלק — עס איז טאַקע אַ גלייכע זאַך — ווען מען באַ־טראַכט עס פון שטאַנדפּונקט פון געוויסן, אָבער די מוס־

קולן ווילן נישט נאָכפאָלגן דעם דאָזיקן גאַנג; עס פעלט
די הענט די דורותדיקע מאָזאָליעדיקייט. נאָר ווי דער־
קלערט מען עס דעם טאַטן ? !"

ליפע איז נישט געווען אינגאַנצן זיכער, אַז דער דורכפאַל
זיינער איז פארבונדן מיט זיין אומפעאיקייט. ער נעמט צוזאַמענ־
בינדן די געשעענישן פארן לעצטן יאָר. אָט איז דער גרויסער זאַל
פון דער טעכנישער שול. דער לערער, פסח בעקער רעדט קעגן דער
באַטייליקונג פון די שילער אין פּראָטעסט־שטרייק נאָכן פּאָגראָם
אין פשיטיק — אין יאָר 1936. דער זאַל איז פול, ביז איבער די
ברעגן. קען ליפע איינזיצן רואיק? ער באַמיט זיך. אָבער אינעווייניק
אין אים ברויזט עס, ווי אין אַ דאַמף־קעסל. יעדעס מאָל ווען דער
לערער איז שוין זיכער אַז די שילער פאָלגן נאָך זיין גערדאַנקען־
גאַנג, שיסט דער קעסל אויס אַ וואָלקן דאַמף, הינטער וועלכן עס
פארשווינדט די לאָגיק פון לערער.

צומאָרגנס איז די שול ליידיק. די שילער דרייען זיך אַרויף
און אַראָפּ איבער דער ברייטער גאַס, צוזאַמען מיט די אַרבעטער.
און נישט בלויז זיין שול. אָט לאָזט ער זיך מיט אַ שילער־דעלע־
גאַציע כדי צו באַווירקן די אַנדערע טעכנישע שולן, זיי זאָלן
איבערייסן די לימודים. דעמאָלט האָט זיך ליפע שאַפּירא נישט פאַר־
טראַכט: צי וועט מען מיר דאָס שענקען? — ער איז געווען זיכער
— אַז נישט.

און ער פאַרצייכנט אין טאָג־בוך:

„מיר זענען געווען דאָרט — ווו מיר האָבן גע־
דאַרפט זיין".

די פרימאָרגן קילקייט נעמט אים אַ דורך, און ווישט אָפּ דעם
שלאָף פון די וויעס. ליפע שטעלט זיך ביים פענצטער. פאַר זיינע
אויגן שוועבן פאַרביי שטרויענע דעכער פון פויערישע כאַטעס,
פערד מיט גלאַנציקע פעלן, נאָס פון דער בייַנאַכטיקער ראָסע, וואָס
זעען אין מאָרגן־שיין אויס ווי ברוין־לאַקירטע; אַ זאַמדיקער וועג
וואָס פאַרלירט זיך צווישן גרינע פעלדער און דער שוואַרצער זוים
פון וואַלד, וואָס שניידט זיך איין אין בלויען האָריזאָנט.

די באַמערקונגען וועלכע ער האָט פאַרצייכנט אין מינוטן ווען
ס'זענען אים באַפאַלן ספקות און מיט וועלכע ער האָט זיך גע־
שמיסן אין די נאַכטיקע שעהן אויף דער האַרטער פּאָלקע — דאָס

אַלץ האָט דער אויפגייענדיקער טאָג אויסגעוואַשן פון זיינע געדאַנ־קען. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף דער וועלט מיט די אויגן פון אַ זיבעצניאָריקן בחור.

א חוץ דעם חשבון מיטן טאַטן, האָט ער נאָך געהאַט אַ שטיקל חשבון מיט זיך אַליין. אַזוי לאַנג ווי ער האָט געענטפערט אויף בריוו — איז די זאַך געגאַנגען גלאַטיק. פון שעוועס בריוו איז ער געוווּיער געוואָרן וואָס עס טוט זיך ביי חברה, און פון קריינעס בריוו — תמיד דאָס, וואָס שעווע האָט פאַרשוויגן. אויב ער האָט ווען נישט איז אַריינגעוואָרפן אַ זייטיק וואָרט אין אַ בריוול, אַ וואָרט וואָס לאָזט זיך אויסטייטשן, האָט ער פונדעסטוועגן נישט געהאַט קיין באַזונדער געפיל צו קיין איינע פון זיינע חברטעס. פאַר אים איז עס געווען נישט מער ווי אַ שפּיל פון ווערטער. דאָס שרייבן בריוו אַליין איז געווען אייגנטלעך אַלץ, וואָס ס'האָט ליפען אַריינגעצויגן. קריינעס בריוו — אָט ווי זי אַליין: אַ דאַרע מיט בלאָנדע צעפּ, זיך תמיד איילנדיק, ווי אַן אומרו וואָלט איר גע־יאָגט. אַזוי זעיען געווען די אותיות — שפּיציקע, דאַרע און אין איילעניש אָנגע־זאָרפּן. זי האָט מיט קיין וואָרט נישט פאַראַטן, אַז זי האָט וועלכע נישט איז פּרעטענסיעס אויף געפילן, כאָטש אין די זומער־נעכט האָבן זיי לאַנג שפּאַצירט צוזאַמען הינטערן אַלטן בית־עולם, האַלטנדיק זיך פאַר די הענט.

שעוועס שריפט — ווי זי אַליין: אַ קיילעכדיקע, מיט רונדע גלידער, געלאַסן, אירע שוואַרצע צעפּ פאַרלייגט ווי בייגל הינטער די אויערן. מיט אַ שעמעוודיקן, נישט דרייסטן שמייכל אַרום מויל. דער דאָזיקער שמייכל האָט אַנטפּלעקט ברייטע, זאַפטיקע ליפּן און טיילמאָל אַפילו — ווייסע ציין.

איידער ליפע איז געפאָרן אין דער גרויסער שטאָט זיך לערנען, זענען זיי אָפט אַרויסגעגאַנגען זאַלבעדריט: צוויי חברים און שעווע. נאָר ליפע האָט זיך שטענדיק געפילט ווי אַן איבעריקער. שעווע און זייטשיק זענען געווען עלטער פון אים, און כאָטש ער האָט פון זייערע געשפּרעכן, דורכגעוואָרפענע ווערטלעך פאַרשטאַנען דעם זין, האָבן זיי אין אים קיין אָפּקלאַנג נישט געפונען.

שול־חברים, האָט ער שעווען אָנגעשריבן אַ בריוול, פון לאַנג־ווייל וועגן און אַזוי, נישט ווילנדיק האָט זיך פאַרבונדן דאָס איבער־שרייבן. נאָר אַז דער זומער האָט זיך צעלייגט איבער די וועלדער אַרום דער גרויסער שטאָט, איבערן טייך מיט די געדיכטע איירן

— דעמאָלט האָט זיך ליפּע געכאַפּט אַז אין שרייבן בריוו איז נישט פאַראַן קיין זין, און ס'איז אויך אַ שאָד די צייט, וואָס ער פאַרלירט דערויף. וואָרעם שרייבן צו צוויי מיידלעך איז איבערהויפּט קיין טאָלק נישט. סוף כל סוף קען עס אים צו עפּעס פאַרפּליכטן. האָט ליפּע בכלל אויפגעהערט שרייבן.

אין זיין טאָג־בוך איז וועגן דעם געווען אַזאַ געדאַנק:

„פּאַפּירענע ווערטער רייד איך — און זיי זאָגן גאָרנישט. אַ שמועס ביים צעבראָכענעם בריק אין אַלטן פּאַרק — פאַרענטפערט אַלע בריוו".

דערביי האָט ער שטיפעריש אַ טראַכט געטאָן:

— די צוויי חברטעס וועלן זיך סיי ווי דערציילן וועגן באַקומענע בריוו, נאָר פאַר זיך וועט יעדע טראַכטן: צו איר שרייבט ער, און צו מיר נישט. געוויס האָט זי עפּעס אָנגערעדט אויף מיר...

נאָר ליפּע האָט אַצינד, ביי זיינע זיבעצן יאָר, אַנדערש געקוקט אויף דער גאַנצער זאַך. דער טאַטע, די שולע, די חברטעס האָבן זיך אים געפּלאָנטערט אין קאָפּ און פון דעם אַלעם האָט ער געהאַט בלויז פאַרדראָס אויף זיך אַליין — פאַרוואָס ער קען נישט אַרויסשפּרינגען פון דעם אַלעם. אָט ווי אַ הונט וואָס שפּרינגט אַרויס פון וואַסער און טרייסלט זיך אָפּ...

דער צוג האָט אַרויסגעלאָזט אַ לאַנגן פייף. דאָס האָט ער מיט טריאומף אָנגעזאָגט די אַלע אומגלויביקע וואָס האָבן קיין צוטרוי נישט געהאַט צום אַלטן „מאַקסים", אַז ער קען טאַקע דורכפאָרן גאַנצע פופציק קילאָמעטער און אָנקומען צו דער צייט.

פאַר ליפּע שאַפּיראָ האָט עס באַדייט: אָט איז ער שוין אין דער היים. אין דער רגע איז אים אויפן געדאַנק געקומען אַ שורה פון אַ בוך, ווו דער העלד, וואָס קען זיך קיין עצה נישט געבן מיט די מאַטערנדיקע פּראָבלעמען — האָט עס איבערגעלאָזט צו דער צייט:

— די צייט לייזט אַלע פּראָבלעמען...

— ב —

דער זאַמדיקער טראַקט האָט געפירט פון שטעטל אַרויס צום אַלטן פּאַרק, ווו צופוסנס פון די הונדערטיאָריקע ביימער איז זיך רואיק געלעגן די אַזיערע.

שעווע מיט ליפען זענען געגאַנגען איבער דער שמאָלער סטיעזשקע ביים ראַנד פון וועג. דער וואַרעמער זומער־טאָג האָט אויסגעטריקנט די זאַמדן און דער וועג האָט זיך געשטויבט. זיי זע־נען געגאַנגען צום וואַסער זיך באָדן. דאָס איז געווען ליפּעס איינפאַל:

— מ'וועט אַריינכאַפּן אַ שווים אין די היימישע וואַסערן!

שעווע האָט נישט קעגן דעם, כאָטש זי האָט נישט געהערט צו די שווימער. די געלעגנהייט האָט איר אָבער אויסגעזען פּאַסיק אַ שמועס צו טאָן וועגן די זאַכן וואָס האָבן זיך ביי איר אָנגעקליבן. שוין היפּשע עטלעכע וואָכן זינט ליפּע איז צוריקגעקומען און ס'וואָלט כדאַי געווען אויפצוקלערן די געשיכטע מיט די בריוו. נאָר ביז היינט איז עפּעס צו אַזאַ שמועס נישט געקומען. זי האָט גע־פּרוּווט אָנדייטן, אַרויסבאַקומען אַ וואָרט, נאָר ליפּע קומט אָפּ, ווי אַ מאָל, מיט חכמהלעך.

— שוין צייט דו זאָלסט ווערן אַביסעלע ערנסטער — האָט זי אים געמוסרט. — ביסט שוין נישט מער קיין קינד...

— ווער? איך? — האָט ליפּע נישט געוואָלט נאָכגעבן — מיינסט אַוודאי אַז ס'איז אַזוי גוט צו זיין אַ גרויסער, אַ דערוואַק־סענער? וואָס, עס ברענט?!

זי האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ וואַרעמקייט, און ליפּען האָט זיך געדוכט אַז אַזוי וואָלט געדאַרפט קוקן אַן עלטערע שוועסטער, ווען ער וואָלט אַזאַ געהאַט.

דער וועג האָט זיך פאַרנומען באַרג־אַראָפּ צווישן די צוואַק־סענע טאָפּאָלן. שניטער האָבן אויף די פעלדער היי געשניטן.

— איז וואָס האָט פונדעסטוועגן זייטשיק געזאָגט אויף די בריוו? — האָט ליפּע געפרעגט, ווי ער וואָלט אָנגעהויבן אַן איבער־געריסענעם געשפּרעך.

— קריינע האָט אים אַלץ דערציילט...

— נו? — האָט ליפּע געפרעגט, כדי אָנצוהאַלטן דעם פאָדעם.

— אַז איך האָב סיי ווי נישט געוואָלט מער מיט אים גיין...

— זאָל זיין אַז ס'איז טאַקע אַזוי — האָט ליפּע נישט נאָכ־געלאָזט — און ווי ווייט איז שוין זיין פריינדשאַפט מיט קריינען?

— פון וואַנען זאָל איך וויסן? — האָט שעווע ברוגזלעך געענטפערט — איך גיי זיי נישט נאָך.

ס׳איז איר נישט געווען צום האַרצן וואָס ליפּע פרעגט אַלץ אויס וועגן קריינען.

— עפּעס רעדסטו מיר, פּונקט ווי נישט קיין היגע — דאָס האָט שוין ליפּע געזאָגט סתם אַזוי, כדי נישט שולדיק צו בלייבן קיין ענטפער.

ליפּע האָט אין די פּאָר וואָכן באַנומען, אַז דורך די צוויי יאָר וואָס ער איז דאָ נישט געווען, זענען אַלע עלטער געוואָרן. אויף די שפּאַצירן, ווי ער איז עס געווינט געווען, פלעגן זיי זיך אַוועקלאָזן אַ גאַנצע כאַליאַסטרע פאַרביי די סעדער וואָס האָבן געשמעקט מיט אויבסט; פאַרביי דער סאַזשלקע, פון וועלכער עס האָט זיך געטראָגן דער אומעטיקער, אָבער היימישער קוואַקען פון פרעש. זיי האָבן גערעדט אין איינעם און געלאַכט אין איינעם. וועמען האָט עס געאַרט? דעם ערשטן אָוונט האָט ליפּע באַלד באַמערקט, אַז עפּעס לאַכט מען שוין נישט אַזוי. מען גייט זאַלבעצווייט, פּאָרל נאָך פּאָרל, און פאַרטיפט אין שמועסן ווערט דער אָפּשטאַנד צווישן די פּאָרלעך גרעסער, ביז זיי פאַרלירן זיך פון אויג. דעמאָלט טאַקע איז ער געבליבן אַליין מיט שעווען. ער האָט געפּרוּווט אַ שטיף טאָן מיט דער זעלבער יינגלישער לייכטקייט, נאָר זיינע ווערטער האָבן שעווען געלאָזן קאַלט. ליפּע האָט זיך דערפילט נישט באַקוועם. ער האָט פאַרלוירן די דרייסטקייט, וועלכע עס הערשט געוויינטלעך צווישן באַקאַנטע. זי האָט אויף אים געקוקט, ווי אויף אַ יינגל, אַ שטיפער. געווען מאָמענטן ווען ס׳האָט זיך איר אויסגעדוכט אַז ער איז שוין אַ דערוואַקסענער, אין וועלכן עס בונטעוועט זיך נאָך אַלץ דאָס שטיפערישע קינד.

— פון דיינע בריוו האָב איך געמיינט אַז דו ביסט סטאַלנער געוואָרן, אויסגעוואַקסן.

דאָס האָט זי געזאָגט אין אַ טאָן, אין וועלכן ליפּע האָט דערשפּירט אַ שטילן פאַדרוס, אַ מין פאָרוואוּרף פאַרוואָס ער איז נישט אויסגעוואַקסן אַזאַ, ווי שעווען האָט זיך געדוכט. דער דאָזיקער טאָן האָט אין אים אויפגעוועקט אַ שולד־געפיל. ער האָט זיך דערפילט אין דער אומאָנגענעמער לאַגע ווי מען וואָלט אַ דערוואַקסענעם געכאַפּט אָפּטאָן אַ קאַטאָוועסל וואָס פּאַסט פאַר אַ יינגל.

גייענדיק אהיים צווישן די טונקעלע, געדרייטע געסלעך, האָט ליפּע, ווי שטענדיק, געהאַט צו זיך טענות, פאַרוואָס ער איז נישט

אזא ווי אלע, פאַרוואָס ער האָט איר נישט געפרעגט פּראָסט און פּשוט:

— וואָס א שטייגער האָסטו דערוואַרט פון מיר, און אין וועלכן פונקט האָב איך דיך אַנטוישט?

נאָר ווי תמיד, זענען די אַלע קלוגע ענטפערס און פראַגן געקומען א קאַפּיטשקע צו שפּעט. אין דעם מאָמענט, ווען ער האָט זיי נויטיק געהאַט, איז זיין קאָפּ געווען א פּוסטע נעסט, פון וועלכער אַלע פויגל זענען אַרויסגעפלויגן.

פונדעסטוועגן האָט ער פּעסט באַשלאָסן אויסצוּוואַקסן. כאָטש ער האָט נישט געוווּסט אויף זיכער: — ווי אזוי וואַקסט מען אויס...

✶

דער טייך, אָט די ברייטע אָזיערע ווּ עס האָדעווען זיך די גאָלדענע קאַרפּן, האָט מען אין שטאָט גערופן: דער טייך. און דער טייך האָט אַ לאַך געטאָן צו ליפּען מיט אַלע זיינע וועלן, ווי ער וואָלט אים צוגעגעבן חשק אריינצוּוואַרפן זיך אין דעם קלאָרן וואַסער און א שווים טאָן. אין דער רגע האָט זיך ווידער דער שטיפער צעשפּילט אין אים און ער האָט געטראַכט בלויז וועגן איינס: אַ לאָז טאָן זיך קלאַפּטער צווישן די וועלן.

מיט אַמאָל איז געוואָרן טונקל. א געדיכטער וואָלקן האָט פאַרשטעלט די זון. די שניטער האָבן געקוקט צום הימל, געשמעקט די לופט — דאָס האָבן זיי געוואָלט דערפילן וואָס דער וואָלקן טראָגט אין זיך. נאָך איידער זיי האָבן ביי זיך אָפּגעמאַכט צי זאָלן זיי ווייטער קאָסיען, אָדער זוכן א באַהעלטעניש אין ווייטן שייער — האָט עס א פלייץ געטאָן מיט אזא קראַפט, ווי דער הימל וואָלט אויפגעמאַכט אַלע זיינע צאַפּנס. אז ליפּע מיט שעווען זענען דערלאָפן צום צעצווייגטן טאָפּאָל, זענען זייערע קליידער געווען היפּש דורכגענעצט. א בליץ, ווי א בלאַנקער, פייערדיקער מעסער האָט דורכגעשניטן דעם הימל. נאָך דעם האָט זיך דאָס דונערן צעשאָטן, ווי ערגעץ ווּ וואָלטן ריזיקע בערג זיך געקרישלט. דער רעגן האָט מיט נאָך מער קראַפט א פלייץ געטאָן און איבער די בלעטער האָט דאָס וואַסער אין רישטקעס זיך געגאָסן אויף די צווייַ, וואָס האָבן זיך געטוליעט צום בוים.

ליפּע איז געבליבן גלייכגילטיק צום שטורעם. א ביסל וואַסער וועט אים נישט שאַטן. די בליצן, וואָס האָבן דורכגעקרייצט דעם הימל זענען געוואָרן אָפּטער. זיי זענען געשפּרונגען פון הימל אַראָפּ צו דער ערד, און ווידער זיך איינגעשניטן אין וואָלקן. שעוועץ האָט אַרומ־געכאַפּט א פּחד. פון אירע אויגן זענען גערונען טרערן, ביז דאָס וויינען איז איבערגעגאַנגען אין א שלוקערצן. זי האָט עס נישט געקענט באַהערשן און זיך צעכליפּעט אויף א קול. ליפּע, האָט דעם געוווי־טער אויפגענומען מיט א טראַציקייט, ס'האָט אים געאַרט וואָס פון באָדן זיך איז גאָרנישט געוואָרן. ער האָט שעוועץ געפּרוּווט באַרואיקן:

— אָט שוין, אַזאַ נאַוויליצע קאָן לאַנג נישט אָנהאַלטן. נאָר שעוועס האָט זיך געלאָזט אוועקטראָגן פון אירע געפילן, און זיך נאָך שטאַרקער פאַרנאַנדערגעוויינט. ליפּע האָט דערפילט א באַדערפעניש צו לאַכן, כאָטש ער האָט זיך נישט געקענט דערקלערן, וואָס אַזוינס איז קאָמיש אין שעוועס טרערן. מיט יעדן דונער איז שעוועס געוויין אַריבער אין כליפּען, ווי אויך ביי איר איז געקומען אַן איבער־פלוס, ווי אין די וואָלקנס, און די דונערן האָבן צעטרייסלט איר גלייכגעוויכט. ליפּע האָט זיך געפּרוּווט באַהערשן, נאָר דאָס געלעכ־טער האָט אים געשטיקט, און ער האָט זיך נישט געקענט מער העלפן.

ער האָט דער וויינענדיקער שעוועץ געגלעט איבער די נאַסע האָר. געפילט ווי צוזאַמען מיט די רעגן־טראָפּנס פאַלן אויף זיינע הענט הייסע טרערן. אין דער דאָזיקער רגע פון געפאַר האָט ער זיך געפילט עלטער פון שעוועץ, שטאַנדהאַפטיקער. אָט איז אים אויס־געקומען, אז ער איז דער, וואָס דאַרף אויפפּאַסן אויף א קינד, וואָס האָט זיך פלוצלינג צעוויינט, און ס'פעלן אים אויס ווערטער עס צו באַרואיקן.

דאָס נאַסע קלייד האָט זיך געקלעפּט צום לייב, און וויל שעווע האָט נישט מער געהאַט אויף זיך ווי דאָס קלייד און א באָד־קאָסטיום, האָבן די גלידער אירע זיך אויסגעטיילט מיט שאַרפע שטריכן. איבער די קנייטשן וואָס האָבן זיך צוליב דעם געשאַפן, איז דאָס וואַסער גערונען ווי אין ריטשקעס וואָס דאָס שטורעם־וואַסער רייסט דורך אין באָדן, כדי צו קענען פליסן. זי האָט זיך געטוליעט צו ליפּען; איינגעגראָבן דעם קאָפּ אין זיין אַקסל, כדי נישט צו זען די אויגן־בלענדנדיקע בליצן, און געוויינט. ער האָט נישט געשפּירט קיין קעלט פון דעם זומערדיקן רעגן, וואָס האָט אים דורכגעווייקט ביזן לעצטן פאָדעם. א רחמנות האָט אים אַרומגענומען אויף דעם נאַסן,

ציטערדיקן קערפּער, וואָס האָט זיך הילפלאָז געדריקט צו אים, זוכנדיק שוץ.

דורכן נאַסן קלייד האָט ער דערפילט דאָס צאַפּלען פון א מיידלשן קערפּער, וואָס האָט זיך געדריקט צו אים. דאָס רחמנות געפיל האָט זיך גענומען איבערגיסן אין עפּעס אזוינס, פון וואָס ער האָט פריער נישט געאַנט. א וואַרעמער שטראָם איז אין אים אויפגעגאַנגען, און ער האָט ארומגענומען שעווען, און זי גענומען צערטלען. זיינע הענט האָבן אָנגערירט אירע רונדיקע בריסט, און דורך די פינגער האָט ער געשפּירט ווי עס פּולסירט לעבן. זיינע ליפּן האָבן באַרירט דעם נאַסן, ראָזלעכן צענויפוווּקס, ווו איר בוזעם הויבט זיך אָן. דאָס אַלץ איז פאַר אים געווען ניי און איבעראַשנדיק. ער האָט עפּעס געוואָלט זאָגן ווענן דעם צו שעווען, נאָר די ווערטער זענען שטעקן געבליבן אין האַלדז, ווי ס'וואָלט אים לופט פאַרפעלט. ער האָט געוואָלט די רגע זאָל געדויערן אן אייביקייט און דער רעגן זאָל גיסן, גיסן איבער זיי...

שעווע האָט זיך נאָך נענטער צוגעדריקט צו אים. זיין קערפּער האָט גענומען ציטערן. אָבער דאָס איז נישט געווען פון קעלט.

מיטן רעגן איז אין אים עפּעס אויפגעגאַנגען — ווי אויף א פעלד, ווו דאָס באַהאַלטענע קערנדל וואַרט אויפן רעגן, עס זאָל נעמען שפּראָצן.

✶

די זון האָט זיך דורכגעריסן צווישן די וואָלקנס און דער רעגן האָט נאָכגעלאָזט, ביז ער איז אין לויטערע טראָפּנס געבליבן הענגען אויף די בלעטער פון די ביימער, אויף די איינגעבויגענע גראָזן.

די זון האָט גענומען אויסדעמפן די וואַסערן, וואָס האָבן נישט שנעל גענוג באַוויזן זיך איינצוזאַפּן אין דער ערד. די שניטער זענען ארויס פון שייער און זיך געלאָזט גיין צו די קאָסעס, וועלכע זיי האָבן צוליב פאַרזיכטיקייט אוועקגעוואָרפן אין פעלד.

— איז גייען מיר — האָט ליפּע געזאָגט אזוי פשוט ווי מען־לעך, ווי עס וואָלט איבערהויפּט נישט געווען קיין שטורעם און קיין טרערן.

די זון האָט שוין אויפגעהייטערט, און דאַן ערשט האָט זי באַנומען ווי נאַס זי איז.

— אין אַזעלכע קליידער קענען מיר דען גיין אין שטאָט? — האָט זי, ווי אַ אָפּגעהיטער מענטש וואָס גיט אַכטונג אויף איר גוטן נאָמען אין שטאָט — געפרעגט ליפּען.

פאַר אים איז עס געווען אינגאַנצן נאַטירלעך צו קומען אַהיים אַ נאַסער, זיך איבערטאָן און שוין. וואָס די מענטשן פון די אַלע גאַסן דורך וועלכע ער דאַרף אַדורכגיין וועלן וועגן אים זאָגן אָדער טראַכטן, דאָס האָט אים ווייניק־וואָס געאַרט. אויך אינדערהיים וועט ער קיין ליגן נישט דאַרפן זאָגן:

— געגאַנגען זיך באָדן און דערווייל אַריינגעפאַלן אין רעכטן מיטן כליאַפּ!

ס׳וועט קיינעם אפילו נישט איינפאַלן צו פרעגן: מיט וועמען געגאַנגען? וואָרעם זינט ליפּע איז צוריקגעקומען פון דער גרויסער שטאָט, האָט ער זיך גענומען פירן ווי אַ שטיקל באַלעבאָס פאַר זיך.

— די זון שטייט שוין הויך — האָט ער באַמערקט — און זיך צו טריקענען דאָ אין פעלד איז גאָר קיין פּלאַן נישט.

שעווע האָט דערויף גאָרנישט געזאָגט. אָפּגעמאַכט ביי זיך, אַז אַזוי צוריק־קומען אין שטוב אַריין קען זי נישט, האָט זי זיך פאַרנומען מיטן וועג צו אַ פּויערישער כאַטע, וואָס איז געשטאַנען נישט ווייט פון אַלטן פּאַרק. ליפּע איז איר נאָכגעגאַנגען.

אַ ווייסרוסישע פּויערטע האָט אויפגעמאַכט די טיר. אירע פּייכטע, באָרוועסע פיס האָבן אָפּגעדרוקט זייערע טריט אויף דער הילצערנער פּאָדלאָגע. זי האָט אויף די דורכגעווייקטע, יונגע מענטשן געקוקט מיט אַ מוטערלעכן בליק.

— קומט אַריין, יונגע מענטשן, קומט אַריין. אַזאַ רעגן איז גוט פאַר די פעלדער, אָבער אַ מענטש דאַרף זיך געפינען אונטער אַ דאַך.

שעווע האָט אויסגעטאָן דאָס קלייד און איז געבליבן אין באָד־קאָסטיום. ליפּע האָט נישט דרייסט זיך צוגעזעצט אויף אַ בענקל און באַוווּנדערט שעווען, ווי זי פילט זיך היימיש אין דער פּויערי־שער כאַטע. ביים וואַנט, אויף דער ברייטער באַנק, איז געזעסן דער פּויער, געררויכערט אַ ציגאַר מאַכאָרקע און זיינע אויגן נישט

אָפּגעריסן פון שעוועס שלאַנקע, בויגעוודיקע פיס, פון דעם פּולן, רונדיקן בוזעם. ליפּען איז געוואָרן נישט באַקוועם פון דעם דאָזיקן דורכדרינגלעכן בליק. שעווע האָט עס אויך אינסטינקטיוו דערשפּירט. זי האָט זייטיק אַ שמייכל געטאָן און זיך גאָרנישט געמאַכט דערפון. אין פּרעס־אייזן האָבן די קוילן זיך צעגליט. מיט געניטקייט האָט שעווע געפּרעסט איר קלייד, פון וועלכער וואָלקנס דאַמף האָבן זיך אָפּגעטיילט, איבערלאָזנדיק טרוקענע פלעקן.

זי איז געשטאַנען ביים טיש און מיט דער שווערקייט פון קערפּער צוגעדריקט דאָס פּרעס־אייזן. דער פויער האָט איבערגע־פירט זיין בליק אויף אירע הענט, אויפן אויסשניט אין באָד־קאָסטיום וואָס האָט אַנטבלויזט די ליניע, ווו די ברוסטן הויבן זיך אָן צו צעצווייגן. און ווייל זי האָט זיך איינגעבויגן, האָט זיין בליק געגרייכט ווייטער... אויך ליפּע האָט זיך צוגעקוקט ווי שעווע פּרעסט דאָס קלייד, ווי פלינק זי מאַנעווורירט מיטן פּרעס־אייזן און מיט יעדער באַוועגונג באַפרייט זי דאָס קלייד פון אָנגעזאַמלטן וואַסער. דעם פויערס בליק האָט אים שוין אויסגעזען אַביסל צו חוצפּה׳דיק, ווי ער וואָלט געווען היימיש מיט שעווען און ער האָט געוואָלט וואָס שנעלער זיין אין דרויסן.

— טו אויס דאָס העמד — האָט זי ליפּען באַפוילן, נאָכדעם ווי דאָס קלייד איז אַ טרוקענע געבליבן ליגן אויפן בענקל.

— צו וואָס? — האָט ער זיך געפּרוּווט ווערן. ער האָט נישט געזען קיין זין אין דעם.

— ביז כ׳וועל אהיימקומען וועט עס שוין סיי ווי זיין טרוקן...

— טו אויס, טו אויס — האָט זי געזאָגט מיט אַזאַ נאַטיר־לעכער זיכערקייט, אַז ליפּען האָט אויסגעזען צוועקלאָז אַנטקעגן צו שטעלן זיך. ער האָט פויל אַראָפּגעצויגן דאָס העמד, וואָס האָט זיך שוין צוביסלעך גענומען טריקענען אויף זיין פּלייצע.

ליפּע האָט זיך באַגעגנט מיט דער פויערטעס בליק. אים איז גאָרנישט איינגעפאַלן אַז אויגן קענען אַזוי רעדן מיטן אויסדרוק, ווי מיט ווערטער. דער פויערטעס אויגן האָבן אים געזאָגט אומ־געפער:

— אייך איז וווּיל, יונגע מענטשן. חתן־כלה איז אַלע מאָל בעסער... עס איז דער יום־טוב פון וועלכן מען קריכט אַריין אין דער וואָכעדיקייט...

זי האָט אַ שמייכל געטאָן, ווי איינע וואָס ווייס אַלץ, און פונדעסטוועגן וועט זי האַלטן דעם סוד.

— וואָס שעווע האָט דער פֿויערטע דאָרטן אַלץ אַריינגערעדט?
— האָט זיך ליפּע געטראַכט.
— כאַפּט זיי דער וואַטנמאַכער — באַבעס...

קאַפּיטל צוויי

דאס שטיבל ביים בראם

פאַרצייטנס, ווען דער אָנגעשאָטענער וועג — די „גרעבליע" — האָט דורכגעשניטן די אָזיערע אין דער העלפֿט, איז דער איינ־ציקער אַריינפֿאָר אין שטאָט געווען דורכן שטאָט־טויער, וועלכן מען האָט אויף ביינאַכט צוגעשלאָסן. דעמאָלט איז עס געווען אַ פֿאַרפֿעסטיקטע שטאָט, פֿאַרזיכערט פֿון דרויסן.

דאָס איז געווען גאָר אַמאָל. פֿון דעם אַלעם איז געבליבן די אָזיערע, דער וועג — די „גרעבליע" — און דער טויער, וואָס מען האָט אין שטאָט גערופֿן: דער בראָם. די טויערן זענען שוין נישט געווען, נאָר די איינגעמויערטע האָקן, אויף וועלכע זיי זענען גע־האָנגען. אַ קליינע קירכע איז אויך געווען אין טויער. אַרויף איז מען צו איר מיט שמאָלע, געדרייטע טרעפּ צווישן די טאָפּלטע ווענט. אַז די זון האָט זיך געזעצט, האָבן די שטראַלן געשפּיגלט זיך אין די קליינע, קאָלירטע פֿענצטערלעך.

אַרום בראָם, ביים ראַנד פֿון שטאָט האָבן זיך געצויגן געסלעך. שמאָלע, געדרייטע, איינס פֿאַרפּלאָכטן אין צווייטן; הייזלעך אָן

צוימען — אַט סתם אַזוי אויסגעשטעלט ביי אייאַנדער. אַזוי אויך — דאָ אַ שול, דאָ אַ בית מדרש.

✶

מיט טאָג צוגלייך איז בער, דער „הארבול" אויפגעשטאַנען; אָפּגעגאָסן נעגל־וואַסער; אַרויפגעצויגן די תפילין און זיך געשטעלט דאַוונען. ער האָט זיך געפילט נישט מיט אַלעמען, און דערפאַר געדאַוונט אינדערהיים, אַנשטאָט אַריינצוכאַפּן זיך אין דער שול, ווי ער דאַוונט געוויינטלעך.

געדאַוונט האָט ער מיט התמדה. געוויקלט נערוועז די רציאות אַרום פינגער. זיי אָפּגעוויקלט און צוריק פאַרוויקלט. דער ביינער־דיקער קאָפּ איז געזעסן טיף צווישן די צוויי קירבעסן־הויקערס, און די קורצע פיס האָבן צום ווייפלטן מאָל דורכגעשפּאַנט דעם קליי־נעם חדר — ווו אויסער אַ בעט און אַ טיש איז נאָך געווען אַ קליינע פּאָלקע מיט ספרים.

בער האָט שטיל געדאַוונט. אַלץ וואָס ער האָט געוואָלט זאָגן דעם רבונו־של־עולם, האָט ער אויסגעוויינט אין זיך מיט אַ צע־קלעמט האַרץ, ווי ער וואָלט געפילט אַז ווען דאָס געבעט גייט אַדורך זיין פאַרקריפּלטן גוף — קומט עס אַ געלייטערטעס אין הימל און מאָנט מער רחמים.

זיין בחורישער גוף האָט שוין געטראָגן אין זיך אַ וועלכע פופציק פרילינגס, נאָר פאַר אים זענען זיי תמיד געבליבן הארבסטן. קאַלטע ווינטן האָבן געוויעט אין זיין בלוט; זיין פּאַרמעט־געלע הויט האָט זיך געראָנצלט און געוועלקט, נישט דערפילנדיק אויף זיך די צערטלטע האַנט פון אַ פרוי. זיינע טעג זענען געפאַלן פון אים ווי אָפּגעוועלקטע, הארבסטיקע בלעטער. ער האָט געזען ווי דער ווינט יאָגט זיי — געלע, טרוקענע און ווי די טרוקענע בלעטער צעשיטן זיך אונטערן לעבנס שווערע טריט. אַ לעבן פאַרשווינדט אָן אַ זכר...

די דאָזיקע געדאַנקען זענען אים דורכגעפלויגן דרך־אגב, צווישן איין פּסוק און צווייטן, און געפילט האָט ער אַז זיי — די געדאַנקען זיינע דאַרפן עס זיין אַ צוגאָב צו די סידור׳דיקע לויב־געזאַנגען, וועלכע ער קאָן אויף אויסנווייניק, כאָטש דער סידור ליגט אָן אָפּע־

נער פאַר אים. ער האָט נערוועז געדרייט די רציאות מיטן פינגער. זיי פאַרוויקלט און אָפּגעוויקלט, ווי דאָס וויקלען אַליין וואָלט געווען אַ טייל פון זיין געבעט און אויך דורך דעם האָט ער עפּעס אויסגעדריקט.

איצט איז זיין דאַוונען געווען בלויז אינערלעך געוויין; הכנאה־דיק געבויגן דעם קאָפּ, געקלאַפּט זיך על־חטא פאַר זינד — וועלכע ער איז נישט געווען בכוח צו באַגיין.

אין זיין דאַוונען האָט געפעלט דער טאָן פון די יונגע יאָרן, ווען ער פלעגט פירן אַ וויכוח מיטן רבונו־של־עולם פאַרן מום, מיט וועלכן ער האָט אים געשטראָפט. עס איז נישט שייך צו פרעגן:

— פאַרוואָס ? !

נאָר געמאָנט האָט ער פון דער השגחה פאַרגיטיקונג פאַר זיין פרוכטלאָזן בחוריש לעבן...

אין יענער שטורמישער צייט פון זיין יוגנט איז ער אויף אַ ווייל מיטגעריסן געוואָרן מיט די ברייטע כוואַליעס פון דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג, וועלכע האָבן אַרומגעכאַפּט די יידישע שטעט און שטעטלעך פון רוסלאַנד. דעמאָלט האָט די פּאַרטיי אויסגענוצט זיינע הויקערס, ווי אַ מיטל צו טראַנספּאָרטירן ליטעראַטור.

אין יענע רגעס איז ער אַפילו שטאָלץ געווען מיט זיינע הויקערס, וואָס צוליב זיי האָט ער פאַרנומען אַ באַזונדער אָרט אין דער באַוועגונג, ווי אַ זיכערער קוריער. ווען אַנדערע האָבן זיך געדאַרפט פאַרשטעלן, קריכן בייַנאַכט דורך פּלויטן און הינטערגעסלעך — האָט בער זיך פריי באַוועגט. אַפילו דעם קליגסטן זשאַנדאַרם וועט דאָך נישט איינפאַלן אַז דער דאָזיקער הויקער מיטן רחמנות־פּנימל קען שלעכטס טאָן דעם צאַר־פאָטערל.

ביי זיינע פופציק יאָר זענען עס געווען נישט מער ווי דעריי־נערונגען פון אַ פאַרגאַנגענער צייט. געלעבט האָט ער איצינד מיט די פיר ווענט פון זיין חדר; מיט דער יידישער שול אין שטעטל, וועגן וועלכע פריינד פלעגן אים דערציילן, און אַמאָל — אויך אַן עצה האַלטן.

גאָר זעלטן פלעגט ער זיך אַריינכאַפּן אין דער גרויסער שול, ווען עס איז פאָרגעקומען אַ וואַל־מיטינג פון דער ליסטע נומער 4. דאַן האָט ווידער זיין יוגנט זיך אַ צינד געטאָן אויפן האַריזאָנט

פון זיין בחוריש לעבן. מיט אלע אברים האט ער נאכגעפאלגט דעם רעדנער, און האט ווער געפרוווט מאכן א צווישנרוף — איז שוין נעבן אים אויסגעוואקסן בער — גרייט די אויגן אויסצודראפען.

נאך אזא אנשטרענגונג איז ער וואכן געלעגן אין בעט, נישט קענענדיק קומען צו זיך.

יאנקל ברוידע, דער דאקטער, האט דאן לאנג געהאלטן בערס האנט, און קוקנדיק אויפן זייגער — נאכגעפאלגט דאס קלאפן פון פולס.

— מען טאר נישט אזוי, ר׳ בער. דאס איז נישט אמאליקע יארן. נישטא די יונגע כוחות.

— וואס הייסט, דאקטער — האט זיך בער נישט געלאזן — גלויבט איר אז ס׳דארף זיין אומרעכט, אונטערדריקונג? זענט איר קעגן דער רעוואלוציע?

— א, ניין — האט דאקטער ברוידע זיך אפגערופן, ווי ער וואלט זיך פארענטפערט. — אויב עס מוז שוין יא זיין א רעוואלוציע און מען מוז שיסן — טא זאל מען שיסן בלויז אין דער לופטן...

אט דער דאזיקער מענטש, וואס האט געטראגן די נעמען פון צוויי ווילדע חיות: בער קארשון, איז אצינד געשטאנען פארן רבונו־של־עולם ווי א שעפעלע און הכנאה׳דיק געבעטן אויף געזונט פאר זיך און פאר זיינע ברידער אין אמעריקע פון וועמענס הילף ער לעבט.

ער האט געדאנקט גאט אין וועמענס רשות זיין נשמה האט זיך געפונען די גאנצע נאכט; פאר דעם, וואס ער האט איר געלאזט זיך צוריק באהעפטן מיטן גוף — אינדערפרי.

אז ער איז פארטיק געווארן מיטן דאווענען, האט ער זיך צו־געזעצט צום טיש, איינגעטונקט א כזית ברויט אין זאלץ און ביז די באלעבאסטע וועט דערלאנגען ס׳גלאז טיי — גענומען דערווייל לייענען די נעכטיקע „פאלקס־צייטונג״. ער האט די צייטונג גע־לייענט, ווי מען לערנט א בלאט גמרא — דאס געזאגטע און נישט דערזאגטע. אט א דאס, וואס א ייד א חכם דארף לייענען צווישן די שורות. אז ס׳איז אים געלונגען צו דערטראכטן זיך צום מיין פון נישט דערזאגטן — האט ער א צופרידענער פון זיין קלארן

געדאַנק, און נאָך מער פון דעם מחברם — האָט ער זיך נישט גע־קענט איינהאַלטן:

— איי, האָט ער זיי אַריינגעזאָגט... אָט דאָס הייסט אַ ייד אַ חכם...

בער האָט געריבן די הענט פון הנאה וואָס ער געהערט זיך אָן מיט דעם שרייבער צו איין מחנה.

איבערן וואַנט, אין פינצטערן אַלקער, וואָס האָט ערגעץ־ווי־יאָ געהאַט אַ פענצטער, דורך וועלכן עס האָט האָט געקאָנט אַריינ־קומען אַביסל ליכט — איז עס אָבער געווען פאַרהאָנגען מיט פאַ־טשיילעס — האָט אַ הילצערן בעט דערלאַנגט אַ קרעכץ מיט אַלע אירע אויסגעטריקנטע פוגעס.

איטע די אלמנה, אַ האַלב־בלינדע — איז שוין פון לאַנג נישט געשלאָפן. אירע בעלמעדיקע אויגן האָבן שטאַר געקוקט אין דער פינצטער. מיט וואַכע אויערן האָט זי זיך צוגעהערט צו בערס אַרומ־שפּאַנען איבערן צימער. כאָטש ער האָט געדאַוונט כמעט אָן ווער־טער, מיט אַן אינערלעכן ניגון, האָבן זיך צו אירע אויערן דורכ־געריסן איינצלנע קלאַנגען אָן וועלכע זי האָט זיך אָנגעכאַפּט, און אויף זיי אָנגעהאָנגען אירע אייגענע בקשות. ווייל געווען זענען זיי די זעלבע וואָס בערס: אַביסעלע געזונט פאַר זיך, און פאַר די קינ־דער אין דער ווייטער אַמעריקע, פון וועלכע זי קריגט צוויי מאָל אין יאָר די פּאָר דאָלאַר צום לעבן. אַמאָל פאַלט אַריין צוזאַמען מיטן געלט אַ בילד פון די קינדער, אייניקלעך. איטעס רויטע, פאַר־בעלמעטע אויגן קאָנען עס קוים זען — טאַפּט זי זיי מיט די פינ־גער, ווי זי וואָלט וועלן אויספילן די גלאַטע הויט פון די קינדערשע פּנימער; די זיידענע געקרייזלטע האָר — דאָס דאָזיקע געפיל בלייבט לאַנג הענגען אויף אירע שפּיצן פינגער.

נאָך דעם ווי בער האָט אָפּגעדאַוונט — האָט זי געוווּסט, אַז ס'איז שוין צייט אויפצושטיין און זיך דערכאַפּן ס'האַרץ מיט אַ גלאָז טיי מיט „פּריקוסקע".

די באַלעבאָסטע, האָט זיך געפּאַרעט אין קיך. אירע לאַנגע שוואַרצע האָר האָט זי דורכגעפלאָכטן מיט אָן אַ שיער ביינערנע האָר־נאָדלען, נאָר זיי זענען איר סיי ווי געקראָכן אין די אויגן אַריין. די לאַנגע, דאַרע ביינערנע הענט האָבן געציטערט, ווען זי האָט אונטערגעלייגט די טרוקענע קינעלעך אונטערן דריי־פוס, אויף וועלכן ס'האָט גענומען זידן דער פאַרוויכערטער, קופּערנער ליאַק.

איר גאַנצער וועזן — אַ הייפּל טרוקענע ביינער — צוזאַמענגענייט מיט גראָבע בלויע אָדערן, וואָס האָבן זיך שאַרף אָנגעזען דורך דער דינער הויט.

אירע ליפּן האָבן זיך באַוועגט אין פּרעפּל, און ס'איז שווער געווען צו וויסן:

— שעלטן זיי, אָדער בענטשן זיי? — וואָרעם נישט מער ווי האַלבע, נישט דערזאָגטע רייד זענען פון די ליפּן אַרויסגעקומען. לויט זיי האָט מען זיך געמוזט אָנשטויסן, וואָס זי מיינט. דורכן טאָג האָט זי איינגענומען אַ האַלבן טוץ פּראָשקעס צו קאָפּ־ווייטאָק, פון דער פירמע „קאָגוטעק", נאָר אַז זיי האָבן נישט געהאָלפן, האָט זי געשאָלטן סעמינורע, דעם אַפּטייקער:

— קאַלך, נישט קיין פּראָשקעס, אַז ווי טאָן זאָל אים דער קאָפּ ווי מיר, און הודזשען זאָל אים נאָך אַלס צולאָג אין די אויערן...

ווי אַזוי אָט די ביינערדיקע, טרוקענע געשטאַלט האָט געבראַכט דריי קינדער אויף דער וועלט, איז טאַקע נישט צום באַגרייפן...

אַז דאָס וואַסער אין ליאַק האָט גענומען זידן און איז טראָפּנ־ווייז אַרויסגעשפּרונגען פון העלדזל, האָט זי גענומען וועקן די טעכטער:

— שטיי שוין אויף ציפּקע, שטיי שוין אויף. וועסט ביי דער „קלאַפּערן" די כפּרה ווערן, אַז וועסט קומען שפּעט.

— מעג שוין אויך אויפשטיין, מעג שוין, גענוג געפּאָפּן... די דאָזיקע רייד האָט זי געוואָרפן אין דער ריכטונג פון קאָמאָד, כאָטש געמיינט האָט זי דער עלטסטער טאָכטער. מאַמע און טאָכטער האָבן כמעט נישט גערעדט צווישן זיך. אין דעם האָט שוין געהאַט אַ האַנט בער, דער שכן פון אַלקער. אַז די קינדער זענען נישט געווען אינדערהיים, איז זיין טיר געווען אָפן. ער איז דאָן אַרומגעלאָפן איבערן שטוב, און גע'עצהט דער אַלטער, זי זאָל אָפּטונג געבן אויף שעווען, און טאָמער איז שעווען פּונקט נישט געפעלן דער בחור, וואָס אים געפעלט יאָ — האָט שוין די מאַמע יעדע פרייע מינוט אַריינגעברומט אין שעווען:

— אַז דער טאַטע איז נישטאָ אינדערהיים, איז מען הפקר פּיעטרושקע...

ציפּקע האָט זיך פויל צעגענעצט אין ווייכן בעט, מיט אירע פולע, מיידלשע גלידער. זי האָט זיי אויסגעצויגן, הנאה געהאַט פון דער גראָמקייט אין בעט, וואָרעם געוויינטלעך פלעגן זיי זאַלבעפערט

שלאָפן אין די צוויי בעטן. זי מיטן יונגערן ברודערל, וועלכן די מאַמע רופט מיט ליבשאַפט:

— כפּרעניק — פאַר אַן עין־הרע. נאָר שוין עטלעכע יאָר ווי דער טאַטע שלאָפט דאָ זעלטן.

שעווע איז אַרויס פון בעט. זי האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דאָס נאַכט־העמד און אַ נאַקעטע געבליבן שטיין אין מיטן שטוב; און גענומען איבערוואַרפן ס'אָנטועכץ. קיין מאַנסבילן זענען דאָך דאָ נישטאָ, און טאָמער גייט בער פּונקט אַרויס — איז ער דאָך נישט מער ווי אַ האַרבול... נאָר בערס טיר איז געבליבן פעסט צוגעשפּאַרט. אים האָט זיך נישט געגלוסט אָנצוטרעפן אויף שעווען. פון איר בייזן, מיט כעס דורכגענומענעם בליק איז קלאָר געווען צו פאַרשטיין וואָס שעווע טראַכט:

— ווען מיר וואָלטן זיך געקאָנט דערלויבן, וואָלט דער האַרבול שוין לאַנג דאָ נישט געוווינט...

בער האָט זיך דאָ געפילט מער ווי אַ שכן, שוין כמעט אַ משפחה־מענטש. און אַרויס פון דער דירה — וווּהין וועט ער גיין? דאָס האָט אים אָבער נישט אָפּגעהאַלטן צו אַריינרעדן גאַנצע טעג אין באַשקען, שעוועס מאַמען. ער האָט איר דעם גיפט איינגעגעבן טראָפּנווייז, יעדע מינוט פון טאָג.

מיט אירע ברייטע ביינער, איר פול־לייביקייט, האָט שעווע דערמאָנט דעם טאַטן. נישט מער — זי איז אַלט געווען אַ יאָר אַכצן, און איר פוללייביקייט איז נישט געווען קיין ציורענע ווי ביי הערשן, נאָר אַ ראָזלעך־פרישע, ווי אַ צייטיקער פלוים, אויסגעוואַרעמט אין דער זון.

— די חצופה — האָט די אַלטע געפּרעפּלט און אָפּגעווענדט די אויגן.

שעווע האָט פאַרבעט ס'בעט, וואָס איז געשטאַנען צווישן פענצטער און קאָמאָד. זי האָט אָוועקגעשאַרט די ווייסע פאָרהענגלעך פון די פענצטער און זיי אויפגעפּראַלט. די פרימאָרגן פרישקייט האָט זיך אַריינגעריסן אין שטוב, צוזאַמען מיטן דאַוונען, וואָס האָט זיך געטראָגן פון דער שול. באָרוועסע יאַטלעך האָבן אַריינגעכאַפּט אַ „קאָן" אין „טאָטשקע" — איידער מען זעצט זיך אַוועק אין תלמוד־תורה לערנען. די אַנדערע פענצטער זענען געפאַלן אין שמאָלן געסל, אויף דער ווייס־געקאַלעכטער וואַנט פון בראָם.

דאָס שטיבל געהערט הערשן. ווען ער איז נאָר געווען אין דער היים, איז ער מיטגעשלאָפן אין די צוויי בעטן. דאָן איז דאָרט היפשלעך ענג געווען. הערש, א ברייט־ביייניקער, אויסגעדינטער ני־קאָלייעווער סאָלדאַט, האָט פאַרמאָגט אַ פיין אויסגעפּאַשעט, גביריש בייכל; ברייטע הענט, ווי עס האָבן געוויינטלעך טשעשליאַרעס, כאָטש געהאַט צו טאָן האָבן זיי זעלטן ווען. זיין גאַנג — אַ האַמעט־נער, בעריש שווערער. נאָך יעדן טראָט זיינעם, האָבן די פּאָדלאָגע־ברעטער אַרויסגעלאָזן אַ קרעכץ, וואָס האָט קיין גוטס נישט אָנגע־זאָגט. די אויגן זיינע, איינגעפּאַסט אין אַ דיקלעך פּנים, האָבן גע־קוקט אויף דער וועלט מיט זייער אייגענעם קוק, וואָס אפילו הערש אַליין האָט נישט געקענט דערקלערן. עס איז דעריבער שווער געווען צו וויסן, אויב זיי שמייכלען אָדער קאַלט גאָר, בייז קוקן זיי. זיין בליק האָט אָפט אַרומגעבלאָנדזשעט ערגעץ ווו, ווי נישט קיין היגער, אָבער הערש האָט געזען, און נאָך מער ווי געזען. עס האָט זיך גערדוכט, אַז די אויגן טאַפּן אויס יעדן געגנשטאַנד און יעדע באַווע־גונג פון דעם — אויף ווערמען זיי זענען אָנגעשטעלט. דאָס פּנים פון ווינט און אָקאָפּע־זאַמדן צעאַקערט, טייל־מאָל אפילו האָט זיך גערדוכט — פאַרוויכערט פון ביקסן־רויך, פונקט ווי ער וואָלט זיך ערשט נעכטן צוריקגעקערט פון ערשטן וועלט־קריג, האָט ווי אַ ראַם אַרומגענומען אַ שוואַרצע באָרד. וואָס שייך טאַקע דער באָרד, איז שווער צו באַנעמען איר אָנגעהעריקייט צום פּנים. זי איז אייגנטלעך אַן איבערבלייב פון דער צייט, ווען הערש האָט געקנעלט מיט קינ־דער. אַ חדר געהאַט אין נאָנטן בית־מדרש, ווען ער איז דאָרט שמש געווען. די באָרד האָט אַלזאָ מער אַ שייכות מיט דער פּרנסה, ווי מיטן פּנים. דעמאָלט טאַקע איז זי געווען אַ גערדיכטע, אַ שוואַרצע, כמעט אַ רבנישע. נאָר הערש האָט איר קיינמאָל נישט געלאָזן זיך צעוואַקסן ברייט, נגידיש.

שפּעטער האָט ער געשיקט לערנען אין דער פּוילישער שול.

— אַ מענטש דאַרף אַמאָל קענען אַריינקוקן אין אַ פּאַפּיר, וואָס האָט צו טאָן מיט מלכות.

בערן, אַט דעם שכן פון אַלקער, האָט עס געקרענקט. אָבער אויסגעפירט האָט ער פאָרט, און ציפּקע מיטן מוזינעק זענען אָנ־געקומען אין דער יידישער שול. ער האָט פאַרמאָגט דאָס עקשנות פון אַ מוילוואָרף, וואָס גראָבט און גראָבט ביז ער דערגראָבט זיך.

ווי נישט איז האָט הערש געשלעפּט דעם וואָגן פון פּרנסה.

אַמאָל בעסער, אַמאָל ערגער — אַבי לייטיש. ערשט ווען שעווע איז אַוועק אַרבעטן צו דינטשע שמואל־אַבעס, אין דער שניידער־אַטעליע, און די פּערצן־יאָריקע ציפּקע אין דעם געשעפט פון רחל דער „קלאַ־פּערין״ — דאַן האָט הערש איבערגעלאָזט ווייב און קינדער און אַוועק אַרבעטן אין אַ פאַבריק — אין אַ ווייטער שטאָט. פון דאָרט איז ער אויף אַ יום־טוב צוריקגעקומען און מיטגעבראַכט אַ פּאָר זלאָטעס, אָפּגעשפּאָרט געלט.

דאַן האָט ער ווידער מיט זיין שווערן גאַנג אַרומגעשפּאַצירט אין שטוב, געלאָזט פאַלן אַ וואָרט וועגן דער ווייטער שטאָט, וועגן דער פאַבריק ווו ער אַרבעט, און דורך די שמאָלע אויגן־שפּאַלטן נאָכגעקוקט די טעכטער, וואָס זענען זיך צעוואַקסן:

— שוין מער נישט קיין קינדער... מ'ווערט אַלט הערשקע, הע? — האָט ער אַ זאָג געטאָן צו זיך אַליין, און זיך גענומען גרייטן אין וועג אַריין. עס איז געווען נישט אַזוי די זאָרג פון פּרנסה, נאָר ער האָט זיך דערפילט ווי איבעריק אין דער ענגער שטוב, וואָס איז מיטאַמאָל פול געוואָרן מיט אויסגעוואַקסענע מיידלעך. זיי טוען זיך איבער אין דער פינצטערער קאַמער, ווי דער טאַטע וואָלט אַ פרעמדער געווען. ס'וואָלט רעכט געווען, אַז דווקא איצט זאָל הערש בלייבן אין דערהיים, און די קינדער זאָלן וויסן, אַז אַ טאַטנס אויג גיט אַכטונג.

נאָר פונדעסטוועגן האָט ער איינגעפּאַקט די פּאָר העמדער וואָס די אַלטע האָט באַוויזן אויסלאַטן און אויסוואַשן — און אין די צוויי בעטן איז ווידער גראָמער געוואָרן.

— ב —

דער שפּיגל אין אַ ברייטער הילצערנער ראַם, וואָס איז גע־האָנגען איבערן קאַמאָד, איז שוין נישט געווען דער שפּיגל, וועלכן הערש האָט באַקומען דרשה־געשאַנק. דעמאָלט איז די הילצערנע ראַם געווען ברוין־ליאַקירט און דאָס זילבער הינטערן גלאָז האָט אָפּגעשפּיגלט אָן זייטיקע רעפלעקסן דאָס, וואָס האָט זיך באַוויזן אויפן שטח, וועלכן ער איז בכוח געווען אַרומצונעמען. אויף יעדן פּסח פלעגט די אַלטע אים אַראָפּנעמען, אָפּפּוצן פון די פינטעלעך, וועלכע פליגן האָבן באַוויזן דורכן יאָר איבערצולאָזן, און זיי האָבן זיך דווקא אָנגעזאַמלט טאָפּלט. אויך הינטערן שפּיגל האָבן זיך דער־

ווייל באוויזן צו באזעצן ברוינע טאראקאנעס; פעטע שפינען האָבן זייערע נעצן פארצויגן און זיך רואיק געדרימלט אונטערן שטויב.

די יאָרן האָבן דעם זילבער פארבלאסט, און דער שפיגל — כאָטש ער האָט זיך באמיט צו גלאַנצן מיט זיין אמאָליקער קראפט אוןווארפן זיין ליכטיקן שאָטן ווי א העלן קוואדראט אויף דער פּאָדלאָגע, איז עס שוין אָבער נישט געווען דאָס. אפילו א שפּיגל קען זיין אַלטקייט נישט באהאלטן. נאָר די, וואָס זענען געווינט געווען צו אים, האָבן דאָרטן געזען אַלץ, וואָס זיי האָבן באדארפט.

אין דעם פרימאָרגן האָט ער געוויזן שעווען דעם ווייסן שרונט, וואָס האָט זיך געצויגן אין מיטן קאָפּ, און פון אים האָבן אירע האָר — גלייכע, אויסגעצויגענע סטרונעס זיך פארנומען הינטער די אויערן און זיך צוזאמענגעראָלט אין א „פּאָדקאָווע". דאָס האָט געהייסן: „א וואלעק". שעווע האָט דעם „וואלעק" פארדרייט אויף צוויי דראָטן, און זיי דאָן ארונטערגעבויגן.

שטייענדיק האָט זי איינגעפּאקט א פּאָר שטיקלעך ברויט מיט פּוטער אין א פּאַפּיר; שטייענדיק אויסגעטרונקען א גלאָז טיי און אוועק צו דער ארבעט.

די ברייטע, ציכטיקע גאס האָט אמאָל געטראָגן דעם נאָמען: סאדאָוואיא — די גאָרטן־גאס — און ווי א גאָרטן האָט זי טאקע אויסגעזען. גרינע, צעצווייגטע ביימער און צווישן די ברייטע טראָ־טוארן — בלומען, צעבליטע, שמעקעדיקע, אַזש עס האָט זיך ממש געבעטן זיי א גלעט צו טאָן. נאָר זינט פּוילן איז א מדינה געוואָרן, איז עס די גאס פון 11טן נאָוועמבער. נאָר סיי ווי — א גאָרטן־גאס איז זי געבליבן. דער שאָטן פון די קאשטאַן־ביימער איז געפאלן אויף די רויטע ציגל־מויערן; פון די מויערן האָבן ארָאָפּגעקוקט קליינע, פּאָרצעלייענע שילדלעך פון צאָן־דאָקטוירים, אדוואָקאטן. די גרינע צערקווע ארומגענומען מיט הויכע, צעוואַקסענע ליפּעס און א ווייס־געקאלעכטן ציגל־פּאַרקאַן, האָט אויסגעזען ווי א פּאָר־צייטיקער שלאָס. דאָס איז געווען די שענצטע גאס אין שטאָט און חברה האָבן איר שוין, א סברה, געגומען רופן: די פינפטע עוועניו...

דינטשעס שניידער־אַטעליע (דאָס איז געווען דער איינציקער שניידער־ווארשטאט וואָס האָט זיך פארגונען אַן אויסלענדישן נאָ־מען, מחמת פריצטעס האָבן זיך דאָרטן געקליידט) האָט פארנומען צוזאמען מיט דער וווינונג א פיינעם מויער מיט גרויסע, ליכטיקע

פענצטער אין גאַס אַרויס. די הינטער־טיר איז אַרויסגעגאַנגען אין אַ קליינעם, גרינעם סאָד.

פאַר שעווען האָט דאָס איבערטרעטן די שוועל פון דעם מויער באַדייט: אַ פלאַץ צו אַרבעטן, לערנען אַ פאַך און אויך אַ טיר אין דער גרויסער וועלט אַריין. נישט מער: די גרויסע וועלט איז נאָך דערווייל אַ טרוים. כאָטש אַ טראָט־אַרויס פון די אָרעמע געסלעך אַרום בראָם, איז עס שוין.

שעווע האָט נישט געוואָלט די גאַנצע וועלט פאַר זיך. זי האָט נאָר געוואָלט איר אָרט אין לעבן, נישט קיין צופעליקן, נאָר אַ פאַרזיכערטן. עס זאָל זיין אויפגעשריבן: פאַר שעווען — רעזערווירט. מיטן פרימיטיוון אינסטינקט, וואָס האָט נאָך דערווייל געדרימלט, האָט זי אויסגעפילט אַז זי פאַרמאָגט די אייגנשאַפט צו דעם אָרט זיך אַדורכגליטשן און אים פאַרנעמען. שוין גאָר פרי האָט זי עס אויסגעפונען אַז עס ווירקט ווי אַ כּישוף: איר געשטעל, דער שמייכל וואָס קען אָנגליען, דער צוזאָגנדיקער בליק האָט צוגעצויגן — באַהאַפטן, געגעבן האָפענונג. דאָס פרימיטיווע אין איר האָט גערייצט.

שעווע האָט מיט פליגלען פון טרוים אָנגערירט ווירקלעכקייט...

אָנשטאָט דורכצושניידן אַ צוויי, דריי גאַסן, ווי מען וואָלט געוויינטלעך געדאַרפט טאָן כּדי קירצן דעם וועג, האָט שעווע זיך גאָר פאַרנומען מיט דער הויפּט־גאַס. דאָס האָט זי איינגעזאַפט די שיינקייט פון דער וועלט, צו וועלכער זי וועט אַמאָל געהערן. איר האָט זיך געדאַכט, אַז אַפילו די זון שיינט דאָ רחבותדיקער ווי אין זייער געסל.

אַרום אַזייגער צען האָבן זיך די מיידלעך געזעצט צום פּריש־טיק. פון די פּאַפּירן האָבן זיך אויסגעוויקלט ברויט און פּוטער, מיט הערינג, מיט קעז; און ברויט מיט קעז, אָן פּוטער. מיטאַמאָל האָט עמעץ אַ געשריי געטאָן:

— ער גייט!

עטלעכע מיידלעך זענען בלאַס געוואָרן און ס'ברויט איז זיי פון האַנט געפאַלן. דאָס זענען געווען די נייטערקעס, וואָס זענען נישט געווען פאַרזיכערט אין דער קראַנקן־קאַסע. טאַקע זיי האָט עס דער לייטער פון דער מלוכהשער קראַנקן־קאַסע געוואָלט אַנט־דעקן און באַשטראָפן דער באַלעבאָסטע. באַהאַלטן זיך איז שוין געווען צו שפּעט. ער האָט אויפגעמאַכט די טיר פון וואַרשטאַט און

מיטן בליק געפירט פון מיידל צו מיידל, וועלנדיק אויסגעפינען וועלכע פון זיי איז ביי אים פארשריבן און וועלכע נישט. אויף שעווען האט זיך זיין בליק לענגער פארהאלטן, און נישט ווילנדיק האט דער פרעמדער א זשמורע געטאן מיטן אויג, וואס האט באַ־דייט:

— א פיינע יידישקע...

ער האט מער נישט אין זינען געהאט צו ציילן די מיידלעך. דאס קען ער אן אנדערשמאל טאן. אצינד וועט ער זיך באווייזן ווי איינער, וואס זוכט נאר די טובה פון ארבעטער.

— די קראנקן־קאסע — האט ער געזאגט צו שעווען — מיינט דאך אייך צו שיצן, איר דארפט זיין פארזיכערט אויפן פאל פון קראנקהייט. אדער אן אומגליקס־פאל. ער איז שוין נישט מער גע־שטאנען ביי דער טיר, און דאס האט די מיידלעך געגעבן א געלעגנ־הייט זיך ארויסצורוקן אין קיך אריין. דער „קאסעכארעניק" — — ווי די מיידלעך האבן אים גערופן — האט זיך באמיט דאס נישט צו באמערקן. אזוי האט אים אויסגעזען בעסער — א קאצן־מויז שפיל. אז אין ארבעטס־צימער איז געבליבן נאר שעווע און ער, האט ער א זאג געטאן:

— ביזט אן איידל קינד, מיט פיינע הענט. דיין זיין דא, אן ארבעטער גאר, מוז אוודאי זיין א צופאל. דיין ארט איז ערגעץ אנדערש...

— ווו? — איז שעווע נייגעריק געווארן.

— אז מירן זיך טרעפן — וועל איך דיר זאגן. .

ער האט די ווערטער באגלייט מיט א שמייכל, נישט אראפ־נעמענדיק די אויגן פון שעווען. שעווע האט זיך נישט פארטראכט צוליב וואס זי שמייכלט צוריק. עס איז איר איינגעפאלן, אז מיט איר צוגעלאזנקייט ראטעוועט זי אפ דעם ווארשטאט פון א שטראף. זי האט שוין אין געדאנק איינגעקאסירט דעם לויב פון דער באלע־באסטע... האט שעווע דעם אנבאט אנגענומען.

— אז צוליב שעווען לאזט ער צורו דעם ווארשטאט, און מאכט זיך נישט וויסנדיק, אז כמעט א העלפט פון די מיידלעך זענען נישט פארזיכערט. עס איז טאקע א גליק וואס זי איז אים געפאלן אין אויג אריין... דאס האבן די מיידלעך געשמועסט צווישן זיך, אינדערשטיל.

מען רופט אים פאַן וולאַדיסלאַוו — נאָר שוועען האָט ער גע־בעטן זי זאָל אים רופן וולאַדעק, אַזוי רופט אים אויך זיין פרוי... נאָר דערווייל איז זיין פרוי אין אַ צווייטער שטאָט.

— איז זי אַ שיינע? האָט שוועע נייגעריק אַ פרעג געטאָן.

דאָס איז געווען נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך צוריקגעקערט פון אַ שפּאַציר אין די קריסטלעכע געסלעך. די געסלעך פלעגן יידישע בחורים און מיידלעך געוויינטלעך אויסמיידן, אויף זייערע נאַכטיקע שפּאַצירן.

— כ'האָב אירע בילדער און דו וועסט זיי קאָנען אָנקוקן...

אין איינעם אַ זומער־טאָג, נאָך דער אַרבעט האָט פאַן וולאַ־דיסלאַוו געוואַרט אויף שוועען הינטערן שטאָט, מיט זיין וועלאָ, שוועע איז אָנגעקומען אַ צערויטלטע — דערוואַרעמט פון דער זון, און פון איילן זיך איבער די גאַסן צום עק שטאָט.

זי איז געזעסן אויפן ראָם, און אירע פיס האָבן זיך געוויגט ווי זי וואָלט געזעסן אויף אַ הוידע. איר קערפּער איז פעסט איינגע־פּרעסט צווישן וולאַדעקס הענט און זי האָט געפילט דעם הויך פון זיין אָטעם אויף איר האַלדז, און די פייכטקייט פון זיינע ליפּן... זיי זענען אַריינגעפאָרן אין וואַלד. אין אַ זון־באַגאָסענער פּאָליאַנע האָט זיך דער וועלאָ פאַרהאַלטן.

— דאָ איז אַן אידיליע — האָט וולאַדעק געזאָגט און אָנגע־שפּאַרט דעם וועלאָ אין אַן אָפּגעהאַקטן סאָסנע־שטאַם.

— ס'איז שטיל. נאָר דער ווינט רוישט אין די ביימער־שפּיצן, געפעלט דיר דאָ?

— דער וואַלד שמעקט וווּנדערלעך, פאַרשיכורט קען מען ווערן

— האָט שוועע געענטפערט.

זיי האָבן זיך אַנידערגעזעצט.

פאַן וולאַדיסלאַוו האָט פון טעקע אַרויסגענומען אַ בילדער־אַלבום און עס איבערגעגעבן שוועען:

— פון אים וועסטו אַלעס געוווּיר ווערן...

אויף די בילדער איז וולאַדעק געווען צוזאַמען מיט אַ פרוי אין פאַרשידענע פּאָזעס — ביים ים און אין וואַלד, אין אַ סטויג היי און אין אַ פעלד באַוואַקסן געדיכט מיט זאַנגען. פון די בילדער האָט שוועע געזען, אַז די צוויי זענען זיך נישט קיין פרעמדע, נאָר ביז גאָר היימישע, ממש נאָנטע מענטשן, וואָס זענען ביז גאָר פאַר־נומען מיט זיך אַליין.

ביי שעווען האָט אַן אינערלעכער שטאָלץ געוואָרעמט דעם באַוווּסטזיין, אַז אַ וויכטיקער מלוכה־באַאַמטער — אַ מענטש פֿאַר וועלכן עס ציטערן אַ שטאָט מיט יידן, ווייל זיי באַשעפֿטיקן נישט קיין פֿאַרזיכערטע אַרבעטער — דער באַאַמטער פֿאַרטרויט איר זיינע סודות — אַ אַ שניידער־מיידל פֿון אַ שטיבל ביים בראָם...

איז עס דער ערשטער טראָט אין דער וועלט אַריין? האָט זי גע־פֿרעגט איר טרוים...

די סצענעס פֿון די בילדער האָבן זיך איבערגעטראָגן אין שעוועס געדאַנק און גענומען כוואַליעדיק זיך טראָגן איבער איר צאַרטן וועזן.

זי האָט וועגן דעם שוין געלייענט; נאָר דאַן זענען די מענטשן געווען אומבאַקאַנטע — דאַן האָט עס איר אויך אַ וואָרעם געטאָן — און ס׳איז פֿאַרגאַנגען. דאָ אָבער זעען די אויגן אַלץ אַזוי קלאָר, און דער מיט וועמען דאָס האָט פּאַסירט, זיצט אַזוי נאָענט פֿון איר...

דער וואַלד האָט גענומען איינשלינגען די לעצטע זון־שטראַלן.

צו יעדן בילד האָט וואָלדעק געהאַט עפּעס צוצוגעבן. אַן עפּיזאָד, אַ פּאַסירונג וואָס איז פֿאָרגעקומען טיילמאָל פֿאַר דער אויפֿנאַמע, אויסער דאָס אויג פֿון פֿאָטאָ־אַפּאַראַט. דערציילט האָט ער עס אַזוי פֿריי, ווי די פֿרוי אויפֿן בילד וואָלט גאָר געווען שעווע און זיי דערמאָנען עס צוזאַמען... אַזוי האָט ער אויך געזאָגט, און פֿון דעם האָט שעוועס האַרץ נאָך האַסטיקער גענומען קלאַפּן.

ס׳איז געווען טונקל. וואָלדעקס הענט האָבן מער נישט געהאַלטן די בילדער. די הענט האָבן געצערטלט די רונדע פֿאָרמען פֿון שעוועס קערפּער. זיי האָבן געזוכט זייער נאָקעטקייט. פֿון די פֿינגער־שפּיצן איבער זיין קערפּער זענען געלאָפֿן הייסע כוואַליעס פֿון וועלכע זיין אָטעם איז געוואָרן קירצער, אָפּגעהאַקט און געדיכט.

זייערע ליפּן האָבן זיך באַגעגנט אין דער וואַלדיקער טונקלקייט, און צוגעפֿאַלן צו איינאַנדער. שעווען האָט עס גענומען רוישן אין קאָפּ, ווי זי וואָלט זיך אָנגעטרונקען מיט אַ געטראַנק וואָס האָט געקאָנט הייסן: ליבע... יעדער אבר האָט געבענקט נאָך צערטלעכקייט און דעריבער איז דער קערפּער נאָכגעגאַנגען דעם דאָזיקן געפֿיל. זייד האָט גערוישט צווישן פֿינגער. קנעפּלעך האָבן מיט גוואַלד זיך אָפּגע־ריסן פֿון זייער פֿאָדעמדיקן שטאַם מיט וועלכן זיי זענען געווען באַ־האָפֿטן צום זייד. הענט האָבן בריענדיק אָנגערירט לייב... מיטאַמאָל איז

שעווע אויפגעשפּרונגען, ווי עפּעס אין ווייכן מאָך פון וואַלד וואָלט איר אַ ביס געטאָן. דאָס איז געווען אַ קליינער פונק אין איר מוח וואָס איז אַרויסגעשפּרונגען ווי ביי אַ קורץ־שלוס, ווען צוויי עלעק־טריש־געלאָדענע דראָטן פון פאַרשידענע פּאָליוסן באַגעגענען זיך. צו איר פלירט מיטן פּאַן וולאַדיסלאַוו — האָט זי פאַר זיך אָנגעצייכנט די גרענעץ — דאַרף זיין נאָר אויף אַזוי פיל, אַז ער זאָל מיינען, אַז ס'וועט עפּעס זיין דערפון. דערווייל מיידט ער אויס דעם וואָר־שטאָט, און פון דעם זענען צופרידן סיי די באַלעבאָסטע און סיי די מיידלעך. זיי פאַרקוקן אַפילו ווען שעווע שפּאַצירט אַרום מיטן „קאַסעבאָרעניק" אין די אָוונטן, וועגן וואָס מען נעמט שוין אונ־טערטראָגן קלאַנגען...

דער פונק האָט באַלויכטן די גרענעץ, וועלכער זי האָט אין אַ מינוט פון פאַרגעסונג אַריבערגעשפּאַנט...

— ניין, נישט היינט — האָט זי געזאָגט מיט אַ טאָן וואָס האָט געמיינט אי געבעט, אי אַנטשלאָסנקייט. — לאָמיר פאָרן אהיים, עס ווערט שפּעט...

פּאַן וולאַדיסלאַוו האָט נישט געפּרוּווט דערווידערן. ער האָט שוין געקענט שעוועס קאַפּריזן און געוווּסט, אַז ער געפעלט איר דווקא, צוליב זיין האַלטן זיך ביי דער גרענעץ — וועלכער שעווע האָט אָנגעצייכנט.

— זי וועט סיי ווי פאַלן איבער מיינע הענט, זי וועט זיך שוין נישט אַרויסדרייען — האָט ער זיך אַליין פאַרזיכערט — צו וואָס איילן, איבערציען די סטרונע. אַז זי איז שוין סיי ווי כמעט מיינע...

די אויסגעטראָטענע סטיעזשקע האָט זיך געוויסט ביים ראַנד פון נאַכטיקן וואַלד. זיי האָבן נישט גערעדט צווישן זיך. אויף די פעלדער האָבן היי־שפּרינגערס געגרילט. די קייט וואָס האָט געטריבן די צאָרן־רעדער פון וועלאָ האָט זיי באַגלייט מיט אַ שטילן זשומען.

ביי ערשטן שטאָטישן לאַמטערן, האָבן זיי זיך אָן ווערטער צעזעגנט מיט אַ לאַנגן קוש.

יעדער איז אוועק מיט זיין אייגן וועג, ווי פרעמדע...

זיין מענערישער שטאָלץ איז נישט געווען אָנגעריכט. די ציטערנ־דיקע צוגעלאָזנקייט פון שעווען, דער געראַנגל פון פּרימיטיוון אינ־סטינקט, אויף וועלכן ער האָט געשפּילט ווי אויף אַ פידל — האָבן אים אָנגעגורט מיט האָפענונג.

קאַפּיטל דריי

אבצניאַריקע

דאָס בוך איז אַ פענצטער דורכן וועלכן מען קוקט אַריין אין לעבן. און ליפּע שאַפּיראָ האָט ליב געהאַט ביכער. נישט מער, ער האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין ווי אַזוי מען קען שטיין מיט ביידע פיס אין לעבן, און דאָך דאַרפן אַריינקוקן דורכן פענצטער.

עס האָט גענומען צייט ביז ער איז דערגאַנגען, אַז ביכער מיינען אַ פענצטער אַריינצוקוקן אין יענעמס לעבן; און קוקנדיק אויף עמעצן קען מען אַמאָל דערזען זיך אויך.

נאָר דערווייל האָט ער זיך נישט באַגעגנט...

דאָס האָט אים נישט געאַרט. וואָס אַן אמת, ער האָט זיך נישט געזוכט. זיין איך, מיט וועמען ער וואַקסט שוין אַזוי צוזאַמען אַ יאָר אַכצן, איז פאַר אים נישט געווען אַזוי קאָמפּליצירט ער זאָל דאַרפן זוכן אַ פאָרמול די דאָזיקע קאָמפּליקאַציע צו דערקלערן. זיין איך איז פאַר אים געווען אַזוי איינפאַך, ווי דאָס שטיק שוואַרץ ברויט וואָס ער עסט אויף פרישטיק.

ליפּע שאַפּיראָ איז געווען ווי יעדער אַנדער יונגער מענטש אין שטעטל.. ער האָט בלויז צו זיין באַגרענעצטער וועלט צוגעבויט נאָך איין וועלט, נאָר צוגעבויט האָט ער זי פון אינעווייניק. אין איר האָט ער געלעבט שעהן, טעג און אַפילו נעכט. אין דער דאָזיקער וועלט איז ער אַנטלאָפן פון לעבן. דאָרט האָט ער געלאָזט זיין געדאַנק וואַנדערן אָן אַ ציל, אָן מורא ער זאָל זיך אָנשלאָגן אָן עפּעס וואָס דערווידערט אָדער פרעמדס. ווי אין אַ גאָרטן, האָט ער אין דער וועלט קולטיווירט, געלאָזט שפּראָצן געפילן. אויך זיי, די געפילן זענען געווען פאָרעמלאָזע, כאָטש אַ נאַטירלעכער אינסטינקט האָט זיך געמיט זיי צו געבן נישט נאָר אַ פאָרם, נאָר אויך אַ ריכטונג.

אין דער דאָזיקער וועלט איז ער געווען אי הערשער, אי זייטיקער צוקוקער. די דאָזיקע וועלט איז געווען ווי דער לויפט־רוים: גרענעצלאָז.

אָן דער לופט פון דער דאָזיקער וועלט, האָט זיך ליפּע שאַפּיראָ אויסגעדאַכט, וואָלט נישט מעגלעך געווען צו אָטעמען אין די ענגע ווענט פון שטעטל.

אָבער נאָך אַלעמען קען א מענטש, בפרט נאָך א יונגער מענטש נישט לעבן אליין אפילו אין זיין אינערלעכער וועלט; אפילו דאַן ווען ער געוועלטיקט אין איר. די אָנזאַמלונג פון געדאַנקען און געפילן זוכן א וועג פון אויסדריקן דאָס אָנגעזאַמלטע.

אָפט פּאַסירט, אז די אינערלעכע קוואַליקייט וואָס נעמט זיך דורכשלאָגן פּרובירט דער יונגער מענטש אריבערפירן אין אַן אנדער פאָרם, עס זאָל נישט פארלוירן גיין. אָט ווי שרייבער טוען עס, דורך אריבער פירן זייער מחשבה אין געדרוקטן וואָרט און שאַפן ביכער.

דער מענטש, וואָס פארמאָגט אָבער נישט די פעאיקייט און קלאָרקייט פון טיילן זיין מחשבה מיטן פּאַפּיר, נעמט זוכן זיין פריינד און חבר, וועלכער זאָל קענען אויפנעמען דעם פאָדעם פון געדאַנק און אים העלפן ווייטער שפּינען. דער פריינד ווערט דאַן א שותף, א מבין, אַן אָפּשאַצער — אָדער גאָר דער וואָס צערייסט דעם פאָדעם כדי אין פּלאָנטער אריינפירן א שטראָל ליכט. עס טרעפט אויך, אז דער פריינד פּרובירט גאָר פון דעם פאָדעם אויסשפּינען אַנדערע געוועבן. סיי ווי, דער מיינונגס־אויסטויש ווערט א מין גראָבן, אין וועלכן עס פליסן די וואַסערן פון דורכגעשלאָגענעם קוואַל.

עפּעס ענלעכעס איז פאָרגעקומען אין ליפּע שאַפּיראָס אויס־געטרוימטער וועלט.

✶

דער ברייטער, פיר־קאַנטיקער טיש איז פארדעקט מיט א גומירט טישטוך, וועלכן די מאַמע רופט אָן צעראַטע. די דאָזיקע צעראַטע איז היפּשלעך אויסגעריבן ביי דער זייט וווּ עס שטייט אַן אַלטער, טיפער פאָטעל. דער דאָזיקער פאָטעל, כאָטש ער פארמאָגט שוין נישט יענע אייננשאַפטן וואָס עס דאַרף פארמאָגן א שטול מיט אַזאַ צוזאָגנדיקן נאָמען, ווי פאָטעל, דאָך שטייט ער קיינמאָל נישט ליידיק. ווייל — אָדער די קאַץ ליגט אויף אים צוזאַמענגעקנוילט

אין א ביינגל, אָדער ליפּע זיצט אויף אים און א בוך איז אָנגעשפּארט אָן טיש. (פון דעם — מיינט די מאַמע — איז די צאַראַטע טאַקע אויסגעריבן).

דעמאָלט האָט די קאַץ נישט קיין ברירה נאָר זיך איינצונורען אין ליפּעס שויס און אזוי ווייטער דרימלען איר פוילן, קעציישן דרימל. ווייל ליגנדיק אין ליפּעס שויס, פילט זי זיך נאָך אַלץ גאָר נאָענט צום פּאָטעל, וועלכן זי איז גרייט צו פארנעמען, ווי נאָר ער וועט זיך באפרייען.

מיט איין האַנט מישט ליפּע די בלעטער פון בוך, און מיט דער אַנדערער גלעט ער דאָס וואַרעמע, ווייכע, פּלושענע פוטערל פון דער קאַץ. די פינגער גליטשן זיך צווישן די האָר, און ער פילט דאָס לעבן וואָס פּליסט אזוי רואיק און שלאָפּעדיקן בעל־חי. ער האָט דאָס געפיל, אז דורכן קעצל איז ער פארבונדן מיט דער נאַטור. די דאָזיקע געוווינשאפט פון זיין צוגעבונדן צו דער הויז־חיה, איז מיט אים מיטגעוואַקסן, ווי עס וואָלט געווען א טייל פון אים.

שעווע האָט עס באַמערקט. אפילו מער ווי באַמערקט. זי האָט גוט געקאָנט אָט די דאָזיקע פירונג זיינע. די דאָזיקע פירונג איז פאר איר געווען נאָך איין רעטעניש, וואָס זי האָט נישט געקאָנט דערגיין:

— פארן קעצל האָט ער וואַרעמקייט. צערטלעכע רייד. צו מיר, זיין חברטע, צו זיין נאָענטן פריינד איז ער מאָדנע טרוקן, צוריק־געהאַלטן. קאַרג אויף א וואַרעם וואָרט...

די דאָזיקע פירונג זיינע איז די מאָס מיט וועלכער שעווע מעסט ווי ווייט ליפּע איז שוין אויסגעוואָקסן פון זיינע ייִנגלישע, כמעט קינדערשע פירעכצן...

— מאָדנע — טראַכט שעווע. דוכט זיך, זי קאָן שוין אים גענוג לאַנג. דורכט זיך: די ביכער וועלכע ער לייענט האָבן אים פאר דער צייט אַלט געמאַכט. אז ער צערעדט זיך אזוי אין א טונקעלן אָוונט, ווען זיי שפּאַצירן צוזאַמען און זי זעט נישט זיין פּנים, הערט זי רעדן אַן אַלטן מאַן, וואָס האָט שוין דאָס לעבן הינטער זיך. די רייד — אויסגעריסענע שטיקער לעבן, אָט ווי מען רייסט אויס מיט גוואַלד א שטיק וואַנט פון א בנין. אָפּגעשיילטע ציגל, שטיקער טינק, עס וואַקלט זיך נאָך א בילדל אין ווינט, וואָס איז על־פּי צופאַל געבליבן הענגען אויפן נאָגל. אין דעם דאָזיקן לעבן, קען מען מיינען, האָבן פרויען פארנומען א היפּשן אָרט. אַלץ איינס: דערפאָלגן אָדער

דורכפאַלן האָבן געפּורעמט אָט די דאָזיקע דערפאַרונג. אָנגענומען מיט דער דאָזיקער דערפאַרונג האָט ער געמאַכט באַמערקונגען ביי־סיקע, וואָס האָבן זיך אין שעווען איינגעקלעמט ביז ווייטאָג. אָט ווי זי אליין וואָלט עס וועלן זיין מיט ליפּען...

כאָטש דאָרט, אין פּאַרק, אין רעגן האָט ער ארויסגעוויזן סימנים פון איינעם, וואָס האָט שוין א באַדערפעניש פאַר עפּעס, וואָס איז מער — ווי גלעטן דער קאַץ...

דעמאָלט טראַכט שעווע: אזוי רעדט איינער, וואָס ווייס שוין אַלץ...

שעווע פארגעסט אַמאָל אירע טענות, און אין דעם פאַרלאַנג צו זען ליפּען אזא — ווי זי וואָלט וועלן ער זאָל זיין — ווי ער וואָלט שוין לויט זיין שכל באַדאַרפט זיין...

דעמאָלט איז ער פאַר איר דער בחור פון דער ברייטער גאַס. זי איז צופרידן צו האָבן אזא פריינד, א חבר וואָס טיילט מיט איר זיינע געדאַנקען; וואָס וויל אז אויך זי זאָל לייענען די זעלבע ביכער. דורך זיי וועט זי אויסגעפינען וואָס ער פילט.

וואָרעם ליפּע שאַפּיראָ איז געווען ביז גאָר איינזאַם אין זיין אינערלעכער וועלט. אפילו צו אַנטלויפן פון לעבן אהין האָט ער געוואָלט זאַלבעצווייט. אין יענער פאַרבאָרגענער וועלט האָט ער שעווען געזען אַנדערש, און די דאָזיקע אַנדערשקייט האָט דער אָכצנ־יאָריקער בחור געפּרוּווט צו באַנעמען מיט אַלע זיינע חושים.

די וועלט, אין וועלכער ליפּע איז אריינגעוואַקסן און האַלט אין מיטן פון פאַרנאַנדערבויען — די דאָזיקע נישט־רעאַלע וועלט האָט שעווע איבערגעהיפּט.

פון א יונג מיידל איז זי מיטאַמאָל געוואָרן א פרוי, וואָס פילט מיט די חושים פון א פרוי, די שטייגנדע געפילן וועלכע די צייטיקייט האָט ארויסגערופן. זי ווייס וואָס זי פאַרלאַנגט פון לעבן.

—אַנדערע ווילן מיך ארומנעמען, א גלעט טאָן: אפילו קושן... אָבער דו... דו ביזט אזוי קאַלט ווי א...

ס'האָט איר פאַרדראָסן זיין באַנעם. וואָרעם דער קאַץ ווייזט ער ארויס מער געפילן.

— אויב דו פאַרמאָגסט אביסל וואַרעמקייט, איז עס בלויז פאַר דער קאַץ — האָט זי אים אויסגערעדט.

— מישקאַ! — האָט זי אַפילו פּרובירט נאָכצומאַכן זיין שטים, ווי ער צערטלט די קאַץ. די צערטלעכקייטן האָסטו געמענט באַהאַלטן פאַר עמעצן אַנדערש...

ליפּע האָט איר אַנגעקוקט זייטיק, מיט אַ האַלבן בליק און געשוויגן. ער האָט געזען אירע ליפּן: זאַפטיקע פלוימען אויסגעוואַקסענע אין דער זון. איר בוזים — סאַמעטענער מאָך צופוסנס פון אַ בוים; דער בליק פון איר שמייכל, פון אירע אויגן — זון־שטראַלן. אַנטקעגן אַ שפּיגל בלענדן זיי.

פאַר ליפּען איז געשטאַנען אַ פרוי.

דעמאָלט האָט ער טראַכט געטאָן:

— צו אַלדע שוואַרצע יאָר מיט די קלוגע ביכער. דאָרטן איז אַלץ פּשוט, אָן אינערלעכע ראַנגלענישן. מענטשן האָבן אידעאַלן: הויכע, קלעטערדיקע; אַלץ זיך צו דערהויבן איבער די מיט־מענטשן; פאַר גרויסע זאַכן, פאַר געשיכטע, פאַר אויפטרייסלונגען. אָבער ווו זענען די אידעאַלן פאַר יעדן טאָג?

אָט שטייט ליפּע, דוכט זיך, פאַר אַן איינפאַכן פּראָבלעם:

— צי קען מען סתם אַזוי צערטלען אַ מיידל, אַפילו דעמאָלט ווען מען האָט זי נישט ליב?

און עס קומט אים אויס, אַז ער קען נישט האַנדלען ביז דאַן — ביז זיין האַנדלונג וועט זיין אין איינקלאַנג מיט זיין געוויסן. ער מוז זיין זיכער ביי זיך, אַז דאָס וואָס ער טוט איז נאָר דערפאַר, ווייל ער האָט איר ליב. און אויב ער האָט זי נישט ליב? מעג ער וועקן אין איר האָפענונגען?

שעווע האָט געפילט, אַז עפּעס קומט פאָר אין ליפּען; עפּעס וואָס עס איז דוכט זיך מיטן האַנט אָנצוטאַפּן און דאָך אַזוי ווייט. זי האָט עס נישט פאַרשטאַנען. פּונקט ווי זי האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס עס קומט פאָר אין איר איידער דאָס הינדעלע פּיקט זיך אויס. זי האָט אַרויסגעוויזן אַ סך געדולד. געוואַרט אַז אין ליפּען זאָל זיך אויספּיקן דער מאַן. דערווייל האָט זי אַפילו פּרובירט מיטמאַכן ליפּעס ייִנגלשע פאַרמעסטן. די צוויי בחורים: פּויצע און ליפּע האָבן פּרובירט אַרויסצוגעבן אַ זשורנאַל. זי האָט אַפילו זיי אויסגעבאָרגט געלט פאַרן קאָפּירער, אויף וועלכן מען האָט אַרויפגעקלעפּט אַ קלישע באַשריבן מיט טוש און שפּעטער אָפּגעצויגן די קאָפּיעס.

געקלערט האָט זי אַז עס איז אַ שפּילערײַ אַזאַ. אפשר די לעצטע שפּילערײַ אײדער ליפּע װעט ענדלעך אױסװאַקסן פון זײַנע קינדער־רײען. אָט װי דאָס הינדעלע װאַקסט אױס פונעם אײ און עס נעמט לעבן אין אַ נײַער פאָרם.

אין דער נײַער פאָרם, האָט זי געהאָפט — װעט ליפּע ענדלעך קענען אָפּפילן דאָס, װאָס זי פילט שױן פון לאַנג...

קאַפּיטל פיר

אין יענער נאַכט...

שעװע איז געבליבן לענגער אין װאַרשטאַט. דאָס איז קײן נײַעס נישט געװען. אָפט פלעגט זי אין די װינטערדיקע אָװנטן פאַר־בליבן אביסל שפּעטער, כדי אױסצוענדיקן אַ פוטערנע מופקע פאַר אײנער פון דינטשעס פריצטעס. אַ בלױע טונקלקײט האָט זיך צעלײגט אױף יענער זײַט פענצטער, און די פון פראָסט־באַזילבערטע שױבן האָבן געשימערט מיט אײזיק־קאַלטן גלאַנץ. שעװע האָט פלינק געצװיגן די נאָדל דורכן שװאַרצן פעלעכל, און פון צײַט צו צײַט געכאַפּט אַ קוק צום װאַנט־זײגער, װאָס האָט פּאַװאָליע, מיט דער רואיקײט פון אײנעם װאָס װײס דעם װערט פון צײַט — אױסגע־מאָסטן די שעהן.

אײגנטלעך האָט זי געקענט די אַרבעט מיטנעמען און אױס־ענדיקן בײַ ליפּע שאַפּיראָן אין צימער, װי זי טוט עס אָפּטמאָל. דאָרט האַלט מען איר שױן כמעט װי פאַר אַן אײגענער. װאָרעם אַהײם האָט זי סײַ װי קײן חשק נישט צו גײן. טאָמער מוז זי זיצן אביסל שפּעטער און עפּעס טאָן, הײבט די מאַמע אָן צו קרעכצן; זיך דרײען פון אײן זײַט אױף דער צװײטער און װי סתם אין דער װעלט אַרײַן נעמט זי רעדן:

— דער טאָג איז קליין. נאָך נישט צייט נאַכט צו מאַכן...

פונדעסטוועגן האָט זי זיך נישט געאיילט. זינט זי האָט באַקענט דעם פאַן ווישניצקי, איז איר ליפּע אויסגעקומען נאָך מער יינגלען־רישער ווי פריער.

— ווי פיין ער קען עס רעדן — האָט זי פון אים געטראַכט — ווי דעליקאַט ער באַנעמט זיך עס, א ריכטיקער פּריץ. עס שמעקט אַזש פון אים. און כאָטש ער ווייס, אַז איך בין נישט מער ווי שניי־דער־מיידל, האָט ער גערעדט צו מיר, ווי צו א גימנאַזיסטקע.

און שעווען האָט זיך זייער געוואָלט פילן אין דער ראָל פון א גימנאַזיסטקע — א שול־מיידל; אין גראַנאַטן קליידל מיט ווייסן קאָלנערל און מיט פאַרנעפּלטע טרוימערישע אויגן — וואָס קוקן אויס אויפן פּרינץ, וואָס וועט קומען אויפן ווייסן פערד און דאַן...

זי האָט אויף א ווייל געפּרוּווט איבערכיטרעווען דעם גורל און אויף א ווייל זיין א זאָרגלאָזע, צעפּיעשטשעטע גימנאַזיסטקע. (פון וואַנען האָט זי געזאָלט וויסן — אַז פון זיך אליין איז נאָך דערווייל קיינער נישט אַנטלאָפן?...).

עס האָט איר געצויגן צו די ברייטע מויערן, די גלייכע גאַסן, וואָס ציען זיך לענגאויס זיי. די גאַסן באַלויכטן פון מילך־ווייסע לאָמפּן, שיינען איבער די ציכטיקע טראָטוארן. דעם ערשטן שריט אהין האָט זי שוין געמאַכט — ווייל ליפּעס הויז איז געוואָרן איר צווייטע היים.

— ווען ער וואָלט כאָטש געווען אביסל צאַרטער, מער פאַר־שטאַנען זיך אויף א מיידל. זיין נישט פאַרשטיין זיך האָט זי באַ־דויערט, וואָרעם זי האָט זיך שוין צו ליפּען אויף אַזוי פיל צוגע־ווינט, אַז ער האָט אָנגעהויבן צו פאַרנעמען אַן אָרט אין איר לעבן.

— אַז קיין ריכטיקן קוש אפילו קען ער נישט געבן... האָט זי זיך פאַרענטפערט פאַר זיך אליין — און זיינע צערטלעכקייטן זענען אַזוינע כאַפּעדיקע, ווי ער וואָלט זיך ערגעץ געיאָגט... און אַלץ שווייגנדיק, ווי ס׳וואָלט אים עפּעס געקומען ביי מיר... פאַן ווישניצקי איז באַשטימט אַנדערש...

מיט וואָס ער איז אַנדערש האָט זי נישט געוווּסט. נאָר א פאַר־געפיל, א דינע אומזעבאַרע סטרונע האָט ערגעץ ווו אין איר א וויבריר געטאָן פון דער וואָרעמקייט, וואָס האָט זיך געטראָגן פון פאַן ווישניצקי.

טאַדעאוש ווישניצקי, א וווּקסיקער, ברייט־פּלייציקער פּאָליאַק, אין א מאַנטל וואָס איז אויף אים לויז געהאָנגען, אין א ברוינעם, ווייכן הוט — האָט זיך אין א האַרבסטיקן טאָג באַוויזן אין שטעטל. מיט לאַנגע טריט האָט ער דורכגעשפּאַנט דאָס שטעטל אין דער לענג און אין דער ברייט, פון איין עק ביזן צווייטן, און אויפן אָרט אַרויסגעטראָגן זיין אורטייל:

— דזשורא! א העק...

פאַר זיינע אויגן איז אצינד געשטאַנען דער פּרעזידענט פון קריסטלעכן סוחרים־פאַרבאַנד אין וואַרשע. ער איז אַזוי געשטאַנען מיט דער שווערער גאָלדענער קייט וואָס האָט זיך געצויגן איבער דער ברייט פון זיין צעגאָסענעם בויך, און מיט די שמאָלע אויגעלעך, וואָס האָבן געגלוט אויף ווייכע קישעלעך. — שמאַלציקע אייגעלעך געהאַט — פּשיא קרעוו...

זיי האָבן נאָר־וואָס פאַרענדיקט דעם מיטאָג אין איינעם פון די רייכע רעסטאָראַנען — א מיטאָג מיט געטראַנקען, אַזא מיטאָג האָט קיין איינער פון די פאַרזאַמלטע סטודענטן זיך נישט געקאָנט דערלויבן.

— פּאַנאָוויע — אַזוי האָט געזאָגט דער פּרעזידענט — איר, די שענצטע קינדער פון אונדזער פּאָלק האָבן אצינד פאַרענדיקט דעם אוניווערסיטעט, דעם פּאָליטעכניקום. איר זענט אינזשיניערן. אָבער דאָס פּאָטערלאַנד האָט אויף אייך אַרויפגעלייגט אַן אַנדער פליכט — ער האָט אָפּגעהאַקט, ווי ס'וואָלט אים טרוקן געוואָרן אין האַלדז, א טרונק געטאָן פון א געשליפענעם באָקאַל — צייט־ווייליק, נאַטירלעך. יעדערער פון אייך וועט אַריינפאָרן אין אַן אַנדער פּראָווינץ־שטאָט, זיך אויפמאַכן א געוועלב, כדי ערלעכע קריסטן, פּאָליאַקן זאָלן נישט דאַרפן אָנקומען צו די יידן־מאַשעניקעס. עס איז צייט, אז מיר זאָלן אַריינעמען דעם האַנדל אין אונדזערע אייגענע הענט, ווי ס'איז דער ווּנטש פון אונדזער פּרעמיער, וועל־כער האָט דערויף געזאָגט: „אָווּשעם"*

טאַדעאוש ווישניצקי האָט אצינד געהאַט חשק אָנצושפּייען דעם פּרעזידענט אין פּעטן פּרצוף אריין:

---

* אָוושעם — פּויליש — ביטע זייער.

— אליין געבליבן אין וואַרשע, פּשאַ קרעוו, מיט די געשמינקטע ווייבלעך און איך זאָל זיך פאַרנודזשען אין דעם העק...

נאָר צוריקגעפאָרן איז ער נישט. וואָרעם אזוי לייכט קריגט מען שוין א פּאָסטן אלס אינזשיניער?! אין טאַש ביי אים איז געלעגן די פאַרפליכטונג, וועלכע ער האָט אונטערגעשריבן.

אין מאַרק האָט ער אָנגעציילט אָן א שיער קראָמען:

— דאָ איז דאָך נישט וואַרשע, צו וואָס דאַרף מען זיי דאָ אַלע, און ווער קויפט אין זיי?

אין איינער פון די מאַרק־געביידעס האָט ער פונדעסטוועגן אויפגעמאַכט א קראָם, מיט א שילד: „סקלעפּ כזשעשציאַנסקי"** פאַר א סגולה צו פּרנסה. אין פענצטער אויסגעלייגט די נייסטע מוסטערן, וואָס וואַרשע האָט אים מיטגעגעבן.

אויף ניי־יאָר איז זיין יונגע פרוי, די עלעגאַנטע סעקרעטאַרין פון אן אויסלענדישער פירמע אראָפּגעקומען.

— דאָ טייערע איז נישט וואַרשע — האָט ער געזאָגט — קוקנדיק אויף איר ענג געפּאַסטן מאַנטעלע, דאָ איז סיביר — פּשאַקרעוו...

זענען זיי אוועק אין בעסטן שניידער־וואַרשטאַט, אין דינטשעס אַטעליע, און טאַדעאוש האָט באַשטעלט א וואַרעמען מאַנטל מיט א פוטערנער מופקע, די הענט זאָלן נישט פרירן

— פון מיינע ערשטע פאַרדינסטן — האָט ער מיט שטאָלץ צוגעגעבן. צום אָנפּאַסן האָט דינטשע מיטגענומען שעווען.

— אז דער פּויליש אין איר מויל קלינגט גאָר אַנדערש — האָט זי זיך פאַרענטפערט פאַר די מיידלעך. זי איז איר פּעאיקסטע שילערין, און אחוץ דעם איז זי מיט שעווען היימישער. זי פילט זיך מיט איר כמעט ווי משפחה, וואָרעם ליפּעס עלטערן זענען אירע יוגנט־חברים. איז עס שעווע די — פאַר וועמען זי קען דערמאָנען אירע מיידלשע יאָרן. טאַדעאוש ווישניצקי איז מיטגעקומען צום מעסטן.

— סאַראַ וווּנדערבאַרע פיגור דו האָסט — האָט ער באַוווּנדערט זיין פרוי, ווען זי האָט זיך געדרייט פאַרן שפּיגל.

** קרישטלער געוועלב.

— טאַק, טאַק — האָט דינטשע צוגעגעבן. — אַזאַ פיגור איז נישט לייכט צו געפינען, און ס'איז אַ פאַרגעניגן צו נייען דערויף...

שעווע האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ זייטיקן בליק. זיין געשטאַלט, זיינע בלויע אויגן, און די שפּראַך... זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט, און ער האָט איר געשענקט אַ שמייכל. זי האָט צוריקגעשמייכלט, און אין דער זעלבער רגע באַמערקט, ווי איר בליק נעמט אים אַדורך, און זיינע אויגן ציען זיך צוזאַמען... ס'האָט זיך שעווען געדוכט, אַז זיי זענען שוין אַלטע באַקאַנטע. אַ רויטקייט האָט איר באַגאָסן, ווען זי האָט זיך אַראָפּגעבויגן, צוצושפּיליען די לייסט.

— זיי זענען אַ פיין פּאָרל — האָט זי שפּעטער ביים טיש דערציילט.

— ער מוז זיין גוט אין דר'ערד, צו קומען פון וואַרשע אין אַזאַ לאָך — דאָס האָט כאַשקע נישט געקענט פאַרשווייגן, מען זאָל רימען אַ פּאָליאַק, וואָס מאַכט זיך אויף אַ „סקלעפּ כזשעשציאַנסקי"

— און דאָס ווייבל — האָט זי צוגעגעבן — מוז בלייבן אין וואַרשע. ווייזט אויס, נישט פון פאַרגעניגן וועגן...

האַרט פאַר ניי־יאָר האָט שעווע אָפּגעטראָגן די באַשטעלונג. דער פרוי ווישניצקי איז געפעלן דאָס געניי, דער שניט.

— אין וואַרשע וואָלט מען זיך אויך נישט געקענט פאַרשעמען מיט אַזאַ מאַנטל.

שעווע איז צופרידן וואָס מען רימט איר אַרבעט.

פּאַן ווישניצקי האָט איר אַרונטערגעפירט פון די טרעפּ. שעווע האָט אים דערפילט האַרט נעבן זיך.

— איז ווען זעען מיר זיך, דו שיינע יידישקע? האָט ער מיט אַ געלעכטער אַ פרעג געטאָן.

— דער פּאַן איז דאָך פאַרהייראַט, און אַזאַ עלעגאַנטע פרוי דערצו — האָט שעווע אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

— אין צוויי וואָכן אַרום פּאָרט זי צוריק — האָט ער געזאָגט שוין ערנסט. איז ווען סטו אַרויפקומען? ס'איז אַזוי אומעטיק דאָ, אַז מ'קען אויסגיין פון נודאָטע. דו זעסט אויס צו זיין אַ קלוג מיידל, מ'קען מיט דיר אינטערעסאַנט פאַרברענגען...

שעווען האָבן צענומען די לויב־רייד וואָס אַן אינזשיניער פון דער גרויסער שטאָט שענקט איר, און זי האָט געפילט, אַז זי וואָלט אים באַליידיקט, ווען זי זאָגט: ניין.

ב.

די ברייטע גאַס איז פאַרשנייט. די שליטנס האָבן אין שניי אָפּגעדרוקט טיפע שפּורן. אַצינד גלאַנצן זיי אין ליכט פון די גאַסן־לאָמטערן ווי אייזנבאַן רעלסן. דער פראָסט סקריפּעט אונטער די טריט, כאָטש די טראָטואַרן זענען אויסגעשיט מיט געלן זאַמד.

שעווע איילט זיך. דעם קאָלנער הויך אויפגעשטעלט, די הענט איינגעגראָבן אין דער וואַרעמער מופקע, גייט זי איבערן גאַס. דאָס איז דער אָוונט ווען זי האָט צוגעזאָגט דעם פאַן ווישניצקי אַרויפ־צוקומען. זי ווייס, אַז ליפע וואַרט אויף איר. ער זיצט ביים קאַבל־אויוון, לייענט אַ בוך, און ווי יעדן אָוונט — וואַרט ער אויף דער באַגעגעניש. זי האָט קיין האַרץ נישט געהאַט צו זאָגן אים, אַז זי וועט נישט קומען.

— צו וואָס? ער דאַרף עס נישט וויסן. מאָלע מיט וועמען עס קומט איר אויס צו רעדן... און סיי ווי — זי קלייבט זיך דאָרטן לאַנג נישט זיצן, העכסטנס אַ האַלבע שעה, פון העפליכקייט וועגן.

פאַן ווישניצקי האָט געוווינט נישט ווייט פון ליפען, איז זי דעריבער געגאַנגען דעם זעלבן וועג ווי שטענדיק. וואָלט אַ באַקאַנ־טער איר באַגעגנט, וואָלט ער זיך באַגריסט און ווייטער געגאַנגען זיין וועג. אים וואָלט גאָרנישט איינגעפאַלן צו פרעגן: וווהין? עס איז דאָך נאַטירלעך, אַז זי זאָל גיין צו ליפע שאַפּיראָ.

זי האָט עטוואָס פאַרהאַלטן איר גאַנג, און איז אַריין אין אַ טויער. דאָס האַרץ האָט גענומען האַסטיקער קלאַפּן: סיי פון דער־וואַרטונג, און סיי פון אויפרעגונג, וואָס זי וועט מיט אַ פרעמדן מענטשן דאַרפן זיין אליין.

— וועט איר פוילישע זיין גוט גענוג, זיך נישט צו פאַרשעמען?!

טאַדעאוש ווישניצקי האָט דערהערט לייכטע טריט אויף די טרעפּ, און איידער נאָך שעווע האָט באַוויזן אָנצוקלאַפּן, האָט זיך די טיר אויפגעמאַכט.

— אָ, אַ ליבער גאַסט. קומט אַריין, קומט אַריין!

— ס'איז אַ פראָסט אביסל אין דרויסן — האָט שעווע דרייסט אַ זאָג געטאָן, אָפּלייגנדיק די מופקע און די הענטשקעס אויף אַ שטול.

ער האָט מיט אַן איידעלער, אָבער צודרינגלעכער באַוועגונג אָנגענומען איר מאַנטל ביי די אַקסלען, און שעווע האָט פאַרשטאַנען אַז זי דאַרף אים אויסטאָן. שעווען איז געווען אביסל נישט באַקוועם,

ווייל זי האָט זיך אויף דעם נישט געריכט. איר פּשוט קלייד, דער בלויער סוועטער מיט די פּאָמפּאָנען וואָס זענען איר אראָפּגעהאָנגען פון האַלדז ווי קאַרשן, צוזאַמען מיט איר פאַרלעגנהייט — האָבן אַרויסגערופן ביים פּאַן ווישניצקי דעם פאַרקערטן אַריינדרוק, ווי זי האָט דערוואַרט. ער האָט דערזען פאַר זיך אַ צניעות'דיק, שוואַרץ־חנעוודיק יידיש מיידל.

— עסטערקאַ — האָט ער צו זיך אַ פליסטער געטאָן.

— זיצט, פילט זיך היימיש. רופט מיר פּשוט: טאַדעק, אַזוי ווי סטודענטקעס האָבן מיר גערופן.

שעווע האָט באַשלאָסן צו זיין דרייסט, כדי טאַדעק זאָל נישט מיינען, אַז זי איז עפּעס אַ פּראָווינצער מיידל, וואָס ווייס נישט מער ווי נאָדל־פּאָדעם, און איין מאָל אין וואָך צו באַזוכן אַ קינאָ, ווו מען שפּילט אַלטע, אויסגעריבענע פילמען.

— און מיר רופט מען — האָט זי זיך גענומען פאַרשטעלן — נאָר פּאַן ווישניצקי האָט אויסגערופן:

— איך ווייס, איך ווייס — דו הייסט עסטערקאַ. אַלע יידישע שיינהייטן הייסן עסטערקאַ.

אויף אַ טישל זענען געשטאַנען פאַרשידענע פלעשער מיט געטראַנקען. טאַדעק האָט אָנגעגאָסן אַ פינקלדיקן, ברוינעם געטראַנק אין אַ גלעזערן טעפּעלע, וואָס האָט געהאַט די פאָרם פון אַ צעעפנטן בלומען־בעכער, און עס צוגעטראָגן שעווען.

— לאָמיר טרינקען פאַר אונדזער באַקאַנטשאַפט! — שעווע האָט נאָך אַזעלכע קעלישקעס נישט געזען, סיידן אין פילם. זי האָט עס צוגעטראָגן צו די ליפּן. די קלעפּיקע פליסיקייט האָט געקיצלט איר גומען. זי האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז דאָס איז אַ מין פּסח־דיקער וויין, אָדער געשטעלטער ווישניק מיט וועלכן דוד, איר באַלע־באָס, איז איר אַמאָל מכבד.

— דאָס איז איטאַליענישער — האָט טאַדעק ווי אַ מבין באַשטעטיקט.

— נאָך אַ קאָקטייל? און נישט וואַרטנדיק אויף אַן ענטפער, האָט ער ווידער אָנגעגאָסן איר גלאָז.

שעווען איז וואַרעמער געוואָרן. ווי פון זיך אַליין איז צווישן זיי פאַרשוווּנדן די דיסטאַנץ, די אָנגעצויגענע שטייפקייט. אָט דער געפיל, אַז זי איז הערש'ס טאָכטער, און ער — דער אינזשיניער פון וואַרשעווער פּאָליטעכניקום. זיי האָבן זיך דערציילט, ווי אַלטע

פריינד פון זייער קינדהייט, פון די דערפאַרונגען אין לעבן. טאַדעקס ליבעם מיט די סטודענטקעס האָבן איר מיטגעריסן, און זי האָט זיך געזען ווי איינע פון זיי.

דער ווייַן אין פלאַש איז געוואָרן ווייניקער. שעווען האָט באַ־הערשט א מין מילדע גרינגקייט, א זאָרגלאָזיקייט — ווי זי וואָלט מיט איין מאָל אריבער אין אן אַנדער וועלט. נישטאָ קיין קרעכצנ־דיקע מאַמע, קיין הארבול מיט שפּיציקע אויגעלעך און שטעכיקע רייד. אין דעם מאָמענט האָט זיך שעווען געגלוסט אויסצושטרעקן אים א צונג...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

— די ווענט פון צימער זעט מען נישט. דער זאַל איז גרויס, און זי שוועבט צווישן קאָלירטע לופט־באַלאָנען. זי זעט אזוי פיל שמייכלדיקע פּנימער און אלע אין סטודענטישע, סאַמעטענע היטע־לעך, וואָס זיצן ווילעריש אויף די בלאָנדע קעפּ, און זיי אלע ווילן זיין מיט איר, שטרעקן זייערע הענט צו איר, און זי ווייס נישט וועלכן זי זאָל אויסקלייבן... מען טוט איר אָן א רויטע סאַמעטענע לענטע מיט א גאָלדענעם אָדלער און אלע טרינקען לכבוד איר: זי, די קעניגין פון באַל! וויוואַט עסטערקאַ, די קעניגין! ליפּן — ווייכע, הייסע, זיסע, רויטע גליאיק. ציען זיך צו איר — ווייסע, פּערלמוט־טערנע ציין שמייכלען... זיי ווילן זיך איינבייסן אין איר... זיי ווילן זיך איינזויגן אין איר...

— פאַרשטייסט, ער באַדייט פאר מיר גאָרנישט... ער איז... דו ביזט אַן אַנדערער. דאָס האָט זי געטריבן פון זיך ליפּעס געשטאַלט. נאָר ווייל די געשטאַלט האָט נישט געוואָלט אָפּטרעטן, האָט זי געבעטן:

— גיס מיר אָן נאָך א קעליך... — זי האָט אויסגעשטרעקט איר האַנט, אין וועלכער עס האָט געציטערט א האַלב־ליידיקע גלאָז.

פון אירע רייד האָט טאַדעק פאַרשטאַנען, אז זי קען מער נישט איינהאַלטן די גלייכגעוויכט פון געשפּרעך, און אז דער ווייַן האָט איר אוועקגעטראָגן אין א וועלט ווו גרענעצן ווערן אָפּגעווישט, און דער מענטש איז נישט מער בכוח צו קאָנטראָלירן זיין ווילן. גאָר אַנדערע כוחות נעמען דאַן די אויבערהאַנט. כוחות אוראַלטע, וועלכע דרימלען אין מענטשן, זינט דער צייט ווען ער האָט נאָך געלעבט אין צווייגן פון ביימער, אין היילן, און דער ווילן פון מענטש איז

נישט דיקטירט געוואָרן פון זיין שכל, נאָר פון די אינסטינקטן, וואָס טראָגן אין זיך דעם באַפעל פון דער נאַטור: באַשאַפונג...

אויך ער האָט זיך געפילט באַווירקט פון דעם ווייַן, וואָס האָט גערוישט און איינגעהייצט זיין בלוט. ער האָט זיך נענטער צוגערוקט צו שוועזן. אירע מידע אַקסלען האָבן זיך אָנגעשפּאַרט אין זיין ברוסט, און זיינע הענט האָבן אַרומגענומען איר ווייסן האַלדז. מיין ווייסער שוואַן — האָט ער געמורמלט און לייכט געביסן דאָס לעפל פון אויער... זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און צוגעפאַלן צו זיינע ליפּן. די האַלב־פאַרמאַכטע אויגן האָבן פאַראַטן די הנאה פון א קאַץ, וואָס וואַרעמט זיך אויף דער זון, און א שפּעלטל לאָזט זי נאָר אָפן, כדי צו האַלטן אַן אויג אויף דער וועלט.

— ביזט א וווּל ייִנגל — טאַדעק — האָט זי אים געפּליסטערט אין ·אויער אַריין.

טאַדעקס פינגער האָבן פּיבערדיק גענומען אויפקנעפּלען איר סוועטער. די פּאָפּאָנעז, וואָס האָבן זיך ווי צייטיקע קאַרשן אַראָפּ־געלאָזט פון האַלדז, האָבן זיך געפּלאָנטערט צווישן זיי און נישט געלאָזט זיך אויפבינדן. ער האָט זיי פּעסט א צי געטאָן, און דער געפּלאָכטענער, וואָלענער פאַדעם האָט זיך איבערגעריסן. דאָס בלוז־קעלע איז געווען אויפגעקנעפּלט, און ס׳האָט זיך אַנטפּלעקט איר ראָז, מיידלש לייב. טאַדעק האָט א ווייַלע אָנגעקוקט די אַנטבלויזטע ברוסטן, וואָס האָבן זיך ריטמיש באַוועגט, ווי שעווע וואָלט געשלאָפן. ער האָט זיי באַטראַכט מיט באַוווּנדערונג, ווי מען קוקט אָן א רייפן, זאַפטיקן עפּל איידער מען בייסט אים איין. ער האָט זיך גענומען אויסטאָן. שעוועס פאַרשלאָפענער בליק האָט עס אַלץ געזען. זי איז געווען אין טראַנס פון פאַרגעסונג, און ס׳איז איר גוט געווען. טאַדעק איז צוגעפאַלן צו אירע ברוסטן און זיי גענומען קושן.

— דאָס ליכט, דאָס ליכט — האָט שעווע געמורמלט, ווי פון שלאָף. טאַדעק האָט אויסגעלאָשן דאָס ליכט, און איז צוגעפאַלן צו איר קערפּער. ער איז געווען ווייך און נאָכגיביק. זי האָט זיך צוגעדריקט צו אים. אַצינד זענען זיי געווען א געפלעכט פון מענטש־לעכע אברים, נישט צום פאַרנאַנדערטיילן: דורך די איינגעקלעמטע ליפּן איז דער אָטעם געפלאָסן ברייעדיק־הייס.

נאָכער האָט זי קאָנווולסיוו א צאַפּל געטאָן, און איז א באַ־רואיקטע איינגעשלאָפן...

ג.

ליפע האָט געקוקט אויפן זייגער, נערוועז געצויגן אין זיך דעם רויך פון די פּאַפּיראָסן און געפּרוּווט לייענען. ער האָט געזען די אותיות אויסגעשטעלט אין גלייכע שורות, זיי דערלייענט ביזן סוף און איבערגעמישט דאָס בלעטל. נאָר ביים אָנהויב פון ווייטערדיקן זייטל האָט ער שוין פאַרגעסן וואָס אין פריערדיקן איז פאָרגעקומען. דער זייגער האָט אים אונטערגעזאָגט, אז שעווע האָט דאָ געזאָלט זיין צוריק שוין מיט אַ שעה צוויי. דער קאַבל־אויוון, אין וועלכן ער האָט אָנגעשפּאַרט זיין פּלייצע איז געוואָרן לעבלעך. אַ פּרעסטל האָט זיך אריינגעכאַפּט צווישן די ביינער און ער האָט ווידער פאַרויכערט. די געשיכטע אין בוך איז אים אין קאָפּ נישט געקראָכן, ער האָט ארויסגענומען דאָס העפט, ווּ ער פלעגט פארצייכענען זיינע געדאַנקען אין פאָרם פון לידער און עס גענומען בלעטערן. ער האָט זיי געלייענט, ווי זיי וואָלטן געווען עמעצנס לידער, וואָס זענען אים צופעליק אריינגעפאַלן אין האַנט אריין. מיט פאַרוווּנדערונג האָט ער באַמערקט אַז אין די אַלע לידער רעדט זיך גאָר וועגן אַן אַנדער מיידל, וואָס איז געבליבן ערגעץ ווייט.

פאַר ליפען איז עס געווען אַ מיידל — פאַרקערפּערט אין אַ טרוים; אָדער גאָר אַ טרוים — פאַרקערפּערט אין אַ מיידל. ליפע האָט זיך נישט געגעבן די מי אויסצושיילן דאָס מיידל פון טרוים. צו וואָס?

די פאַרצייכנטע לידער זענען געווען פּעדעם, אויסגעשפּונען פון דעם טרוים. זיין גוטער ברודער, שימעלע שרייבט אויך לידער. פאַרגלייכן זיי די לידער, און שימעלע זאָגט מבינות, אז שעווע דרייט זיך ארום אין זיינע לידער ווי אַ מיראַזש — און אז אַ בחור ווי ליפע דאַרף נישט ארומשווימען אין דער לופטן ווי אַ לופט־באַלאָן, דעמאָלט ווי אזא מיידל ווי שעווע אָטעמט מיט ערדישקייט...

נאָר ליפע וויל זיין טרוים נישט אויפגעבן.

אויב אַזוי, טאָ וואָס זשע הויבט עס אים, און ער קען קיין אָרט נישט געפינען, ווען שעווע פאַרשפּעטיקט, און קומט נישט אין דער אָפּגערעדטער צייט?

דער דאָזיקער געדאַנק איז אין ליפע שאַפּיראָס מוח אויפגעקומען צוערשט ווי אַ קליין פּינטעלע — ממש אַ שפּילקע־קעפּל. אָבער דורך די יאָרן וואָס ער האָט יענעם מיידל געשריבן בריוו,

אמת — גאַנץ פּראָזאַישע; כאָטש דאָ און דאָרט האָט ער צוגעגעבן א פּאָר פּערזן, ווו עס רעדט זיך וועגן געפילן וועלכע עס איז שווער אריינצופּאַסן אין פּשוטע שורות — איז עס אויסגעוואַקסן צו אַ פּראָבלעם, וועלכן ליפּע האָט אומבאַדינגט געוואָלט פאַרענטפערן, כאָטש פאַר זיך אַליין, ווייל שרייבן בריוו איז געווען זיינע אַן אַלטע קרענק, פון וועלכער ער האָט זיך נישט געקאָנט אויסהיילן.

אין דער זעלבער צייט, ווען ער האָט געשריבן די בריוו און די לידער, האָט שעווע אויסגעפּילט זיין טאָג־טעגלעכע באַדערפעניש פאַר אַ חברטע, און יעדן פרייען אָוונט זענען זיי געווען צוזאַמען. פאַרשידענע געפילן, ווי פאַרשידענע שטראָמען זענען אין אים גע־פלאָסן און יעדער פון זיי האָט געוואָלט דעם צווייטן שטראָם איינ־שלינגען. אין אַזעלכע מינוטן פון געראַנגל מיט זיך, האָט ליפּע ווי אַ זייטיקער ריכטער געפּסקנט:

— זאָל עס גיין, ווי עס גייט — די צייט וועט אַלעס אויסגלייכן.

נאָכן אָננעמען אַזא באַשלוס, איז ער פונדעסטוועגן נישט געווען צופרידן מיט זיך.

— ביזט אַ פּחדן, ליפּע — און אַן עגאָיִסט דערצו, האָסט צופיל ליב זיך, און דעריבער האָסטו נישט קיין מוט צו שטיין פּנים אל פּנים מיט אומאַנגענעמלעכקייטן...

ער איז אַפילו מסכים געווען מיט דער דאָזיקער פאָרמולירונג, און זיך מודה געווען:

— ס'איז טאַקע אַזוי: מוז דווקא איך זיין דער העלד?!

דאָס שפּילקע־קעפּל איז אויסגעוואַקסן צו אַ פּראָבלעם, וועלכער האָט דעם אַכצן־יאָריקן ליפּע שאַפירא ביז גאָר דאָקוטשעט.

ס'האָט אים ווי געטאָן, ווען שעווע איז נישט געקומען צו דער אָפּגערעדטער צייט. ס'האָט זיך אים דאַן אויסגעדאַכט, אַז זי האָט אַן אַנדער קרייז פון אינטערעסן, אין וועלכע ער איז נישט מער איינגעשלאָסן... אַממערסטן האָט אים געאַרט, אַז ער וועט בלייבן אין דרויסן פון דעם דאָזיקן קרייז.

— לויט אַלע כּללים פון דער נאַטור — האָט ליפּע פילאָזאָפירט — מוז אַזוי געשען, ווייל שעווע איז אַ גוטע אַנדערהאַלבן יאָר עלטער פון מיר, און דעריבער זעט זי דאָס לעבן מיט אַנדערע אויגן. זי האָט אויך אַנדערע באַדערפענישן, ווייל נישט נאָר אין איר אַנטוויקלונג איז זי רייפער, צייטיקער, נאָר אויך די אָרעמקייט, דער געראַנגל צו פאַרנעמען אַן אָרט אין לעבן, האָט איר מער דער־

פאַרונג געגעבן. בשעת ער האָט זיין צייט פאַרנוצט צום לערנען און לייענען, און נישט געמוזט אַרבעטן, זיך אַליין דורכשלאָגן. אין זיין קרייז האָט ליפּע פאַרנומען דעם אָרט, אויף וועלכן ער האָט פּרעטענדירט.

אָבער אָפּזאָגן זיך פון שעווען האָט ער נישט געקאָנט.

דער זייגער האָט שוין געוויזן עלף. די אויסגערויכערטע פּאַפּיע־ראָסן האָבן זיך געוואַלגערט אַרום זיין שטול און אין האַלדז איז געזעסן אַ פּריקרע, טרוקענע ביטערקייט פון ניקאָטין.

— זי איז נאָך אַלץ נישטאָ — האָט ער מיט רעזיגנאַציע אַ זאָג געטאָן, און צוגעקלאַפּט דעם העפט. נאָר די האָפענונג, אָט דער צווייפלהאַפטער, דינער וואָרצל אין וועלכן עס קלאַמערן זיך די אַלע, וועלכע זענען נישט בכוח מער צו ענדערן אַ געוויסע לאַגע, און דער דאָזיקער וואָרצל נערט זייערע צעשרויפטע נערוון, זייערע אָפּגענאַרטע געפילן — דער דאָזיקער וואָרצל האָט אויך גענערט ליפּעס געדאַנקען מיט דער האָפענונג:

— מסתמא אַרבעט זי שפּעט, ס'איז אַ סך אַרבעט דאָ — גע־דאַרפט אַריבערגיין צו איר אַהיים געוויוער ווערן...

נאָר אין דער שפּעטער שעה, ווען אין דרויסן זעט מען אפילו נישט קיין שאָטן פאַרביישלייכן, האָט עס אים אויסגעזען צו נאַריש, ער זאָל אַצינד אַרויסגיין איר זוכן.

דער זייגער איז לאַנגזאַם דערגאַנגען צום מיטלפּונקט, ווען די צוויי ווייזערס זענען שטיין געבליבן אויפן שוועל צווישן צוויי מעת־לעתן. ליפּע האָט זיך גענומען אויסטאָן, נאָר די טיר האָט ער געלאָזן אָפן מיטן געדאַנק:

— טאָמער קומט שעווע פאָרט...

עס איז געווען נאָך צוועלף, ווען די טיר האָט זיך אויפגעמאַכט. אין שטוב איז געווען שטיל, און דעריבער האָט דער סקריפּ פון טיר וועמענס שאַרנירן זענען געווען אַרומגעפּראָרן מיט אייז, דורכ־גענומען דער שטילקייט, ווי עמעץ וואָלט געקרעכצט.

שעווע איז אַריינגעקומען אין צימער אַ צערויטלטע.

— כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז דו שלאָפסט שוין, געמוזט בלייבן שפּעטער, אַ סך אַרבעט דאָ — האָט זי זיך פאַרענטפערט.

— ס'איז שיין פון דיר, וואָס דו ביזט געקומען. כ'האָב אַזוי געוואַרט אויף דיר. זי האָט זיך צוגעזעצט אויף זיין בעט, ליפּע האָט דערשפּירט אַ לייכטן, זויערן ריח פון וויין.

— יאָ, דאָס האָט דוד מיר געגעבן א גלעזל ווישניק, ס'זאָל מיר וואַרעמער ווערן. — האָט זי געזאָגט, נישט אויסטוענדיק דעם מאַנטל.

ליפּע האָט איר אַרומגענומען, אויפגעשפּיליעט דעם מאַנטל און אַרויפגעלייגט איר אויפן בעט. עס האָט אים געוואונדערט וואָס זי איז אזוי צוגעלאָזן, גאַרנישט ווערדליק איר באַנעמען זיך מיט אים. נאָר ער האָט נישט געהאַט קיין געדולד אין דעם אריינצוקלערן. ס'האָט אים הנאה געטאָן וואָס זי איז אַנדערש ווי תמיד, און פּרוּווט זיך נישט אַרויסדרייען — ווי ער איז עס געוווינט מיט איר. זי האָט זיך געלאָזן פאַרנאַנדערשפּיליען, אויסטאָן. ליפּע איז צו איר צוגע־פאַלן מיט דער בענקשאַפט, וואָס האָט זיך דעם אָוונט אָנגעזאַמלט אין אים. א געפיל פון אויפגעגאַנגענער פרייד, איז ווי א שטראָם געפלאָסן איבער זיינע גלידער, און געפונען אָן אויסגאַנגס־פּונקט. דאָס איז געווען דער שטראָם וואָס האָט צונויפגענומען אין זיך אַלע זיינע פאַרדרוסן, דערוואַרטונגען, און דערפירט עס צום כשוף־קוואַל וואָס האָט עס געלייטערט. דער קערפּער האָט זיך דערפילט ווי א באַנייטער — באַפרייט פון די אַלע איבערשטראָמונגען, וואָס האָבן גענריזלט אין אים. אַפילו אין זיין אינערלעכער וועלט, וועל־כע האָט אויסגעזען ווי א פלאָנטער — איז מיטאַמאָל אַלץ אויס־געגלייכט געוואָרן.

זי איז אויפגעשטאַנען, צורעכט געמאַכט דעם מאַנטל, די האָר. ליפּע האָט אָנגעטאָן דעם פּעלצל, דאָס פוטערנע היטל און צודריקנדיק שעוועז צו זיין אָרעם, האָבן זיי זיך אוועקגעלאָזט איבער די פאַר־שנייטע טונקעלע געסלעך, כדי זי אָפּצופירן אהיים. זיי האָבן כמעט ווי נישט גערעדט צווישן זיך. און וואָלט א באַקאַנטער זיי אצינד באַגעגנט, וואָלט עס אויסגעזען נאַטירלעך, אז ליפּע זאָל שעוועז באַגלייטן א היים — וואָרעם פאַרן שטעטל זענען זיי שוין סיי ווי כמעט חתן־כלה.

ה.

שבת אינדערפרי איז ליפּע ווי געוויינטלעך אוועק צו שעוועז. דאָס איז געווען דער איינציקער טאָג ווען ער באַווייזט זיך אין הויז ביים בראָם. כאָטש איר מאַמע איז מיט דעם גאָר קנאַפּ צופרידן.

אָבער שעווע האָט געוואָלט, אז שבת, ווען קיינער ארבעט נישט, זאָל מען זען ליפען אריינקומען צו זיי אין שטוב, און ארויסנעמען איר אויפן שפּאציר. זיי לאָזן זיך דאַן מיט דער הויפּט־גאַס, ביז ארונטער צו דער גרעבליע אָדער צום טייך. איין שבת, אזוי אין מיטן ווינטער איז שעווע פון דער הויפּט־גאַס אוועק גאָר אין אנדער ריכטונג.

— לאָמיר אריינקוקן אין נייעם, פּוילישן געשעפט — האָט זי פאַרגעלייגט ליפען. ס'איז אים אויסגעקומען אביסל מאָדנע; וואָס וויל שעווע דאָרטן זען? נישט מער — וואָס מאַכט עס אויס אין וועלכער ריכטונג מען גייט — וועט ער נאָכגעבן איר נייגעריקייט...

ביים געשעפט איז שעווע שטיין געבליבן, אריינגעקוקט דורכן האַלב־פאַרפרוירענעם פענצטער און זעענדיק אז קיינער איז נישטאָ, האָט זי געבעטן ליפען:

— וואַרט דאָ צו א ווײַלינקע...

זי איז אריין אינעווייניק.

ליפען איז קאַלט געוואָרן צו שטיין אויף איין אָרט. ער האָט זיך געלאָזט שפּאצירן אהין און צוריק איבערן גאַס.

— פאַרוואָס קויפט זי נישט איין אירע זאַכן ביי דער „קלאַ־פּערן"? — האָט ליפע געקלערט. איר שוועסטער ארבעט דאָך דאָרטן, קען זי באַשטימט ביליקער קויפן — נאָר איידער ער האָט זיך געקאָנט ענטפערן, איז שעווע ארויסגעקומען מיט א פּעקעלע.

— ער איז זייער א פיינער מענטש, פאַן ווישניצקי — האָט זי געזאָגט. ער האָט מיר געבעטן צו קומען נאָכאמאָל — אים איז אזוי אומעטיק דאָ — האָט זי צוגעגעבן מיט א טאָן פון מיטגעפיל.

ביי שעווען אין שטוב איז קיינער נישט געווען. שעווע האָט אויפגעמאַכט ס'פּעקעלע און גענומען אריינלייגן אין שופלאָד אירע זאַכן. נאָר איידער זי האָט עס אריינגעלייגט, האָט זי מיט באַפרי־דיקונג פון באַזיצן עפּעס ווערטפולעס, שיינעס, געוויזן ליפען זיידענע זאָקן, די דינע לעדערנע הענטשקעס און די קאָלירטע זיידענע העמ־דלעך און הייזלעך.

— דאָס איז אַלץ אויף זומער — האָט זי באַמערקט. בלויז דעם ווייסן שאַליק פון אנגאָרא — וועל איך אָנטאָן. ער איז אזוי וואַרעם — און זי האָט איינגעגראָבן דעם פּנים אין ווייסן וואָל, ווי זי וואָלט געצערטלט א לעבעדיק וועזן.

ליפּע האָט אזוי, זייטיק א טראַכט געטאָן: דאָס באַטרעפט דאָך א פּאָר זלאָטעס, און שעווע פאַרדינט נישט אזוי פיל, אז זי זאָל זיך קענען דערויף דערלויבן...

נאָר דאָס איז בלויז געווען א רגע'דיקער געדאַנק, ביי וועלכן ליפּע האָט זיך נישט פאַרהאַלטן, און במילא מער נישט געטראַכט דערפון. ער האָט בלויז אין זינען געהאַט, אז נאָכמיטאָג וועט שעווע ווידער זיין ביי אים אין צימער.

קאַפּיטל פינף

ליפּע שאַפּיראָ

ס'איז געווען ווינטער, און ליפּע האָט ווייניק געאַרבעט. אין וואַרשטאַט איז קאַלט. דורך די שפּאַלטן, צווישן די אָפּגעטיעסעטע קלעצער איז דער שניי אַנגעפלויגן און זיך צעלייגט אין הורבעס ביי די ווענט. דער ליימיקער באָדן איז פון פראָסט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין בעטאָן, אזש די הארטקייט האָט אָפּגעקלונגען אונטער די טריט. אין די טעג איז ווייניק ווער אריינגעקומען אין מעכאַנישן וואַרשטאַט, אויסער אמאָל א פויער וואָס האָט געמוזט אונטערשמידן דאָס פערד, עס זאָל זיך נישט גליטשן איבערן צונויפגעפרעסטן, אָנגעפרוירענעם שניי. דעמאָלט איז עס געווען סטאַש וואָס האָט זיך מיטן פויער פאַרנומען. ער האָט דעם פויער געלאָזן דרייען דאָס רעדלביים ווענטילאַטאָר, כדי פאַרנאַנדערצובלאָזן דאָס פייער אין האָרן. סטאַש האָט אריינגעשטעקט א שטיק פלאַכן אייזן אין האָרן, געלאָזן עס אָנגליען און גענומען דעם אייזן אויסבייגן אויפן שפּיץ פון דער קאָוואַדלע.

אין אזעלכע טעג איז ליפּע געזעסן ביים היימישן אויוון, און

פלאַנירט די לידער זיינע אָפּצודרוקן אויף א שאַפּיראָגראַף און דאַן איינבינדן אין א העפט, עס זאָל כאָטש האָבן דעם אָנבליק פון אַ בוך. ער האָט פיל געמעקט, צוגעשריבן נייע שורות, וואָרעם מיט יעדן טאָג האָט ער אויסגעפונען מער פעלערן. דערהויבט, אז ס'איז אים אין האַנט געקומען א בוך לידער פון איינעם, ביי וועלכן די שורות שווימען לייכט ווי כוואַליעס. איינס שווימט אַרויס פון אַנדערן. אזוי לייכט, זומערדיק — שפּילעוודיק ווי נישט לידער וואָלטן עס געווען, נאָר פלאַטערלעך. דעמאָלט האָט ער גענומען צווייפלען אין זיינע פעיִקייטן צו שרייבן לידער. טעג זענען פאַר־ביי — ער איז געגאַנגען זיך גליטשן אויפן אייז פון דער אָזיערע, וואָס האָט זיך צעגאָסן איבער פעלדער. ביינאַכט אַרויסגעגאַנגען מיט חברים, אָדער אָנטייל גענומען אין א פאַרזאַמלונג פון דער גרופּע „געוועזענע שילער". ער האָט זיך געפירט אזוי ווי יעדער יונגער בחור, ווען דאָס שטעטל איז פאַרשמידט, א געפאַנגענעם ביים ווינטער, און באַוואַכט פון די שנייאיקע זאַווערוכעס, אייז — קאַלטע ווינטן און פרעסט — טאָמער וועט דעם שטעטל איינפאַלן זיך אַנטקעגן צו שטעלן דער ממשלה פון ווינטער.

נאָר אז ס'האָט אים די לאַנגווייל גענומען פרעסן, איז רעכט געווען צושנאַלן צו די פיס די צוויי ברעטער, מיט וועלכע מען גליטשט זיך איבער טיפע שנייען מיט א לייכטקייט, ווי א פעדער געטראָגן פון ווינט. ליפּע פלעגט זיך דאַן א לאָז טאָן באַרג־אַראָפּ פון די געהויקערטע ליים־בערגלעך ביז העט אַראָפּ אין די גריבער. דאָס פייפן פון ווינט אין די אויערן איז געווען די מוזיק פון די אָפענע פליינען. א קאַלטער שטראָם האָט געשניטן די אויגן און זיי געצווונגען זיך צוצומאַכן אין אַ דינעם, לאַנגן שפּאַלט. דורך דעם שפּאַלט האָט די וועלט אויסגעזען א נישט פאַרענדיקטע, ווי עס וואָלט איר געפעלט פיס צום שטיין... דעם האַלבן קערפּער פאָר־רויס, פאַר גלייכגעוויכט, די פיס אויסגעשטעלט אין א לייכטן בויגן, האָט ער זיך געגליטשט אַרויף, אַראָפּ — אַנטקעגן די פאַרשנייטע, מיט זון־פאַרגאָסענע פעלדער. דאָס פייפן פון ווינט אין די אויערן האָט אים נאָכאַנאַנד דערמאָנט, אז ער מוז זיך קאָנצענטרירן כדי איינצוהאַלטן באַלאַנס פון קערפּער, ביי יעדן בערגל זיך לייכט אונטערהויבן, איבערשפּרינגען. ביי א צו שאַרפן באַרג־אָפּשניט זיך זייטיק צו פאַרדרייען, כדי צו האַמעווען דעם לויף פון די אויס־געשליפענע, מיט פעטס אָנגעשמירטע סקי.

דער געדאַנק איז דאַן פאַרנומען מיט אויסמיידן שטערונגען, זיך אָרונטערלאָזן פון די געדרייטע וועגן און נישט איבערדרייען זיך אין טיפן שניי אריין. אזא לויפן באַרג־אַראָפּ האָט פאַרלאַנגט שפּאַנונג פון די נערוון, און אין דעם האָט ליפּע געפילט א באַפרידיקונג.

נאָכן אָפּלויפן אויף די סקי א פּאָר שעה, איז ער א דורכגע־פרווירענער איינגעפאַלן אין שטוב, מיט א וואָלפישן אַפּעטיט.

די בענקשאַפט האָט זיך פאַרט אַריינגעגנבעט אין דער טונקל־קייט פון זיין צימערל, ווייל די בריוו וואָס דאָס מיידל פון יענער גרויסער שטאָט האָט אים געשיקט — זענען נישט גענוג געווען צו געבן אים אינערלעכן גלייכגעוויכט. פאַרקערט — די בריוו האָבן אין אים די דאָזיקע בענקשאַפט פאַרטיפט, ער האָט זי שאַרפער דער־שפּירט, און כאָטש פון די ווערטער פון בריוו האָט עס געהויכט מיט איר לעבעדיקן אָטעם — איז עס אָבער געווען נישט מער ווי אַן אָטעם — עפּעס וואָס שוועבט ארום אין דער לופטן. ליפּע האָט זיך געגנויטיקט אין א לעבעדיקן וועזן, פאַר וועלכן ער זאָל זיינע ספקות קענען אויסלאָדן, אַרויסברענגען. עמעץ וואָס זאָל האָבן אַן אָפן אויער, אין וועלכן זיינע רייד זאָלן געפינען אַן אָפּקלאַנג. זיין אינערלעכע וועלט זאָל זיך אַנטפּלעקן.

ווען מען זאָל דאָס אַלץ רעזומירן, וואָלט מען געקענט גאַנץ איינפאַך זאָגן: אין די דאָזיקע פאַרנאַכטיקע שעהן פון בענק־שאַפט, האָט זיך ליפּע שאַפּיראָ געגנויטיקט אין א מיידל, וואָס זאָל צוזאַמען מיט אים טיילן די טונקלקייט פון צימער, די וואַרעמקייט פון קאַלכנעם אויוון, און דעם ציטער פון איר מיידלשן האַרץ.

ער האָט אַרויסגענומען זיין העפט, דעם איינציקן, געדולדיקן פריינד, וואָס האָט אויף זיינע זייטן געלאָזט אויפקריצן געדאַנקען נישט אַלע מאָל ראַפינירטע, קינסטלעריש־אויסגעצאַצקעט — און אויסגעשליפן — דערפאַר אָבער פּשוטע און ערלעכע. אַלנפאַלס, ערלעך און געטריי צו דעם מאָמענט, אין וועלכן ער האָט זיי גע־שריבן. דאָס וואָס ער האָט געפילט איז פאַרצייכנט געוואָרן.

אין די דאָזיקע שעהן האָט ער נישט אין זינען געהאַט זיין טאַלאַנט, אָדער דעם אָרט וואָס ער קען אמאָל פאַרנעמען צווישן פּאָעטן. זיין שרייבן איז געווען א געשפּרעך צווישן אים, זיין נשמה און דאָס מיידל פון יענער ווייטער שטאָט, וואָס פאַרקליידט אירע רייד אין א געוויינטלעכן בלויען קאָנווערט. אין אַזעלכע קאָנ־

ווערטן שיקן בענק דערמאָנונגען צו פירמעס, ווען זייערע וועקסלען האַלטן שוין נאָענט פון טערמין געצאָלט צו ווערן, און דער באַנק־דירעקטאָר איז נישט זיכער, אז די פירמע האָט עס אין זינען.

איבער יעדן געשפּרעך אזא — וואָס ער האָט אין זיין יינגלישן עקסטאַז אָנגערופן — ליד, האָט ער אוועקגעשטעלט א דאַטע. די דאָזיקע דאַטירטע פאַרצייכענונגען, א מין קאַרדיאָגראַם פון געפילן — דאָס איז געווען ליפּע שאַפּיראָס טאָג־בוך. אז ער האָט אים געבלעטערט, זענען צוריקגעקומען די בילדער אָט אזוי ווי זיי האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אין זיינע געדאַנקען. זיי האָבן צוריק־מאַרשירט, און ליפּע האָט זיי געקענט באַטראַכטן פון גאָר אַן אַנדער קוק־ווינקל. טייל האָבן אים אַמוזירט, — אַנדערע געבראַכט אין א פאַרלעגנ־הייט מיט זייער כאַראַקטערלאָזיקייט. געווען אַפילו אַזעלכע, וואָס האָבן געשראָקן מיט זייער רעזיגנאַציע און פּעסימיזם. ער האָט אויפגעדרייט דאָס ליכט. די דרויסנדיקע נאַכט איז א בלוילעך־דער־שראָקענע געבליבן זיצן ביים ראַנד פון פענצטער. ליפּע האָט פאַר־צייכנט די דאַטע, און אַפילו אָנגעשריבן די ערשטע שורה:

„זי איז ווידער נישטאָ”...

ערשט דאַן האָט ער זיך געכאַפּט, אז ער קוקט אויפן האַנט־זייגערל און טראַכט וועגן שעווען.

— יאָ, זי איז ווידער שפּעט — האָט ער א זאָג געטאָן, סתם אזוי, פּונקט ווי דער פאַקט פון איר שפּעט זיין, וואָלט זיך געגוי־טיקט אין א באַשטעטיקונג. ער איז נישט געווען בכוח עפּעס צו שרייבן, און האָט פאַרמאַכט דאָס העפט.

— די לעצטע וואָכן אַרבעט זי שווער. זי זעט אויס מיד. עס איז אים אָנגענעם געווען פון דעם געפיל וואָס ער האָט אין זיך אַנטדעקט, אז ער טראַכט וועגן שעווען נישט נאָר ווי וועגן סתם א מיידל, נאָר אויך וועגן א מענטשן מיט וועמען מען איז נאָענט.

ער וואָלט געקענט אַפילו אריינשפּאַצירן אין וואַרשטאַט, און מען וואָלט אים באַגעגנט ווי אַן אייגענעם. אין זיין פריער קינד־הייט, ווען טאַטע־מאַמע פלעגן אים מיטנעמען אויף באַזוך צו באַ־קאַנטע, איז ער אין דעם דאָזיקן הויז געווען אַן אָפטער אריינגייער.

פונדעסטוועגן האָט אים דער באַוווּסטזיין, ווי א טאָרמאָז אָפּ־געהאַלטן דערפון. אין דעם מאָמענט האָט ער געהאַט דאָס זעלבע געפיל, ווי דאַן — ווען ער האָט זיך פאַרנומען ארונטערצופאָרן אויף די סקי איבער א שאַרף־הויקערדיקן באַרג־רוקן. זיין געניטקייט

צו באַהערשן די סקי וואָלט אים געווים געבראַכט צום פלאַכלאַנד און שטרויכלונגען. אָבער עפעס איין אים האָט דאָס ארונטערלאָזן זיך צוריקגעהאַלטן. און וויפל מאָל האָט ער דאָס דאָזיקע געפיל אין זיך געפרוּווט גובר זיין ? ...

— — — אָט האָט ער ארויפגעקלעטערט, שטעלנדיק די סקי ווי טרעפן — איינס איבער דאָס צווייטע. ער איז דערקראָכן צום העכסטן שפּיץ און מיט טריומף אראָפּגעקוקט אונטן. דאָך האָבן זיך די פּיס, ווי פון זיך אליין פארנומען צו א מער פלאַכערן אראָפּלויף, מיט ווייניקער שאַרף־געדרייטע וועגן.

דער אינערלעכער כאַראַקטער, וואָס האָט סטימולירט ליפּע שאַפּיראָס שריט אין לעבן איז געווען קעגן שאַרפע, דראַסטישע מעשים...

— און טאָמער וועט זי דאָרטן נישט זיין ? שעווע — וועט דינטשע שמואל־אבעס מיט פארוווּנדערונג זאָגן — זי איז דאָך שוין אַוועק ארום אזייגער זעקס. קענסטו זיך פאָרשטעלן, אז א מיט־גליד פון דער פאַרוואַלטונג פון פאַראיין זאָל ארבעטן כאָטש נאָך איין מינוט שפּעטער ווי זעקס אזייגער? און דאַן וועט זי אָנקוקן ליפּען מיט א מאָדנעם שמייכל, און היימישלעך צוגעבן:

— וואָס? זי גייט שוין מער נישט מיט דיר? כ׳האָב עס גאָר־נישט געוווּסט.

פון דעם זאָג וואָלט זיך ליפּע דערפילט היפּשלעך נאַריש.

די צייט, אָט די וואָס ווערט דורכן ציפערבלאַט פון זיין האַנט־זייגער צעטיילט אין שעהן, און מענטשן האָבן נאָך צוגעגעבן: אין שעהן פון ארבעט, פון רו; פון טאָג און נאַכט — אָט די צייט ציט זיך אזוי ווי פון פעך — ווען ער וואַרט אויף שעווען.

ב.

שעווע האָט די ארבעט אין וואַרשטאַט אזוי איינגעטיילט, אז צופעליק איז איר יעדן אָוונט אויסגעקומען צו בלייבן לענגער, ווען די אַנדערע מיידלעך זענען זיך שוין צעגאַנגען. צווערשט איז עס אויסגעקומען א ביסל מאָדנע, וואָס א באַוווּסטזיניקע ארבעטערין ווי שעווע זאָל איבערבלייבן אין וואַרשטאַט נאָך דער ארבעטס־צייט. נאָר תמיד האָט זי געהאַט גרייט אַן אויסרייד:

— א קליידל אויסצופרעסן —
— איבערמאַכן מיין מאַטל — כ׳דאַרף דעם שפּיגל צום מעסטן —
— אַנטשוועקלען א פּעלעכל פאַר א מופקע —

ביז מען האָט זיך צוגעוווינט, און ס׳איז געווען נאַטירלעך, אַז שעווע זאָל איבערבלייבן אין וואַרשטאַט. ווען דער וואַנט־זייגער האָט אָפּגעקלונגען זיבן, און אין דרויסן איז געוואָרן גענוג פינצ־טער, האָט זיך שעווע פאַרקעמט די פעך־שוואַרצע האָר, אָנגעטאָן דאָס פוטערן היטעלע, אויסגעגלייכט די ברעמען און זיך אָנגעטאָן. זי איז געגאַנגען דעם אויסגעטראָטענעם וועג — אין דער ריכטונג פון ליפּע שאַפּיראָס מויער, און טאָמער באַגעגנט זי ווער, איז עס נאָרמאַל, אַז אין דער שעה, זאָל א מיידל זיך טרעפן מיט א בחור. נאָר נישט דערגייענדיק א צוויי דריי הייזער, איז זי פאַרשוווּנדן אין א טויער.

איר האַרץ האָט שוין מער נישט געקלאַפּט מיט אומרו. זי איז געגאַנגען ווי צו זיך אהיים. גייענדיק איבער די טרעפּן, וואָס האָבן פון אַלטקייט געסקריפּעט, האָט זי צו זיך אליין געשמייכלט ווען זי האָט זיך דערמאָנט ווי זי איז איבער די טרעפּן געגאַנגען ס׳ערשטע מאָל; און איר האַרץ האָט געקלאַפּט, ווי עס וואָלט נישט מסכים געווען דערויף, וואָס שעווע וועט באַלד אָנקלאַפּן אין טיר פון א פרעמדן, א פּאָליאַק — פּאַן ווישניצקי. אין שעוועס געדאַנקען האָט זי אים גערופן: טאַדעק. זי האָט אָנגעקלאַפּט, און נישט וואַרטנ־דיק אויף אָן ענטפער — א דריק געטאָן דאָס מעשענע הענטל. די טיר איז געווען אָפן, און זי האָט געוווּסט, אַז טאַדעק וואַרט אויף איר.

— סערוווּס טאַדעק — האָט שעווע אים היימישלעך באַגריסט, און אויסגעצויגן צו אים ביידע הענט.

— גוט אָוונט, טייערע, — האָט טאַדעק געקושט אירע הענט, און איידער נאָך זי האָט באַוויזן אויסצוטאָן דעם מאַנטל, האָט ער איר געקושט אין ביידע באַקן.

ער האָט זי שוין נישט גערופן: עסטערקאַ. עס איז מער נישט נויטיק געווען צו אונטערקויפן איר באַוווּסטזיין, אַז זי איז עסטערקע, די געליבטע פון פּוילישן קעניג קאַזשימיעזש דעם גרויסן, וואָס כאָטש זי וויים, אַז דעם קעניגס פרוי וועט זי קיינמאָל נישט

ווערן, אז די קרוין טראָגט אַן אַנדערע; דאָך איז עסטערקאַ — אַ באַ־גריף וואָס רעדט וועגן אַ העכערער מדרגה פון ליבע, אַ ליבע אָן באַלוינונג, וואָס איז די ריינסטע ליבע סובסטאַנץ.

שעווע האָט זיך געפילט דערהויבן, וואָס טאַדעק שטעלט זייער צוזאַמענטרעף אויף אָט דער הויך. זי האָט געהאַט די באַרעכטיקונג פאַר איר געוויסן.

— ליבע — האָט טאַדעק איר דערקלערט — איז אַ געפיל נישט קיין איינמאָליקעס אָדער צייטווייליקעס וואָס פאַרגייט, ליבע — דאָס איז דער הייוון וואָס מאַכט דעם ווייַן פערמענטירן און קרעפטיקן. עס צעוואַרעמט דאָס בלוט און טרייבט עס דורך אַלע קעמערלעך פון מענטשלעכן אָרגאַניזם, און וואָס שטאַרקער דאָס געפיל פון ליבע, אַלץ העכער איז די שטייגונג ביז ער דערגייט צום קולמינאַציע־פּונקט. דאַן קומט דער צוזאַמענשטויס פון די קער־פּערס, וואָס שלאָגן אויס דעם געטלעכן פונק. די קאָנסטרוקציע פון די מענטשלעכע ליבעס־האַרמאָנען זענען פאַרקערט פּראָפּאָרציאָנעל צום בליץ־אָפּלייטער. דער בליץ־אָפּלייטער כאַפּט אויף דעם עלעקטרישן שטראָם וואָס שאַפט זיך אין דער אַטמאָספער און איזאָ־לירט אים, דורך אריבערפירן אים צו דער ערד. דאָרט לייזט דער שטראָם זיך אויף. די מענטשלעכע האַרמאָנען אקומולירן אין זיך די ענערגיע וואָס שאַפט זיך אין מענטשן ביים דערנענטערן זיך, לאָמיר זאָגן: צו אַ ליב, צאַרט מיידל ווי דו ביזט און אין די קערפּער־טיילן, אין די שפּיץ־פינגער למשל שאַפן זיך שטראָמען וואָס לויפן צום מוח און פון דאָרטן צו די האַרמאָנען, און ווען זיי זענען איבער־געלאָדן מיט ענערגיע — דעמאָלט שטרעבט דער גאַנצער אָרגאַניזם צום פאַראייניקן זיך מיטן קעגנזעצלעכן פּאָליוס־ און דורך דער צוזאַמענגיסונג פון די קערפּערס, קומט פאַר אַן אויפלייזונג.

די אָנגעזאַמלטע מאַטעריע, ווען זי ווערט נישט באַפרייט אויף אַ נאַטירלעכן אופן — שטערט זי די נאָרמאַלע פונקציאָנירונג פון קערפּער.

— ליבע — דאָס זענען אויסשטראַלונגען; אומזעבאַרע שטראַלן, וואָס ציען צו די קערפּערס, אָן וועלכע זיי קלאַפּן זיך אָן, און שטרעבן צו פאַראייניקונג, אויב די לענג פון די כוואַליעס זענען די זעלבע. ווען צוויי מענטשן ליבן זיך — אָט ווי איך און דו — איז די קער־פּערלעכע דערנענטערונג נישט דער ציל פון ליבע, נאָר דער אויס־דרוק, — דער העכסטער אויסדרוק פון אונדזערע געפילן.

דעריבער שטייט דער פאַרקער צווישן מענטשן העכער ווי פון חיות. ווייל די חיות ווערן אינסטינקטיוו געטריבן צום אַקט דורך דער נאַטור צוליב פאַרמערונג — בשעת מיר האָבן דעם דאָזיקן אַקט דערפירט צו דער ראַפינירטער פּערפעקציע פון געפילס־אויסדרוק...

שעווע האָט ווייניק פאַרשטאַנען פון דעם אַלעם. עס איז איר אָבער אָנגענעם צו וויסן, אַז דאָס וואָס זיי טוען איז נישט קיין אַקט פון קערפּערלעכע גלוסטונגען, נאָר עפּעס א העכערע טואונג — א מין גייסטיקע ארויסהייבונג פון דער גראָער טאָג־טעגלעכקייט. זי האָט זיך אין אַזעלכע מאָמענטן נישט געפילט ווי א פּשוט שניידער־מיידל, נאָר א סטודענטקע, וועלכע פירט א שמועס מיט אירס א פריינד אויף א טעמע, צו וועלכער מען מוז פאַרמאָגן וויסן, אָנגעזאַמלט דורך בילדונג. זיצנדיק דאָ, אויף דער סאָפעקע, האָט איר אויסגעזען אַז דאָס, וואָס זי איז נישט מער ווי א שניידער־מיידל, א האַנט אין א וואַרשטאַט — איז א טעות. און אויב דער גורל האָט איר צו דעם פאַרמשפּט, זענען די שעהן מיט טאַדעקן א פאַרגיטיקונג...

צייטנווייז האָט זיך טאַדעקן געדוכט, אַז ער רעדט שטותים; אַז זיינע טעאָריעס זענען אָן א באַזיס, אָן וועלכע נישט איז וויסנ־שאַפטלעכע באַגרינדונג, אָט סתם אַזוי... נאָר אַז די רייד האָבן אויף שעווען געמאַכט אַן איינדרוק, איז אים אויסגעקומען, אַז זיי דינען א גוטן ציל, און מען מעג די דאָזיקע טעאָריעס נאָך מער אַנטוויקלען, ארומבויען מיט ווערטער כדי דער קערן פון זיין כוונה זאָל זיך נישט ארויסזען...

געהיימן האָט זי ביי אים אָנגעזען: טייערינקע, ליבינקע. דאָס איז שוין געווען נאָך דעם, ווי זייער באַקאַנטשאַפט האָט זיך געצויגן א מאָנאַטן פינף, און ער איז מיד געוואָרן צו דערקלערן שעווען די געהיימע וועגן און אומוועגן פון ליבע. צו די אומוועגן האָט ער זיך פון צייט צו צייט צוריקגעקערט. שעווען זענען זיי נישט שטאַרק געפעלן געוואָרן, און ס'האָט איר נאָכער געעקלט פון זיך. נאָר דערווידערן, איז זי נישט געווען בכוח מער. אירע ליפּן האָבן געברענט און אַן איבלדיק געפיל האָט געקרעקט אין האַלדז. זי האָט זיך אומגעדרייט מיטן פּנים צום וואַנט, און געשעמט צו קוקן אים אין די אויגן. וואָרעם טאַדעק האָט דווקא געלאָזן ברענען דאָס ליכט, כדי אויך די אויגן אָנזעטיקן מיטן געניוס פון דעם, וועלכן דער

קערפּער האָט. עס האָט איר געשווידערט, טראָץ דעם וואָס די באַקן האָבן געפלאַמט פון אָנשטרענגונג.

דער באַוווּסטזיין, אַז זי קען נישט מיטגיין מיט טאַדעקן אין טראָט — אָט ווי אַ סטודענטקע מיט אַ סטודענט, און ער וועט אויף מיר קוקן ווי אויף אַ קליין שטעטלדיק מיידל, אַ פּראָווינצערין — מיט די געדאַנקען האָט זי באַרעכטיקט אירע טאַטן, אין איר באַוווּסטזיין. פאַרקערט — וואָס מער עס איז איר געווען דערווידערט — אַלץ אָפטער האָט זי עס געזוכט. זי פלעגט זיך איינבייסן אין אים מיט ציין און נעגל, אַזש ער האָט געשריגן פון ווייטאָג. זי איז אין אירע אויגן דערהויבן געוואָרן צו אַ מאַרטירערין, וואָס ברענגט זיך פאַר אַ קרבן. כאָטש זי האָט אויף קלאָר נישט געוווּסט, צו וואָס דער קרבן איז נויטיק.

זי איז געווען צופרידן מיט אירע צוואַנציק יאָר, און מיט דער שעה פון פאַרגעסונג.

דאָס רופן איר פּראָסט, פשוט: ליבסטע, איז שוין געווען די מדרגה, פון וועלכער עס האָבן לכתחילה אָנגעהויבן פאַשקע, דאָס דינסט־מיידל פון האָטעל „וואַרשאַווסקי" מיטן אולאַנער. זיי האָבן די מדרגה איינגעהאַלטן, ביז דער אולאַנער האָט אויסגעדינט די צייט און איז אהיימגעפאָרן, פאַרגעסנדיק זיינע הייליקע צוזאָגן...

אַז פאַשקע האָט אים באַגלייט, מיט טרערן אין די אויגן — האָט זי געשוואוירן:

— נישט מער — אפילו ווען ער וועט פּלאַצן.

פונדעסטוועגן, אַז די נייע רעקרוטן זענען אָנגעקומען, האָט זיך שוין ווידער געפונען עמעצער וואָס האָט איר גערופן ליבסטע, און פאַשקע האָט אים געגלויבט, און געשענקט אים איר ליבע.

פאַן ווישניצקי האָט מער נישט נויטיק געהאַט צו זוכן קיין איידעלע ווערטער, כדי צו דערקלערן די מעטאַמאָרפאָזע פון מענטש אין פאַזע פון ליבע. שעווע איז אים געוואָרן היימיש, ווי ס'אייגן ווייב — דאָס אויסגעצערטלטע פאַניענקע וואָס איז געבליבן אין וואַרשע.

דער אָוונט־ברויט איז געשטאַנען אויפן טיש און זיי האָבן זיך געזעצט עסן. שעווע האָט אָנגעגאָסן ווײַן אין איר גלאָז:

— איך האָב היינט אַזאַ אַפּעטיט —

— און איך אויך — האָט טאַדעק אַ פינטל געטאָן מיטן אויג...

זיי האָבן געגעסן שייגנדיק; ווי אַלץ וואָס זיי וואָלטן געדאַרפט זאָגן, איז שוין געזאָגט געוואָרן, און ס'איז דעריבער אַ שאָד יעדעס וואָרט צו פאַרלירן. שעווע האָט מיט אַ פולן הויל געקייט די געראָי־בערטע שינקע, דורכגעוואָרפן מיט געפּרעגלטע אייער.

— קענסט צוגרייטן אַן אָוונט־ברויט — האָט זי אים צוגע־וואָרפן אַ וואָרט.

— דאָס סטודענטישע לעבן לערנט — וואָס מיינסטו...

די ווייַן־פלאַש איז געוואָרן כמעט ליידיק. שעווע האָט מיטן סערוועט אָפּגעווישט די פעטע ליפּן.

אַלץ איז אַנדערש דאָ — אַנדערש ווי ביי דער מאַמען... האָט זי סתם אַזוי — אַ טראַכט געטאָן...

פאַן ווישניעוועסקים בליק איז געווען אַזאַ, ווי ער וואָלט איר געזען ס'ערשטע מאָל. שעווע האָט באַמערקט דאָס הונגעריקע פייערל אין זיינע אויגן, און ס'איז איר גוט געווען.

— ווי ליב ער האָט מיר — האָט זי אַ צופרידענע געשמייכלט. זי איז צו צו אים, ארומגענומען זיין האַלדז וואָס איז געוואָרן רויט־צעוואַרעמט פון וויין און פון אַ דערוואַרטונג, און זיך איינגעביסן אין זיינע ליפּן. אַ ווײַלע שפּעטער איז זי צו צום נאַכט־שענקל און זיך גענומען אויסטאָן.

פאַן ווישניציק איז רואיק געזעסן אין פאָטעל און געראויכערט. אין זיין באַנעמונג איז געלעגן די רואיקייט פון אַ יעגער, וואָס איז זיכער, אַז דאָס געיאָגטע חיה'לע געפינט זיך אין אַ טעמפּן ווינקל, פון וועלכן עס קען נישט אַנטלויפן. ער האָט גוט געצילט, און זיך געזעטיקט מיט די מינוטן, איידער ער טוט אַ צי דאָס צינגל.

ווען די קויל לעשט אויס דאָס לעבן פון דער חיה'לע איז די שפּיל פאַרביי...

ער האָט געזען ווי זי וואַרפט אַראָפּ איין שטיק קליידונג נאָך דער צווייטער; און כאָטש די דאָזיקע סצענע האָט זיך שוין איבער־געחזרט זינט מאָנאַטן, האָט ער פונדעסטוועגן נישט פאַרלוירן דעם אינטערעס זיך צוצוקוקן, יעדעס מאָל אויפסניי.

מאָדנע — ס'איז אים אַליין געווען נישט פאַרשטענדלעך די דערשיינונג: — ס'האָט שוין פּאַסירט נישט מיט איין פרוי, און דאָך האָב איך קיינמאָל נישט געפילט דעם ציטער וואָס אַצינד — די יידישקע פאַרמאָגט עפּעס אין זיך — האָט טאַדעק זיך פאַרענטפערט, כאָטש קיינער האָט עס פון אים נישט פאַרלאַנגט.

שעווע האָט מיט אַ פלינקער באַוועגונג אַראָפּגעוואָרפן ס'לעצטע שטיק פון אירע מלבושים און זיך אַריינגעגליטשט אין דעם זיידע־נעם נאַכט־העמד, וואָס פאַן ווישניצקי האָט איר געשענקט. אין דעם דאָזיקן נאַכט־העמד פון ראָזן זייד מיט אויסגענייטע הערצלעך, בלומען און מלאכים האָט זיך שעווע געפילט ווי דאָס אָרעם מיידל שלומפּערל פון דער קינדער־מעשהלע, וואָס איז פון דער בייזער שטיפמוטערס היים אַריינגעפאַלן אין קעניגלעכן פּאַלאַץ. זי האָט אין דער נאַכט־העמד זיך געפילט אַ דערהויבענע, אַרויסגענומען פון דער גרויער וואָכעדיקייט, ווו זי איז נישט מער ווי אַ מיידל צווישן מיידלעך. אַ נייטערקע. ווען אירע חברטעס וואָלטן כאָטש מיט די שפּיצן־פינגער געקענט אָנרירן דעם פיינעם זייד — האָט זי געטראַכט, צערטלענדיק אירע אייגענע גלידער. דאָס זייד אונטער די פינגער האָט זיך געגליטשט, און זי האָט געפילט דאָס קיצלען פון קילן זייד, וואָס רייצט...

— ווי לאַנג וועט דער דאָזיקער חלום דויערן — האָט זי זיך ווידער געפרעגט, ווי זי וואָלט אין פולן בעכער געפנים וועלן אַריינ־טראָפּן אַ ביסל ביטערקייט — נאָר מער האָט זי מורא געהאַט צו פרעגן.

זי האָט זיך נישט געטרויט דאָס נאַכט־העמד אַהיים צו נעמען. קיינע פון אירע חברטעס האָט נאָך אַזאַ נאַכט־העמד נישט געזען; און די מאַמע וואָלט נישט אויפגעהערט צו מרוקען:

— חצופה, אַזאַ העמד קאָסט דאָך אַ פאַרמעגן!

איר שוואַרצער קאָפּ איז געלעגן אויפן קישן. מיט פרעגנדיקע אויגן האָט זי געקוקט אויף טאַדעקן. אַזוי האָבן מסתמא אין אור־וואַלד געקוקט די ערשטע מענטשן אין וועלכע דער פרילינג האָט אויפגעוועקט דעם דראַנג צו פאַרמערונג.

— אויף וואָס וואַרטסטו?!

אין דעם רוף איז געווען אי פאַרוואורף, אי געבעט. טאַדעק האָט אויסגעטאָן דעם שלאָף־ראָק און האָט אויסגעלאָשן דאָס ליכט.

— ג —

ליפּען איז דאָס קוקן אויפן זייגער געוואָרן דערווידערט. עס האָט אים אַ צי געטאָן אין דרויסן. דעם פראָסט האָט ער באַגעגנט מיט אַן אויפגעשטעלטן, פוטערנעם קאָלנער ביז איבער די אויערן;

די הענט טיף פֿאַרשטעקט אין די טאַשן. קאַלטע שטערן האָבן גע־פינקלט אין טונקל־גראַנאַטענעם הימל. די גאַס איז געווען פּוסט, ווי דער ווינט וואָלט פֿון איר אויסגעקערט יעדעס לעבעדיק וועזן.

ווען אַזאַ נאַכט האָט מען אין שטאָט געזאָגט אַז:

— אַפילו אַ הונט לאָזט אַ גוטער באַלעבאָס אין אַזאַ נאַכט נישט אַרויס פֿון שטוב...

די פֿענצטער אין די הייזער לענגאויס דער גאַס האָבן זיך פֿינצטערע געזילבערט אַנטקעגן גאַסן־לאַמטערן.

— מ'ליגט אונטער די פּערענעס און מען כראָפּעט, אַזאַ מזלע — האָט זיך ליפּע צוגעגעבן קוראַזש — נאָר דיר איינעם נעמט נישט דער שלאָף, און קריכסט אַרויס אין דרויסן...

צום וואַרשטאַט, וווּ שעווע האָט געאַרבעט איז ליפּע דערגאַנ־גען אין אַ פּאָר מינוט. אַ ווייסע שיין, ווי אַ פֿיר־עקיקער זייל איז געפֿאַלן אויפֿן שניי.

— ס'לויכט זיך דאָרט דאָס פֿענצטער — האָט ער זיך אַליין באַרואיקט. — אפשר אַרבעט זי נאָך...

אַ זעלנער אויף דער וואַך — האָט זיך ליפּע געלאָזט שפּאַצירן איבער דער לענג פֿון גאַס. זיינע טריט האָבן אָפּגעהילכט אין דער שטילקייט. די קעלט איז אַריינגעקראָכן אין די ביינער, נאָר ער האָט עס נישט געפֿילט. אַ היץ האָט באַשלאָגן זיין קערפּער, ווען ער האָט געטראַכט וועגן די מינוטן, ווען ער און שעווע וועלן זיין צוזאַמען.

די פּאָזיציע וועלכע ער האָט פֿאַרנומען, איז געווען אַ סטראַ־טעגישע.

— פֿון וועלכער זייט זי וועט נישט אָנקומען — מוז זי דאָ פֿאַרבייגיין!

נאָר שעווע איז נישט געקומען. דער פֿראָסט האָט אים אַ ביסל אָפּגעקילט און ער האָט גענומען רעזומירן:

— ביזט קיין מענטש נישט — נו, וועסטו זי זען מאָרגן, וואָס ברענט עס?

— אָבער זי האָט דאָך צוגעזאָגט היינט צו קומען — איז אַן אינערלעכע שטים פֿון אים נישט אָפּגעטראָטן.

— ס'איז צייט זאָלסט אויפֿהערן אַרויסווייזן זיך פֿאַר אַ ווייבע נאַטור, וואָס צוליב אַ גלעט ביזטו גרייט אויף אַלעם...

— ביזט גערעכט, מער גיי איך זי נישט זען — זאָל זי מיר קומען זוכן, אויב זי וויל —

נאָר דער נערוו וואָס סטימולירט ליפּעס שריט אין לעבן איז געווען קעגן אָננעמען שאַרפע באַשלוסן. ער איז דעריבער ווייטער געגאַנגען הין און צוריק איבערן גאַס. דער זייגער איז געקראָכן פּאַוואָליע אָבער זיכער צו מיטנאַכט, און פאַר ליפּען איז קלאָר געוואָרן אַז זיין וואַרטן איז צוועקלאָז.

— לאָמיר זי נאָר מאָרגן טרעפן, זי וועט שוין עפּעס פון מיר הערן!

אין דער טונקלקייט פון דער נאַכט האָט זיך באַוועגט אַ געשטאַלט. זי איז געקומען נענטער און ליפּע האָט זיך מער נישט געקענט צוריקהאַלטן:

— שעווע, פון ווו קומסטו איצט?

— פון דיר — האָט שעווע געענטפערט. — אַלע שלאָפן שוין ביי אייך, און די טיר איז אָפן.

— אַבי איך האָב אויף דיר געוואַרט. ווו ביזטו דאָס געווען?

— ביים פאַן ווישניצקי — האָט שעווע רואיק געענטפערט, פּונקט ווי פאַן ווישניצקי וואָלט זיך איר אָנגעקערט אַ קרוב, און זי זעט נישט קיין שום סיבה, פאַרוואָס זי זאָל אים נישט באַזוכן...

ליפּען האָבן קאַלטע אַנגסטן גענומען שלאָגן אין די שלייפן.

— וואָס פאַרא געשעפטן האָסטו דאָרטן? — האָט ער אויסגעשאָסן מיט פאַרדרוס.

— ער איז נישט געזונט. נו, בין איך אים געגאַנגען באַזוכן. ביזטו בייז?

— ניין — האָט ליפּע געזאָגט, כאָטש געפילט האָט ער, אַז זיינע פינגער קראַמפן זיך צוזאַמען, ווי זיי וואָלטן עפּעס צעדריקט.

— קום אריין צו מיר — האָט ער שטיל געבעטן.

— אַזוי שפּעט? ביזטו משוגע? ניין. איך גיי אַהיים.

איר שאַרפער טאָן האָט ליפּען געלאָזט וויסן, אַז זיינע רייד זענען אַרויסגעוואָרפן. ער איז איר נאָכגעגאַנגען שטיל־שווייגנדיק און געזוכט אין געדאַנק ווערטער שאַרפע, איבערצייגנדיקע, וואָס זאָלן איר צעטומלען, אומקערן און בעטן אַנטשולדיקונג. נאָר ער האָט געפילט איר אויבערמאַכט, און ס׳האָט אים נאָך מער געקרענקט — אַז אויך שעווע ווייס עס.

— דו ווערסט צו צודרינגלעך, ליפּע — האָט זי איבערגעריסן דאָס שווייגן. — מיינסט אַז כ'בין צו דיר פּאַרפּליכטעט און מוז דיר אָפּגעבן אַ חשבון ווו איך גיי, מיט וועמען איך רעד. מיר זעען זיך צו אָפּט, און דאָס איז נישט גוט.

ליפּע האָט געשוויגן, וואָרעם געפילט האָט ער אַז טאָמער נעמט זי די ווערטער ערנסט, פּאַרלירן די ווינטערדיקע אָוונטן דעם זין פּאַר אים, און ס'איז רעכט אָראָפּצוגיין פון זינען — פון בלויז בענקשאַפט. ער האָט דעריבער אָראָפּגעשלונגען די טראַציקע ווער־טער וואָס האָבן זיך געקייקלט איבערן צונג. ער איז איר נאָכגע־גאַנגען, ווי ער וואָלט עס געווען דער — וואָס האָט זיך פּאַרשול־דיקט. ליפּע שאַפּיראָ און זיין היים איז געווען די זיכערע באַזע פאַר שעווען. כאָטש ליפּע האָט נישט פאַרנומען קיין אָרט אין אירע פּלאַנירונגען — איז ער דאָך געווען אַ זיכערע טרעפּ — איבער וועלכער מען קען העכער שטייגן אין לעבן.

ביי איר טיר האָט זי אים דעריבער אויסגעשטרעקט די האַנט, ווי זי וואָלט אים אַ נדבה געשענקט און צוגעגעבן:

— ביז מאָרגן. אָרום צען וועל איך ביי דיר זיין. נאָר דו שטיי נישט מער אין דרויסן...

דער פּונק פון האָפענונג, אַז שעווע וועט מאָרגן צו אים קומען, האָט אים אויפגעהייטערט. די פרייד פון דער מאָרגנדיקער באַגע־געניש האָט אים אַזוי פּאַרשיכורט, אַז ס'איז אין זיין געדאַנק נישט געבליבן מער קיין אָרט פאַר לאָגיש באַטראַכטן די סיבה פון שעוועס באַזוך ביים פּאַן ווישניצקי, וואָס וואָלט אים אין אַ ניכטערן מאָ־מענט אָנגערעגט צו געפינען אַ פּאַרבינדונג, אַ שטיקל טאָלק אין די באַגעגענישן.

קאַפּיטל זעקס

זומער־צייט

די ברייטע גאַס איז איינגעהילט אין גרינס. אין מיטן פון טראָטואַר שטייט אַ ריי מיט צעבלעטערטע בוימער און אַרום זיי וואַקסן בלומען און דינע, בויגעוודיקע גראָזן. ליפּע האָט נאָר וואָס פאַרענדיקט אַנאַווילן זיין וועלאָסיפּעד. זיינע הענט האָבן געגלאַנצט פון וואַזעלין, אויל און ס׳האָט געשמעקט מיט נאַפט. ער האָט זיי אַריינגעוווישט אין אַ ווייסער שמאַטע און מיט צופרידנקייט געקוקט אויף די ניקלענע טיילן אין וועלכע עס האָט זיך געשפּיגלט די זון. דער וועלאָ — דאָס איז ליפּעס בעסטער חבר אין די לאַנגע זומער־טעג. ער ברענגט אים צום קילן וואַסער פון דער אָזיערע; אין גרי־נעם, שטאָטישן וואַלד ווו יעדעס שטעגל איז אים היימיש און אַפילו אין דער נאַכטיקער פינצטערניש געפינט ער זיין וועג. דער וועלאָ ברענגט אים אָפּט אין די אַרומיקע שטעטלעך, וווּ ליפּע האָט פריינד און באַקאַנטע מיידלעך. ער פאָרט מיט אים צו דער אַרבעט אין דאָרף אַריין, וווּ עס געפינט זיך דער מעכאַנישער וואַרשטאַט, אָדער ווי מען רופט אים אין שטאָט: די קוזשניע. ליפּע פּוצט אים דערײ־בער מיט דער ליבשאַפט פון אַ פּויער וואָס פּוצט זיין פערד, איידער ער לאָזט זיך אַוועק מיט אים אין אַ שכנותדיקן דאָרף אויף אַ חתונה. דאָס אויסזען פון פערד — דערציילט וועגן דער חשיבות פון זיין באַלעבאָס.

ליפּע האָט מיטן פינגער, מיטן פלאַך פון האַנט געדריקט אויף די גומענע רייפן, כדי צו זען אויב עס איז דאָ גענוג לופט אין זיי. ער האָט נישט קיין ליב צופיל לופט אין די רעדער — דער וועלאָ שפּרינגט דאַן ווי אַ באַלעם איבערן ברוק און טרייסלט — ווי אַ דראַביניאַסטער וואָגן.

ס'איז אָנגענעם, ווען די רייפֿן לייגן זיך ווייך, נאָכגיביק איבער די שטיינער און דאָך קלאַפּן זיך די מעטאַלענע רעדער נישט אָן אין די שטיינער פֿון ברוק. יעדער שרייפֿל איז אָנגעצויגן, די רעדער צענטרירט — זיי זאָלן זיך גלייכמעסיק דרייען. אַזוי האָט זיך שוין ליפּע געפּירט, איידער ער לאָזט זיך אַוועק אויף אַ וויטן שפּאַציר. אַלץ האָט געמוזט זיין אויפֿן אָרט.

ביי ליפּען האָט דער מעכאַניזם פֿון וועלאָ געמוזט אַרבעטן ווי אַ זייגער־ווערק.

ער האָט דערהערט טריט און זיך אויסגעדרייט אין דער ריכ־טונג. עס האָט אים פֿאַרוווּנדערט צו זען שעווען אין אָט דער שעה פֿון טאָג, אין זייער הויז. געוויינטלעך פֿלעגט ער זיך אַרום מיטאָג־צייט אַריבערכאַפּן צום הויז ביים בראָם, און אויב שעוועס מאַמע איז נישט געווען, נאָר איר ברודער — דעמאָלט האָט ליפּע, קעגן זיין געוווינהייט נישט צוצולאָזן קיין פֿרעמדן צום וועלאָ, וועלכן ער האָט אַרומגעבויט מיט רערלעך און דראָטן — אַ פֿרעג געטאָן אין אַ שפּאַסיקן טאָן:

— וואָלסט זיך אַדורכגעפֿאָרן, האַ, זעליקל?

ווארעם ליפּען האָט אויסגעזען אַז דער קליינער זעליק פֿאַר־שטייט שוין אַלץ, וואָס ער האָט נאָך אייגנטלעך נישט געדאַרפֿט פֿאַרשטיין. זיינע פֿלינקע אויגן זענען געהאָנגען אויף ליפּען און שעווען, און געהיט זייער יעדן טראָט.

זעליק האָט נישט געוואַגט צו זאָגן יאָ, פֿונדעסטוועגן — האָט ער זיך געטראַכט — וואָס קען ער איינשטעלן:

— פֿאַרוואָס נישט?!

און איבעראַשט פֿון ליפּעס צושטימונג, האָט ער זיך אַוועק־געלאָזט אין אַ גיציק איבער די געדרייטע געסלעך פֿון אַרום בראָם. דעמאָלט פֿלעגט ליפּע בלייבן אַליין מיט שעווען.

נאָר דאָ איז שעווע נישט אָפּגערעדטערהייט געקומען צו אים. שעוועס פּנים, די רייפֿן אונטער אירע אויגן האָבן פֿאַראַטן אַז זי האָט געוויינט.

ליפּע האָט איר אָנגעקוקט מיט אַ פֿאַרשנדיקן בליק און האָט גאָרנישט געזאָגט. זיינע הענט האָבן נאָר מיט מער ענערגיע גענומען אַריינוווישן אין דער שמאַטע דעם נאַפּט, אויל און וואַזעלין וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אויף זיי. ער האָט די שמאַטע אויפֿגעהאָנגען אויפֿן פּאַרקן, צורעכט געמאַכט דאָס זומער־העמדל און זיך אַוועק־

געלאָזט שווייגנדיק איבער דער שטילער גאַס, וואָס איז פול געווען מיט גרינס און מיט זון.

זיי האָבן זיך פאַרנומען אין אַ זייטיק געסל, דורכגעשניטן אַ צווייטס און פאַר זיי האָט זיך אַנטפּלעקט דער אויסגעפאָרענער, זאַמדיקער שליאַך וואָס פירט צום אַלטן פּאַרק. ליפע האָט מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן דער דריקנדיקער שטילקייט, וואָס זאָגט אָן אַ שטורעם. ער האָט זי געפּרוּווט איבעררייסן מיט אַ חכמה'לע, נאָר די חכמה'לע איז אים געבליבן שטעקן אין האַלדז, און ער האָט ערנסט אַ פרעג געטאָן:

— וואָס האָט פּאַסירט?

— ס'איז נישט אין אָרדנונג...

— ווי לאַנג איבער דער צייט?

— שוין באַלד אַ וואָך...

די זאַך האָט ליפען אויסגעזען גאָר ערנסט. אַמווייניקסטנס האָט ער זיך געריכט דערויף. אויף שנעל וואַרפט ער איבער אין געדאַנק די נעכט; די שבת־נאָך־מיטאָגס, ווען ער איז געווען צוזאַ־מען מיט שעווען. ער האָט זיך געפאָרשט, פּונקט ווי נישט ער וואָלט זיך געליבט מיט שעווען, נאָר אַ זייטיקער; און ער — שעוועס אַ פריינד — וויל פון דעם זייטיקן אַרויסבאַקומען אַ קלאָרע תשובה.

נאָכקוקנדיק די אַלע פאַלן: זיין צימער און זייערע אייליקע צונויפקניפּונגען, דאָס צופאַלן צו איינאַנדער; דאָס גרינע פעלד הינ־טערן שטאָט פאַרהילט אין סודותפולע, נאַכטיקע שלייערן; ביים צעבראָכענעם בריק אין אַלטן פּאַרק, ווו אַ סאָסנע איז געוואַקסן אַ צעשפּאָלטענע אין צווייען. איין העלפט האָט זיך געריסן מיט איר קרוין צום הימל, און די צווייטע העלפט: דאָס ווייסע בוים־פלייש אַנטקעגן דער זון, האָט זיך געוואַלגערט צופוסנס. ליפע האָט זיך אויף אַ רגע דערפילט ווי דער בוים — געטראָפן פון אַ דונער. קומענדיק צו זיך, האָט ער דורכזיפנדיק זייערע צוזאַמענטרעפן, נישט געקענט זיך דערמאָנען, אַז ער זאָל ווען עס איז מאַכן אַ פעלער, אַן אומפאַרזיכטיקן שריט...

— וואָס שייך מיר — האָט ליפע מיט אַ געמאַכט געלעכטערל געזאָגט — דאַרפסטו זיך נישט זאָרגן. מיט מיר בין איך פולשטענ־דיק זיכער...

— טאָ וואָס האָט פּאַסירט?

ליפע האָט שוין געהאַט אויפן צונג דעם ענטפער — מסתמא האָט אַן אַנדערער צוגעהאָלפן — נאָר דער מאָמענט האָט אים אויסגעזען צו ערנסט, אַז ער זאָל זיך פאַרגינען אָט דעם געדאַנק אַרויסזאָגן אויף אַ קול. אַגב, ער האָט נישט געגלויבט אַז אויסער אים איז מעגלעך עס זאָל זיין נאָך איינער. דערויף האָט אים שעווע אויסגעזען צו נאַיוו...

— דאָס קומט פון צופיל אויפרעגונג — האָט שוין ליפע געזאָגט מיטן טאָן פון איינעם, וואָס קען זיך דערויף אויס. — טראַכסט צו פיל אַריין און האָסט מורא, קען דעריבער זיין אַז עס האָט זיך פאַרהאַלטן...

זיי זענען צוגעקומען צו דער צעשפּאָלטענער סאָסנע ביים וואַסער, נעבן דער צעבראָכענער בריק. ליפע האָט איר אַרומגענומען, געצערטלט און צוגעדריקט צו זיך. זי איז געזעסן אַ רואיקע, כמעט אַ פרעמדע און זיך געלאָזן פאַרנאַנדערקנעפּלען פון ליפען. זי איז געווען צוגעלאָזן און נאָכגיביק.

— ס'איז מיר שוין אַלץ איינס — האָבן אירע ליפּן געפּליסטערט.

אויפן וועג צוריק האָבן זיי ווי תמיד געפּלאַפּלט פון נישט וויכטיקע זאַכן און ליפע האָט מער נישט געטראַכט אַז זייער כסדר'דיק צוזאַמענזיין קען טאָקע צו עפּעס פירן...

✶

שעווע האָט מער דערפון מיט ליפען נישט גערעדט. זי האָט זיך נישט באַקלאָגט, און ליפע האָט מער נישט געפרעגט. זיי האָבן זיך געטראָפן ווי געוויינטלעך; צוזאַמען שפּאַצירט איבער דער הויפּט־גאַס, וווּ יונגע פּאָרלעך זענען געגאַנגען אַהין און צוריק, און חברה — פריזיער־געזעלן — זענען געשטאַנען ביי די בעטאָנענע סלופּעס, וווּ מען קלעפּט אויס די מעלדונגען וועגן טעאַטער, וועגן „פּאָבאָר" און אַנדערע שטאָט־זאַכן. זיי האָבן געמאַכט צווייִדייטיקע וויצן אויף די שפּאַצירנדיקע פּאָרלעך.

אין אַלגעמיין איז ליפע נישט שטאַרק באַגייסטערט פון שפּאַצירן הין און צוריק איבער דער הויפּט־גאַס. דאָס האָט אים אויסגעזען אַן איינפאַכער צייט־פאַרלוסט, וואָרעם וועגן וואָס צו רעדן

מיט שעווען האָט ער אייגנטלעך שוין נישט געהאַט. די געשיכטעס פון וואַרשטאַט וואָס שעווע האָט אים דערציילט, זענען געווען לאַנג־ווייליק און גענומען דערעסן. אויך די טאָג־טעגלעכע היימישע זאָרגן האָבן זיך צו ליפּען נישט געקלעפּט — די זאָרגן האָט ער איבער־געלאָזט פאַר זיינע עלטערן. ער האָט געוואָלט רעדן וועגן די פּראָב־לעמען, אויף וועלכע ער האָט זיך אָנגעטראָפן אין ביכער, וועגן דיכטער און לידער, וועגן יענע פאַרנעפּלטע וועגן פון ליבע, וואָס ציען זיך ווי אומזעבאַרע פעדעם פון האַרץ צו האַרץ. פאַרוואָס דווקא דאָס מיידל, און נישט קיין אַנדערס? האָט זיך ליפּע אַליין געפרעגט. דרימלט דאָס געפיל אין מענטשן זינט זיין געבורט און עפּעס וועקט עס אויף און רופט עס צום לעבן, אָדער איז עס אַ געפיל, וואָס פאַרנעמט אַ וואַקום? — איבער די דאָזיקע פּראָב־לעמען האָט דאָס לעבן שעווען קיין צייט נישט געגעבן זיך צו פאַרטראַכטן.

— וואָס האַלט אונדז צוזאַמען? — האָט זיך ליפּע נישט איין מאָל געפרעגט.

אין אַזאַ אָוונט, ווען זיינע געדאַנקען זענען נישט באַוווירקט געוואָרן פון קערפּערלעכן דראַנג — האָט דאָס יוגנטלעכע אין אים געזוכט אַ חבר, מיט וועמען ער זאָל קענען בויען זיינע לופט־שלעסער. מיט אים צוזאַמען זיך אָפּרייסן פון דער גרויער קליינ־שטעטלדיקער ווירקלעכקייט. שעווע — דאָס האַרעפּאַשנע מיידל — איז מיט ביידע פיס געשטאַנען אין דער ווירקלעכקייט, און דאָס האָט באַווירקט איר געדאַנקען־גאַנג. (אַזוי האָט עס אַלנפאַלס ליפּען אויסגעזען...)

ארום אַזייגער צען איז שוין ליפּע געשטאַנען ביי איר טיר, און ווייל דער עלעקטרישער לאָמפּ אַנטקעגן דעם גאַניק האָט גע־ברענט מיט דער פולער שאַרפקייט, האָט ליפּע געדריקט איר האַנט, זיך צוגעהערט ווי זי פאַרזיגלט די טיר פון אינעווייניק, און מיט אַ געפיל פון דערלייכטערונג זיך אָוועקגעלאָזן אין דער ריכטונג, וווּ ער האָט געהאָפט צו טרעפן זיינע חברים. צום קרייז פון זיינע חברים האָט אויך געהערט זעלדע. די דאָזיקע גרופּע — אין מיטן פון זייער גימנאַזיע שטודיום האָט אָנגעהאַלטן אַ העכערע מדרגה, ווי ס'האָט געפאָדערט דער אַלגעמיינער בילדונגס קורס. דאָס איז געשען דערפאַר, וואָס זייער אינטערעס האָט זיך אויסגעברייטערט אויך אויפן פּאָליטישן געביט.

ערשט דאָן איז רעכט געווען פאַר ליפּען זיך אַריינצולאָזן אין א דיסקוסיע ביז נאָך האַלבע נאַכט.

— דיין צוגאַנג — האָט זעלדע אים געזאָגט — איז אַן איינזייטיקער, ווייל דו ווילסט נישט זען דאָס פאָלק וואָס שטרעבט צו האָבן אַן אייגן לאַנד, זיך אַרויסרייסן פון גלות.

ליפּען איז שווער געווען דערויף איינצוגיין. ער האָט נישט געקענט באַגרייפן ווי מען נעמט אַ גאַנץ שטעטל מיט יידן און מען פירט עס האַק און פּאַק אַריבער דעם ים.

— דו גלויבסט דאָך נישט אין משיחן — האָט דערויף ליפּע געזאָגט — טאָ ווי אַזוי רעכנסטו וועט עס געשען?

איבער די נאַכטיקע שפּאַצירן מיט זעלדען האָבן די חברים ליב געהאַט ליפּען צו קיבעצן, און כאַטש ליפּע האָט פאַרזיכערט אַז ס׳איז נישט מער ווי אַ חברישער מיינונגס־אויסטויש, האָבן זיי נישט געוואָלט נאָכגעבן.

— אַזוי הויבט זיך עס תמיד אָן — האָט דער שוואַרצער שימעלע געזאָגט מיט דער זיכערקייט פון אייגעם, וואָס האָט שוין געכאַפּט דעם שניט אין די זאַכן און די מיינונגען וועלכע ער זאָגט אַרויס זענען טאַקע געווען לעבנס־דערפאַרונג.

— אַזוי איז עס ביי דיר צוגעגאַנגען? — דאָס איז שוין ליפּע געווען סאַרקאַסטיש, ממש אַריינגעפּאַרן אַ חבר אין דער ריפּ אַריין. וואָרעם געוווסט האָט ער, אַז עס האָט זיך נאָך אפילו נישט אָנגעהויבן. שימעלע האָט עס געפּרוווט פאַרדעקן מיט אַלע מיטלען, און ס׳וואָלט אים אפשר געלונגען אויך, ווען נישט זיין מאַמע.

— שימעלע — האָט זי זיך פאַרטרויט פאַר ליפּען — איז איינגאַנצן אויס מענטש. נישט ער עסט, נישט ער שלאָפט ביינאַכט. עפּעס מוז מיט אים זיין כאָטש ער פאַרזיכערט מיר: ס׳איז גאָרנישט, לאָז מיר צורו...

די באַזאָרגטע מאַמע האָט פון ליפּען געוואָלט אויסגעפינען, טאָמער וויים ער וואָס ס׳איז די מעשה מיט שימעלען. כאָטש ליפּע האָט זיך אָנגעשטויסן אַז שימעלע, וואָס איז מיט אים אין איין עלטער און איז זייער סענטימענטאַל, און זיינע לידער פאַראַטן פאַרלאַנגען וועלכע ער קען נישט דערגרייכן, — דערווייל — האָט עס שימעלע אונטערגעשטראָכן, ווען ליפּע האָט אים דערויף אויפמערקזאַם געמאַכט — פונדעסטוועגן איז עס ליפּע נישט געווען בכוח צו דערציילן דער מאַמען.

— אזוי זעסטו אוים — האָט ער שימעלען נישט אָפּגעלאָזט — דו שרייבסט איר לידער, נאָר ביים טויער שטייט מיט איר אַן אַנדערער...

— ווייסט אויף געווים? — דאָ איז שימעלע אַריינגעפאַלן אין אַ ביז גאָר ערנסטן טאָן, און ליפּען האָט שוין פאַרדראָסן, פאַרוואָס ער האָט ווײַ געטאָן אַ גוטן ברודער.

— כ׳לעבן — האָט ער געזאָגט צו זיך — ער האָט גענוג אָן דיר...

די מיידלעך — זעלדעס חברטעס — זענען אויך נישט געבליבן שולדיק, און פון צייט צו צייט אָנגעדייט ליפּען אַז זיי ווייסן זיין סוד.

נאָר ליפּע האָט פיינט געהאַט סודות. אין אַ פּראָסטן מיטוואָך, ווען שעוועס אַרבעט געווײַנטלעך, האָט ער געקענט אַריינשפּאַצירן אין דעם אײנציקן קינאָ פון שטעטל, צוזאַמען מיט זעלדען. בטבע איז ליפּע נישט נתפּעל געוואָרן פון די געשפּרעכן וואָס חברה האָט געפירט אויף זיין חשבון. פונדעסטוועגן איז עס דערגאַנגען צו שעוען. ליפּע האָט זיך נישט געריכט אויף דעם, ווייל שעווען קען נישט קומען אין באַרירונג אפילו מיט דעם קרייז, און צוליב דער שפּעטער נאַכט־שעה, ווען אַרבעטס־מענטשן שלאָפן שוין — האָט זי קיינער נישט געזען.

גוטע פריינד געפינען זיך שוין... — האָט ליפּע געטראַכט. שעווע האָט נישט געמאַכט קיין סוד דערפון:

— מען האָט מיר אַלץ דערציילט. — און דערנאָך האָט זי מיט פאָרוווּרף צוגעגעבן:

— הייסט דאָס אַז מיר דאַרפסטו נאָר צוליב דעם... און מיט אַנדערע מיידלעך שפּאַצירסטו ביז האַלבע נאַכט...

ליפּעס שווייגן האָט איר אויסגעזען, ווי ער וואָלט צוגעגעבן זיין שולד. דאָס איז איר ווייניק געווען. זי האָט געוואָלט ער זאָל פאַרזיכערן:

— גייסט גלייך אַהיים. נישטאָ קיין צופעליקע באַגעגענישן!

ליפּע האָט נישט געהאַט דאָס מינדסטע שולד־געפיל:

— איך רייד זיך מיט איר נישט אָפּ. מ׳טרעפט זיך צופעליק, און מיר גייען אַלע צוזאַמען מיט די יאַטן...

— ריווע וועט קיין ליגן נישט זאָגן. אַלע מיידלעך רעדן שוין דערפון. אַזוי האָט זי געזאָגט: ביי דיר מיט זעלדען פאַרנעמט עס זיך אויף עפּעס. זעלדע האָט נישט געזאָגט: ניין, ווען ריווע האָט עס איר געפרעגט. נישט ניין און נישט יאָ. זי שווייגט; און דאָס איז דער בעסטער סימן.

פאַר ליפען האָט די טעמע אויסגעזען נישט צום דיסקוטירן, און ער האָט צוגעזאָגט:

— איך גיי גלייך אַהיים, אָן פּשעסיאַדקעס...

ביי זיך האָט ער באַשלאָסן צו זיין פאָרזיכטיקער.

— ג —

אין איינעם אַזא זומערדיקן אָוונט, ווען זיי זענען געשטאַנען נעבן דער אַלטער, סקריפּענדיקער טיר ביים הויז אַרום בראָם, און דאָס עלעקטרישע ליכט אויפן קעגנאיבערדיקן סלופּ האָט נישט גע־ברענט — מחמת די תלמוד־תורה יאַטלעך האָבן אַראָפּגעקנאַקט ס'לעמפּל — האָט ליפע געהאַלטן שעוועס האַנט אין זיינער.

— מאָרגן פאַר איך אין דער גרויסער שטאָט אריין — האָט שעווע געזאָגט אַזוי פּשוט, ווי זי וואָלט אים געלאָזט וויסן אַז מאָרגן גייט זי צו דער אַרבעט.

— נאָך וואָס? — האָט ליפע נישט פאַרשטאַנען.

— איך פאָר צום דאָקטער. קיינער דאַרף נישט וויסן דערפון.

— קענסט דאָך דאָרטן קיינעם נישט — האָט ליפע געפרעגט, ווי ער וואָלט געזוכט אַן איבערגעריסענעם פאָדעם אין דער פינצטער.

— פאַן ווישניצקי גיט מיר מיט אַ בריוו.

— פאַן ווישניצקי? — האָט ליפע געזאָגט מיט פאַרוווּנדערונג, ווי ער וואָלט דערוואַרט אַן ענטפער אויף דער פראַגע: וואָס פאַרא שייכות האָט ער מיט דיין פאָרן צום דאָקטער?

נאָר קיין ענטפער איז נישט געקומען.

— איך וועל דיר אויפן וועלאָ באַגלייטן צום סטאַציע — האָט ליפע געפרובירט אָנקניפּן דעם אָפּגעהאַקטן געשפּרעך.

— דו זאָלסט זיך נישט דערוועגן עס צו טאָן — האָט זי אים שטרענג אָנגעזאָגט.

אויפן וועג אהיים, שפּאַנענדיק דורך די קוים באַלויכטענע געסלעך, האָט ליפּע געפּרוווט צו דערגיין אַ טאָלק צווישן שעוועס פּאָרן צום דאָקטער און פּאַן ווישניצקים בריוו. נאָר קיין באַשייד האָט ער נישט געקענט געפינען. דאָקטוירים — האָט אים זיין שכל אונטערגעזאָגט — פעלן אין שטעטל אויך נישט, און זי זעט גאָרנישט אויס אַזוי קראַנק צו זיין — טאָ וואָס פאַרא ספּעציאַליסטן זוכט זי דאָרטן?

ליפּע האָט אַלץ געוווּסט, וואָס מען דאַרף וויסן וועגן ליבע צווישן אַ מאַן און אַ פרוי. געוווּסט נישט אַריינצוקריכן אין צרות, און ס'האָט אים טאַקע געהאָלפן מיט שעוועז. דערויף האָט ער דאָך געלייענט די מעדיצינישע ביכער, וועלכע ער האָט געפונען אין דערהיים.

— ווייזט אויס אַז די ביכער זאָגן אויך נישט אַלץ — האָט ליפּע געטראַכט...

צומאָרגנס איז שעווע געבליבן נעכטיקן ביי ליפּעס אַ פעטער, מחמת צווישן שטעטל און דער באַן־סטאַציע איז געווען אַ וואַסערע צוואַנציק קילאָמעטער, און מחמת שעווע האָט זיך שוין גערעכנט ווי איינע פון ליפּעס פאַמיליע.

ליפּעס פעטער איז געווען אַן ענערגישער סוחר און אַ שיינער יונגערמאַן דערצו. ס'ווייב האָט געהאַלטן אַן אויג אויף אים, טאָמער רעדט ער מיט אַ קונה צו לאַנג; דער עיקר ווען עס איז אַ פרוי; און דער עיקר טאַקע — ווען עס איז אַ יונגע שיקסע פון דאָרף... וואָרעם מען ווייסט שוין...

ליפּעס פעטער האָט, ווייזט אויס, פאַרשטאַנען צוליב וואָס שעווע קען נישט דעם זעלבן אָוונט אהיימפאָרן, און מוז איבער־נעכטיקן.

ער האָט אָנגעקוקט דאָס שוואַרץ־חנוודיק מיידל, מיטן קיילעכ־דיקן, ראָזלעך, פרישן פּנים; די פולע אָרעמס און די רונדיקע ברוסטן.

— ליפּע — האָט ער געקלערט — האָט אַ גוסט. פונדעסטוועגן האָט ער געמעגט זיין אַ ביסל פאָרזיכטיקער מיט די זאַכן...

פון זיין בליק האָט זיך שעווע אָנגעשטויסן אַז ער האָט אַן אָנונג אין דער געשיכטע און זי האָט צוריקגעשמייכלט. זייער איבער־שמייכלען זיך האָט געדאַרפט באַדייטן:

— דאָס וועט בלייבן אין דער משפּחה — ס׳טרעפט אַזעלכע זאַכן...

אין האַרצן האָט דער פעטער ליפּען מקנא געווען:

— ס׳איז אינגאַנצן אַנדערש אַז מען איז יונג. היינטיקע צייטן זענען נישט אַמאָל — חתונה האָבן מוז מען נישט...

— ד —

אַז ליפּע איז צומאָרגנס, אַרום מיטאָג־צייט, פאַרפאָרן מיטן וועלאָ צום הויז ביים בראָם, האָט שוין דער קליינער זעליק געוואַרט אויפן „טור" וואָס ער וועט קענען אַריינכאַפּן.

זיי זענען געבליבן אַליין. אויף שעווען איז גאָרנישט קאָנטיק געווען קיין ענדערונג. זי איז ווי תמיד געזעסן איבער אַ טעלער קאַרטאָפל און געגעסן.

— ווי איז אַדורך די רייזע? — האָט ליפּע געוואָלט וויסן, ווייל שעווע — כאָטש שוין איבער די צוואַנציק, איז נאָך ביז דעם טאָג אויף קיין באַן נישט געפאָרן — און אַ צוויי שעה מיטן באַן, מוז ביי איר זיין אַן איבערלעבונג.

— איך בין געגאַנגען אָנגעטאָן אַ שוואַרצן שילער־כאַלאַט מיט אַ ווייס קעלנערל; די האָר פאַרקעמט אין אַ וואַליק און יעדערער האָט מיר אָנגענומען פאַר אַ גימנאַזיסטקע — האָט זי אַ שמייכלדיקע צוגעגעבן.

ליפּע האָט זיך נענטער צוגערוקט צו איר.

— און דאָס האָט אָנגעזאָגט דער דאָקטער — האָט זי אָפּגעשטופּט זיינע הענט אַזוי, שפּאַסנדיק — זאָלסט מיר צורו לאָזן...

קאַפּיטל זיבן

איבערגאַנג

די שטוב איז מיט אַמאָל פול געוואָרן מיט מאַנספּאַרשוין. דאָס האָט פּאַסירט אויפן דריטן טאָג, ווען דאָס פּוילישע מיליטער איז אוועק שלאָגן זיך מיט די דייטשן. דעמאָלט האָט הערש באַשלאָסן אַז דער פּליכט פון אַ מאַן און אַ טאַטן פון צוויי דערוואַקסענע טעכטער איז אין אַזאַ צייט — די אייגענע היים. פון דעם ערשטן וועלט־קריג נאָך, געדענקט הערש ווען ער איז אַ יונגער, פון זון־אָפּגעברענטער ניקאָלייעווסקער סאָלדאַט אוועק זיך שלאָגן פאַרן צאַר — איז די דיסציפּלין לויז געוואָרן אַפילו אין באַלעבאַטישע הייזער. די טעכטער זענען דאַן געוואָרן צופיל שמעלקע מיט די סאָלדאַטן און אָפיצירן. זיי האָבן צוזאַמען פאַרבראַכט אין די הינטערשטע אַלקערס. פון דאָרט האָט זיך אָפט געטראָגן אַ כיכיקען, ווי מען וואָלט זיך געקיצלט. אַז דאָס גרעסטע איז דערגאַנגען צו די טאַטישע אויערן, האָבן זיי הילפלאָז געטאָן אַ צעפּיר מיט די הענט:

— ס׳איז זייער צייט... מלחמה...

און זענען אוועק אין בית־מדרש אריין.

די שענסטע מיידלעך — געדענקט הערש (און ער שפּירט נאָך אַצינד דעם דראָזשדזש אין די ביינער, אָט אַזוי ווי מיט יאָרן צוריק) די בעסטע פון זיי, סאַמע קראַסאַוויצעס האָבן געקלעפּט צו אַן אונ־דזעריקן. אַ ציווילן האָבן זיי גאָר נישט באַמערקט. נאָר מיט די אָפיצירן — עד סוקי, טשאָרט וואָזמי...

נאָר דעמאָלט איז ער געווען אַ יונגער זעלנער, און ווייל ס׳איז קריג געווען — ווען צווישן זיין און נישט זיין איז דאָ אַ דינע גרענעץ — איז יעדע רגע ווערט געווען צו לעבן...

אינדערהיים זענען דאָ צוויי דערוואַקסענע מיידלעך, און ווען

ער טראַכט דערפֿון — פֿאַרשטײט ער ערשט װאָס טאַטעס האָבן דאָן געשפּירט. הערש האָט צונױפֿגעפּאַקט ס'פּעקל און זיך געלאָזט פֿון דער גרױסער שטאָט, פֿון דער פֿאַבריק װוּ ער האָט געאַרבעט — מיטן טראָט פֿון אַן אױסגעדינטן זעלנער — צוריק אַהײם.

דורך די צװײ יאָר װאָס ער האָט פֿאַרפֿעלט צװישן די װענט פֿון הױז, זענען די טעכטער — װי יונגע ביעראָזעס זיך צעװאַקסן אין דער הױך, אין דער ברײט. זײ האָבן זיך שױן אָפּגעװױנט צו זען אַרומדרײען איבערן אײנציקן צימער אַ שװער־לײביקן מאַנס־פֿאַרשױן, מיט צונױפֿגעזשמורעטע אױגן און אַ פּנים געדיכט פֿאַר־װאָקסן, כאָטש װי קײן באָרד האָט עס נישט אױסגעזען. אונטער זײַן שװערן טראָט האָבן געסקריפּעט די לױז־געװאָרענע ברעטער פֿון פּאָדלאָגע. דאָס שטול האָט געקרעכצט, װען הערש האָט זיך מיט דער פֿולער שװערקײט אױף אים אַרױפֿגעזעצט, הגם ער האָט זיך עס באַמיט צו טאָן דעליקאַט, אָט װי אַן אױסדרעסירטער העל־פֿאַנט אין צירק באַמיט זיך אַרױפֿצושטעלן זײַן שװערן פֿוס אױף אַן אײ, און עס נישט צעברעכן.

אין די צװײ בעטן איז מיט אײן מאָל ענג געװאָרן, און װײַל הערש האָט זיך נישט געקענט אײַנמאָטשען, האָבן זײ נאָכאַנאַנד געסקריפּעט.

שעװע האָט זיך גענומען איבערטאָן אין פֿינצטערן אַלקער.

— אַ טאַטע, אָבער פֿאָרט אַ מאַנספּערשױן... אפֿילו די יונגע ציפּקע, װעמענס מײדלשע פֿאָרמען פֿון קערפּער האָבן זיך גענומען בולט אױסטײלן פֿון אונטערן זומער־קלײדל — איז נאָכ־געגאַנגען דער עלטערער שװעסטער אין אַלקער אַרײַן.

— שױן מער נישט קײן קינדער — האָט הערש באַמערקט זײער גאַנג, און זײַנע קרומע, מאָנגאָלישע אױגן האָבן נאָכגעשפּירט זײער יעדן טראָט.

אין די סוף־זומערדיקע טעג איז די נאַכט פֿרי צוגעפֿאַלן. די גאַסן נישט באַלױכטן, און אױך הינטער די דיק־פֿאַרהאָנגענע פֿענצ־טער האָט מען אָנגעצונדן אַ ליכטל נאָר אין אַ נױט־פֿאַל. אין אַזעלכע נעכט האָט ליפּע כמעט װי פֿאַרלױרן דעם אינטערעס צו זען זיך מיט שעװען. איז ער מיט זײַנע חברים געזעסן צוגעדריקט צום ראַדיאָ־קעסטל און געהערט די נײַעס פֿון דער מלחמה.

די לעצטע פּױלישע ראַדיאָ־סטאַציע איז צעקלאַפּט און סוף־װאָך מוז מען אָפּגעבן די ראַדיאָ־קעסטלעך אין דער פּאָליצײַ אַרײַן. נאָר

ביז דאַן — האָט ליפּע געטראַכט — דאַרף מען הערן וואָס די רוסן זאָגן. זיי זענען נייטראַל, קען מען פון זיי דערגיין — וואָס עס פּאַסירט אין דער וועלט.

אַרום מיטאָג־צייט איז שעווע געקומען צו ליפּען. איר האַרץ האָט אַ ציטער געטאָן, ווען זי איז פאַרביי דעם טויער, ווו פּאַן ווישניצקי האָט געוווינט. זי וואָלט גערן אַריבערגעשפּרונגען די טרעפּ, אַריין אין זיין צימער, צוגעפאַלן צו אים און זיך אויפגע־לייזט... אין די רגעם מיט אים איז זי געווען אַן אַנדערע — אַזוי האָט זי וויניקסטנס זיך געפילט; און ווען איבערן שטוב דרייט זיך אַרום אַ שוועך־לייביקער מאַנספּאַרשוין אין אַן אָפּן העמד פון וואַנען עס שפּאַרט אַרויס אַ צעבראַסטיעטע, האָריקע ברוסט — און כאָטש דער דאָזיקער מאַן קערט זיך איר אָן לויט אַלע ביאָלאָגישע געזעצן — אַ טאַטע — איז עס איר צו פיל.

אין אַזעלכע מינוטן פילט זי אַז טאַדעק וואָלט פאַר איר געווען אַן אָנשפּאַר, איבערצולעבן די דריקנדיקע שעהן פון איין באַזוך צום צווייטן. נאָר טאַדעק איז אַוועק אין קריג און געבליבן איז בלויז דערינערונג. ביי דער דערמאָנונג טוט זי אַ צאַפּל ווי דאַן — ווען דער דאָקטער האָט קאַלטבלוטיק מאַניפּולירט אין איר אינ־געווייד — ס׳איז נישט ווייטאָגלעכער ווי מען רייסט אַ צאָן — דאָס האָט דער דאָקטער איר פאַרזיכערט, נאָך דעם ווי ער האָט איבערגעלייענט טאַדעקס בריוול.

— מען טאָר נישט — האָט ער באַמערקט דרך־אגב — נאָר פאַר אַ פריינד וועל איך מיר איינשטעלן. דאָס געלט האָט ער נאָך אַלעמען צוגענומען און פאַרשטעקט עס אין דער הינטערטאַש, אַזוי ווי עס טוען געוויינטלעך קאָרטן־שפּילער.

אָט דאָס בילד פון דאָקטער איז ביי שעווען געבליבן, ווען זי האָט אויף אים געקוקט מיט קינדיש־צעשראָקענע אויגן:

— פונדעסטוועגן, ווי עס מאַכט זיך — האָט דער דאָקטער איר געגעבן אָנצוהערן — אויף אַ צווייט מאָל שוועסטערל, געדענק מיין אַדרעס...

די אַלע געדאַנקען זענען דורכגעפלויגן דורך איר קאָפּ ווי אַ שטורעם־ווינט, ווען זי איז פאַרביי דאָס באַקאַנטע טויער. אינס־טינקטיוו האָט זי אַ קער געטאָן דעם קאָפּ צום אָפענעם טירל, נאָר דאָרטן איז בלויז געווען אַ ליידיקער הויף...

ביי ליפּען האָט זי געהאַפּט געוויער צו ווערן ווי ס׳זעט אויס

מיט דער מלחמה, און אויך — ווּ איז ער געווען די לעצטע פּאָר נעכט. ווייל הערש האָט געהאַלטן אַז ווי נאָר עס ווערט טונקל, זאָלן די טעכטער פאַרבלייבן אין שטוב. זענען זיי — ווי די הינער אויפן סיעדעלאָ — יעדערער פאַרקראָכן אין איר ווינקל, און גע־דרימלט.

פּאַר ליפּען איז אָבער אָפּן געווען די גאַנצע שטאָט. אין דער פינצטערניש איז ער מיט זעלדען געגאַנגען אין קינאָ. נאָכער ביז שפּעט שפּאַצירט איבער די שטילע גאַסן. זיי האָבן זיך געהאַט פיל צו זאָגן. דער קריג האָט זיי דערוווייל באַרירט בלויז מיט די שפּיצן, זייטיק. דורכן זומער האָבן זיך אָנגעקליבן פראַגן, און איצט — אין דער טונקלקייט איז געווען לייכטער זיי פאַרנאַנדערקלייבן און אפשר פרוּוון לייזן זיי, כאָטש ליפּע האָט ווייניק געגלויבט דערין...

— ריווע האָט מיר שוין דערציילט — האָט שעווע מיט פאַר־וווּרף געלאָזט וויסן ליפּען אַז ס'איז גלייכער באַלד פון אָנהויב צו דערציילן דעם אמת.

נאָך איידער ליפּע האָט געפונען דאָס ריכטיקע וואָרט איר צו זאָגן, זענען אירע אויגן פול געוואָרן מיט פייכטקייט. זיי האָבן דאַן אויסגעזען ווי שווערע וואָלקנס, וואָס ווילן באַלד נעמען רעגענען פון איבערפולקייט.

— דו נוצט אויס וואָס מיין טאַטע איז דאָ, און איך קען צו דיר נישט קומען. ניין, דו האָסט נישט קיין געפילן פאַר מיר, דו האָסט מיר נישט ליב. ביזט אַ שלעכטער... אַ שלעכטער... — און זי האָט פאַרשטעלט די אויגן.

קוקנדיק אויף איר צוקנדיקן קערפּער איז זי ליפּען נאָענט געוואָרן — אָט ווי אין יענעם נאָכמיטאָג, ווען זיי זענען צוזאַמען געשטאַנען אונטער דעם צעוואָקסענעם ליפּע־בוים אין מיטן פעלד, און דער רעגן האָט זיי געבייטשט מיט זיינע שטראָמען. דער רחמנות־געפיל האָט אונטערגעזאָגט זיין האַנט, זי זאָל צערטלען דעם אראָפּ־געלאָזענעם קאָפּ.

ליפּע האָט זיך נישט געקענט דערמאָנען, צי האָט ער איר ווען נישט איז פאַרזיכערט אין זיין ליבע. עפּעס אין אים האָט גע־צווינגן זיין צונג, עס איר צו פרעגן. נאָר פרעגן עס אין דער רגע האָט אים אויסגעזען נישט פיין, און דאָס וואָלט איר נאָך מער באַליידיקט. פאַרלירן שעווען — דאָס האָט ער אַמווייניקסטן גע־וואָלט. פאַרליבט אין איר, ער זאָל אַנדערע מיידלעך נישט באַמערקן

— דאָס איז ליפּע נישט געווען. אָבער מיט שעווען ביים זייט, איז אים גוט געווען. אויך זיינע חברים האָבן עס באַמערקט: — אַז דו גייסט מיט איר, איז ווי עמיצער וואָלט דיר אויסגעקערט אויף דער לינקער זייט...

ס'איז אים איינגעפאַלן, אַז אויסטענה'נען זיך, ווען שעווע גע־פינט זיך אין אַ צושטאַנד פון דעפּרעסיע, איז נוצלאָז. ער האָט איר אַרומגענומען, צוגעדריקט צום ברוסט און אַ קוש געטאָן איר אין שטערן. דאָס האָט ער איינגנטלעך געטאָן זייער זעלטן, אפשר אין אויסערגעוויינלעכע רגעס פון געריריטקייט. שעווע האָט אויפגעהויבן אירע אויגן. זיי זענען געווען פייכט, כאָטש קיין סימן פון טרערן האָט מען נישט געזען. איר בליק איז אַצינד געווען אַ לויטערער, ווי אויסגעוואַשן, און אַן אומשולדיקע אויפריכטיקייט האָט אַרויס־געקוקט פון אירע אויגן. עס איז געווען אַ בליק אין וועמענס ער־לעכקייט ליפּע האָט נישט געקענט צווייפלען. ס'איז אים אויסגעקומען אַז שעווע איז פאַרליבט אין אים. ער האָט געפונען אירע ליפּן, וואָס האָבן לייכט געציטערט און זיי געקושט. שעוועס קערפּער האָט זיך געדריקט צו זיינעם און ער האָט געפילט איר ווייליק, נאָכ־גיביק לייב, וואָס בענקט נאָך צערטלעכקייטן און באַרירונג.

געוויינטלעך וואָלט ליפּע זי אַוועקגעלייגט אויפן בעט, אויפן ווייסן געפּרעסטן ליילעך, וועלכן ער האָט קיינמאָל נישט אַראָפּגע־נומען. לויט דעם ליילעך האָט ליפּעס מאַמע דערקענט אַז עפּעס איז דאָ פאָרגעקומען... זי פלעגט עס דאַן ווידער אויספּרעסן, און צוריק אַרויפלייגן — נישט זאָגנדיק קיין וואָרט. דאָך האָט ליפּע נישט געוואָלט אַז אין דער מיטאָג־שעה זאָל אים עמיצער טרעפן מיט שעווען אויפן בעט. ער האָט זי לייכט אָפּגעשטויסן, און איינגערוימט אין אויער:

— עס ווערט שפּעט... דו מוזט צוריקגיין...

שעווע האָט אויסגעווישט די אויגן, אַ שמייכל געטאָן און איז אַוועק.

— אבי אָפּגעקומען אָן סצענעס — האָט ליפּע לייכטער אָפּ־געאָטעמט.

— ב —

געשען איז עס אומגעריכט. דער פּאַרטאַגיקער הימל — אַ גרויער, אָנגעכמורעטער האָט געהאַלטן דעם סוד אין זיך — און געשוויגן. אויף זיינע האָריזאָנטן האָבן שוואַרצע פּונקטן, ווי שוואַר־צע קראָען זיך באַוועגט. בלויז דאָס געדויש האָט זיי אויסגעגעבן, אַז דאָס זענען שטאָלענע פויגל, וואָס קענען זייען פאַרווּסטונג. דער הימל האָט נישט אויסגעזאָגט וועמען זיי געהערן.

פּלוצלינג האָט די רוסישע אַרמיי גענומען שטראָמען ווי אַ לאַווע, וואָס דער ווּלקאַן שפּייט אויס, איבער אַלע וועגן, דורך וועלכע מען קען אַריין אין שטאָט. די דאָזיקע לאַווע איז אָבער נישט געווען קיין הייסע, קאָכיקע. מאָגערע פערדלעך האָבן גע־שלעפּט פּויערישע וועגעלעך, אויף וועלכע ס׳זענען געזעסן מידע סאָלדאַטן, אין דורכגעווייקטע גרינע העמדלעך. די ביקסן זענען געהאָנגען נאַכלעסיק איבער די אַקסלען אויף לייוונטענע בענדלעך. די סאָלדאַטן וואָס זענען געגאַנגען נאָך די וועגן, האָבן געשפּאַנט אין קורצע, פאַרבלאָטיקטע שטיוול. פון אַ זייטיקער גאַס זענען אָנגעלאָפן שטאָלענע הייזער אויף קייטן, מיט אויסגעצויגענע לופעס פון האַרמאַטן.

— טאַנקן — איז אַ געמורמל אַדורך די פאַרחידושטע מענטשן, וואָס זענען געשטאַנען אויף די טראָטואַרן.

אין דער דאָזיקער פרימאָרגן־שעה איז דער גורל פון פּוילן געחתמעט געוואָרן. די געשיכטע האָט זיך איבערגעחזרט.

מיט פּוילן האָבן זיך ווידער צעטיילט אירע שכנים.

— ג —

פאַרלעך האָבן אַרומגעשפּאַצירט אין די גאַסן, זיך געטראָפן אין די רעסטאָראַנען, וועלכע די נייע מאַכט האָט געעפנט. די מענטשן האָבן אויף אַלעם געקוקט מיט אָפענע אויגן — פּונקט ווי זיי וואָלטן אָקאָרשט געבוירן געוואָרן.

באַגעגענען אַ מיידל מיט אַ פּאָלקאָווניק, אָדער אַ מאַיאָר פון דער רויטער אַרמיי איז אַ נאָרמאַלע דערשיינונג. אַ מיידל — וואָס האָט אין די פּוילישע צייטן קוים געקענט דערגיין צו אַ פלירט מיט

אַ סערזשאַנט — האָט געפילט א סאַטיספאַקציע אין קענען פראַנק און פריי ארומשפּאַצירן מיט א קאַפּיטאַן. טאַטעס האָבן זיך צוגעקוקט און געשוויגן. זיי האָבן נאָך נישט באַוויזן צו דערפילן, מיט וואָס דאָס אַלץ שמעקט.

שעווע האָט זיך נישט געאיילט אָנצוקניפּן קאָנטאַקט מיט דער נייער מאַכט.

— א סאָלדאַט, בליבט א סאָלדאַט — האָט זי זיך געטראַכט
— ווו דער גורל פאַרוואַרפט אים, דאָרט וווינט זיין ווייב...

זי האָט ווייטער זיך געטראָפן מיט ליפען, נאָר געקוקט האָט זי אויף אים שוין אַנדערש:

— די פאַראַדנע גאַס איז נישט מער קיין יחוס. דאָס סאמע יחוס וווינט ביים בראָם. זי האָט פונדעסטוועגן ליפען וועגן דעם נישט געזאָגט. איבעריסן מיט ליפען — מיינט איבעריסן מיטן קרייז אין וועלכן ער פארקערט, און דאָס האָט שעווע נישט געוואָלט. אַלנפאַלס — ביז זי האָט נישט קיין אַנדער קרייז.

די מיידלעך האָבן זיך צוריקגעקערט צו דער ארבעט אין דינטשעס וואַרשטאַט. (עס האָט שוין מער נישט געטראָגן דעם בורזשואַזן נאָמען — אַטעלע).

— וועלכע מאַכט עס זאָל נישט זיין — אַ ברויט קאָסט געלט — האָט געפסקנט כאַשקע.

שעווע איז מער אין וואַרשטאַט נישט געגאַנגען. א וועלט ענדערט זיך. זאָל זי בלייבן ביים אַלטן? עס איז דער אָנהויב. און אין אָנהויב האָט יעדער א שאַנס. א יונגע, ענערגישע מיט א יחוס־בריוו: אָפּשטאַמיק פון אַרבעטער — „איז ראָבאָטשיך” — וועט זי זיך באַמיען צו באַקומען אַרבעט אין אַ ביוראָ.

מיט דעם יחוס טאַקע, איז איר טאַטע הערש, וואָס האָט געקנאַקט רוסיש ווי א ניקאָלאַיעווער סאָלדאַט:

— טאָטק טאָטשנאָ וואַשע — נאָר ער אין מיטן האָט זיך דערמאָנט, אז מ'זאָגט שוין נישט מער ווי ביים צאַר: „וואַשע וויסאָקאָ בלאַגאָראָדיע — האָט ער אויסגעשאָסן:

— טאָוואַרישט קאָמאַנדיר...

מיט אַזאַ אָפּשאַמונג און אַזאַ רוסיש איז הערשן אָנפאַרטרויט געוואָרן אויפצופאַסן און אויפרוימען דעם איספּאָלקאָם...*

---

* איספּאָלקאָם — אויספיר קאָמיטעט.

— ד —

מיטן אָנקום פון דער נייער מאַכט איז מיכאיל זאַרקין און אַנדע־רער געוואָרן. זיין אַקאָרדיאָן — די רוסן האָבן עס גערופן: האַר־מאָשקאַ — האָט פאַר אים אויפגעעפנט ברייט אַלע טירן. מיכאיל איז אַ גוטער מוזיקער, אַ שילער פון ווילנער קאָנסערוואַטאָריום. אין זיין מויל קלינגט די רוסישע שפּראַך מיט אַלע קנייטשן און ניואַנסן — ווי ביי אַן עכטן רוס, איז עס דאָך זיין מוטערשפּראַך כּמעט ער איז אַ ייד. אין אים נורקעוועט אַ טאַלאַנט וואָס רייסט זיך צו גרויסע מוזיקאַלישע אויפטועו. נאָר דאָס אָרעמע פּוילן, און דאָס נאָך מער פאַראָרעמט ווייס־רוסישע שטעטל, האָט דעם דאָזיקן טאַלאַנט, נישט געהאַט וווּ אַהינצוטאָן. האָט מיכאיל געלעבט ביי זיין מוטער און פון צייט צו צייט פאַרדינט אַ פּאָר זלאָטעס ביי צופעליקע טעאַטער־פאָרשטעלונגען.

זיין ליבע און די חתונה מיט טאַמאַרען — אַ טאָכטער פון דער אַמאָליקער יידיש־רוסישער אינטעליגענץ, איז געווען אַ קורצע און אַ שטורמישע. זיי האָבן אַ געהאַט אַ קינד און זיך צעשיידט.

ערשט דעמאָלט האָט אַן אַלטער בחור, דער באַלעבאָס פון דער הורטאָווניע, וואָס האָט שוין געהאַט פאַרוואָרפן אַלע פּלענער פון חתונה האָבן זיך ארומגעזען, אַז דאָס קען זיין עפּעס פאַר אים. וואָ־רעם ביי זיין גאַנצער גבירשאַפט, וואָלט טאַמאַרען ווי אַ מיידל קיינ־מאָל נישט איינגעפאַלן דער שידוך

שווירסקי האָט געקויפט אַ שיין הויז, און זיי האָבן אויך געהאַט אַ קינד. צוויי האָט טאַמאַרע שוין געהאַט — אין דער מוטער געראָטן.

די ווונד האָט זיך ביי מיכאַילן קיינמאָל נישט פאַרהיילט. דאָס מעדיצין וואָס ער האָט גענוצט, איז נישט בכוח געווען אים צו אויס־היילן כּמעט טיילמאָל האָט עס אים פאַרטויבט. אָבער ווען ער האָט פון דער שיכּרות אויפגעוואַכט, האָט די ווונד מיט אַ נאָך טיפערן ווייטיק גענאָגט. דעמאָלט האָט ער אַ צי געטאָן דעם אַקאָרדיאָן, און דערלאַנגט אַ זונג איינעם פון די טאַנגאָס וואָס ער האָט פאַר־פאַסט, און וואָס נאָר ער אַליין האָט געוווּסט צו וועמען די ווער־טער זענען געוואָנדן:

טיעביאַ פּראָשטשאַיו קאַזשדואוי אָשיבקיע —
אָ פּריכאַדי טי דרוג קאָמניע סקאַריעע...*)

נאָר ווען ער האָט זיך דערמאָנט, אַז זי וווינט מיט אַן אַנדערן און זי געבוירט יענעם קינדער, האָט ער אומעטיק פאַרענדיקט:

טיעביאַ ליובלו אי טאַק סטראַדאַיו —
אי שליו טעביאַ מאָיע פּאָסלעדניע טאַנגאָ.**)

בראָנפן האָט די נייע מאַכט געגנוג. און מיכאיל האָט געטרונקען. און ווייל ער האָט זיך געפילט חשוב ביי זיך, צוליב זיינע פאַרבינדונגען מיט די הויכע נאַטשאַלניקעס — האָבן אים די פיס פון זיך אַליין פאַרטראָגן צו דער שטילער גאַס, וווּ טאַמאַרע האָט געוווינט:

— עפן אויף טייערינקע — האָט ער געקלאַפּט אין טיר און גערופן אין רוסיש. נאָר די טיר איז געבליבן פאַרמאַכט.

— דאָס בין איך, דיינער, האָסט מיר פאַרגעסן, ליבינקע? האַ, האָסט פאַרגעסן ווי מיר האָבן זיך געסמאָטשקעט אין די ליפּעלאַך זיסינקע? נאָר די גלעזערנע טיר, אין דער שווערער דעמבענער ראַם מיטן קלאַפּשלאָס האָט אַלץ נישט נאָכגעגעבן. פון אינעווייניק האָט מען קיין פּיפּס נישט געהערט.

— עך טי דיעשאָווקאַ***) — שלאָפסט מיט אַן אַנדערן און דעם באַלעבאָס פון שטוב לאָזטו נישט אריין — באַלד וועל איך דיר ווייזן...

— וואַט סוואָלאָטש, אַלץ צוליב געלט. זיך פאַרקויפט...

שויבן־גלאָז האָט זיך צעקלונגען, און בלוט האָט גענומען פליִיצן איבער מיכאילס האַנט.

— עך טי סוואָלאָטש — האָט ער זיך צערעוועט ווי אַ געשלאָגענער הונט, וואָס קען זיך שוין נישט ווערן און דאָס איינציק געווער זיינס איז דאָס געוווי — מיין ווייב האָסטו באַשלאָפן און אַצינד בליאַבעסטו מיין בלוט אויך! טי סוקיני סין, טי****) —

---

*) דיר בין איך מוחל אַלע פעלערן
נאָר קער זיך ווידער צוריק צו מיר וואָס שנעלער.

**) דיר האָב איך ליב און לייד דערפון
און שיק דיר מיין לעצטן טאַנגאָ...

***) דו ביליקע זונה.

****) דו צויגן זון, דו.

דאָס געריכט האָט געמשפּט מיכאיל זאַרקין פאַר כוליגאַניזם.

— אַ בירגער — האָט געזאָגט דער פּראָקוראָר — דאַרף זיך אויפפירן אָנשטענדיק, אַפילו ווען ער נעמט אַן איבעריק גלעזל. עס איז נישט דאָס פּריצישע פּוילן, ווען מען האָט געקענט קלאַפּן שויבן אומגעשטערט. דאָ געהערט יעדעס הויז צו דער מלוכה, און גלאָז וואַלגערט זיך נישט ביי אונדז אויפן מיסט. דאָס מיינט, אַז מיכאיל זאַרקין האָט פאַרניכטעט מלוכיש פאַרמעגן — — — —

די זאַך האָט אויסגעזען צו זיין ערנסט. אַפילו דער ראַיאָן־קאָמיטעט פון קאָמסאָמאָל האָט דערשמעקט אַז מיכאיל וועט זיך פון דעם עסק נישט אַרויסדרייען, אויב מען וועט אים צושרייבן דעם פּאַראַגראַף פון „זיבעטן אין אכטן".*) פאַר זיי האָט עס באַדייט אַ גרויס פאַרלוסט. אַזעלכע קינסטלער ווי מיכאיל באַגעגנט מען נישט יעדן טאָג. אויף אים בויען די רוסישע בחורים און מיידלעך, וועלכע זענען אָנגעקומען פון דער ווייטער, רוסישער פּראָווינץ, צו בלייבן אין די באַפרייטע געביטן, ווו מען קריגט פון כל טוב. מיט אים קענען זיי אָרגאַניזירן כאָרן, טעאַטער־קולטור.

— טשערעז באַביאַנקו, טאַלאַנט פּראָפּאַדאַיעט**) — האָט באַדויערט דער סעקרעטאַר פון קאָמסאָמאָל, אין אַרומשמועסן דעם ענין מיט זיין עלטערן חבר — דעם פּאַרטיי־סעקרעטאַר.

— אָן טאַם זאַגניאָטסאַ — ער וועט אָוועקפאַרן אין לאַגער, און דער סוואָלאָטש, דער בורזשוי, וועט ווייטער שלאָפן מיט זיין ווייב . . .

— טאָ לאָמיר אים מאַכן פאַר אַ קולטור־טוער, אַ באַצאָלטן פון דער פּאַרטיי, וועט ער במילא זיך געפינען אונטער אונדזער אויפזיכט — האָט גע'עצהט דער פּאַרטיי־סעקרעטאַר.

אַזוי איז מיכאילס גורל באַשטימט געוואָרן.

צומאָרגנס, אַז דער ריכטער פון פאָלקס־געריכט האָט געלייענט דעם פּסק־דין, און ווען ער איז אָנגעקומען צו דער שטעל וואָס כאַראַקטעריזירט דעם באַשולדיקטן, האָט ער געזאָגט:

— דער קולטור־ראַבאָטניק, דער חבר זאַרקין — דעמאָלט האָט

---

*) אין רוסיש: סיעדמאָוואָ, אָסמאָוואָ — פון זיבעטן אויגוסט — אַ באַרימטער פּאַראַגראַף, לויט וועלכן מען קריגט מיניומום 10 יאָר . . .

**) צוליב אַ ווייבל — ווערט אַ טאַלאַנט פאַרלוירן...

דער זאָל לייכטער אָפּגעאָטעמט. עס איז קלאָר געוואָרן, אַז מיכאיל זאַרקין איז רייִנגעוואַשן פון יעדער זינד.

מיט דער ערשטער פאַרשיקונג פון „פאַרדעכטיקטע עלעמענטן" איז קיין סיביר אַוועק שווירסקי — דער אַמאָליקער באַלעבאָס פון דער הורטאָווניע.

אין טאַמאַרעס הויז, אין די לייִדיקע צימערן האָבן זיך אַריינ־געצויגן קאָמסאָמאָלצעס, אַראָפּגעשיקטע אין שטעטל אויף אַרבעט. מיכאיל מיט זיין האַרמאָשקע איז דאָרטן געוואָרן אַן אָפטער גאַסט. געקומען איז ער, הייסט עס, צו די בחורים און מיידלעך, פאַרווײַלן זיי מיט זיין שפּילן; אַ גלאָז בראָנפן טרינקען — און נאָכן ערשטן גלאָז טאַקע, איז אים טאַמאַרע אַריין אין קאָפּ. האָט ער זיך געטרוּ־ליעט צו איר, ווי אין די ערשטע טעג פון זייער ליבע...

אין יענע איבערגאַנגס־טעג האָט זיך שעווע דערמאָנט, אַז טאַ־מאַרע איז אירע אַ ווייטע קרובה, און זי זעט נישט קיין שום סיבה, פאַרוואָס זי זאָל איר נישט קענען באַזוכן, איבערהויפּט ווען אַלע זענען שוין גלייך...

מודה זיין זיך פאַר ליפּען אַז עס ציט איר צו באַקענען אָט די נייע מענטשן, אַריינשטעלן אַ פוס אין זייער סביבה — צו דעם איז זי נישט דרייסט געווען.

— און נאָך אַלעמען — צו וואָס דאַרף ער עס וויסן... — האָט זי זיך געטראַכט.

— פיר מיר צו אַביסל — איך דאַרף אַריינגיין צו טאַמאַרען — האָט זי געבעטן ליפּען. איז ליפּע מיטגעגאַנגען. נאָר אַז עס האָט גענומען צייט, און זי איז נישט אַרויסגעקומען, האָט זיך ליפּע גע־כאַפּט, אַז וואַרטן דאָ איז נישט פאַר אים קיין עסיק. איז ער אַוועק.

— זאָל זי זיך צונויפשניאָקען מיט די פּאָניעס — האָט ער זיך געטראַכט — יאָגן זיך דאָך אַלע מיידלעך נאָך דער מציאה, טאָ מיט וואָס איז זי ערגער...

נאָר זאָגן, אַז ס'האָט אים נישט געאַרט — דאָס קען מען נישט.

פון די באַגעגענישן ביי טאַמאַרען, איז שעווע אַרויסגעשוווּמען ווי דער געהילף־סעקרעטאַר פון שטאָטישן סאָוויעט...

מיט איר אַרבעט אין גאָר־סאָוויעט האָט זיך ליפּע ווייניק אינ־טערעסירט. מ'שרייבט אַ פּאַפּירל אַהין, אַ פּאַפּירל צוריק. שעווע האָט דערפילט, אַז ענגלעך פאַרנעמט זי אַן אָרט אין דער געזעל־שאַפט, און ס'האָט איר געאַרט פאַרוואָס ליפּע באַנעמט עס נישט;

זעט נישט איר דערגרייכונג, און קוקט אויף איר מיט די זעלבע אויגן וואָס פריער; און רעדט צו איר די זעלבע רייד ווי פריער — ווען זי איז געווען נישט מער ווי אַ פּשוט שניידער־מיידל.

— ווער איז ער, ווער? — דאָס האָט זי גערעדט צו זיך אַליין וועגן ליפּען — נישט מער ווי אַן אַרבעטער. טאָ וואָסזשע מיינט ער זיך?! די ברייטע גאַס איז שוין נישט דאָס וואָס געווען. נאָר ער — ליפּע איז געבליבן דער זעלבער. אַפילו אין זיין באַנעמען זיך איז נישטאָ קיין ענדערונג און זי האָט זיך דעריבער באַמיט אים צו האַלטן פון דערווייטנס.

— דער פּרעדסעדאַטיעל פון גאָר־סאָוויעט*) נעמט פון מיר די אויגן נישט אַראָפּ — האָט זי זיך באַרימט פאַר ליפּען, כדי צו באַווייזן ווי חשוב זי איז ביי דער נייער מאַכט. אין אירע אויגן איז אַ פאָרזיצער פון גאָר־סאָוויעט געגליכן צו אַ בירגערמייסטער פון שטאָט, און קלאָר איז — אַז פאַן הענריצע, אַ פּאָלקאָווניק מיט געדרייטע בלאָנדע וואָנסן — דער בירגערמייסטער פון שטאָט פאַר פּוילנס ממשלה, האָט זי אַפילו נישט באַמערקט. פאַר ליפּען איז דזיאַטלאָוו, דער נייער שטאָט־באַלעבאָס געווען נישט מער ווי נאָך איין רוסישער פּויער וועלכן די פּאַרטיי האָט אַרויפגעזעצט אויף אַ פּאָסטן, כדי ער זאָל אונטערשרייבן די באַפעלן וועלכע מען שטעלט אים צו.

— נו? — האָט ליפּע נישט געקענט באַגרייפן, וווּהין שעווע צילט.

— וואָס הייסט, נו? — ער האָט מיר נעכטן אַ קניפּ געטאָן אין הינטן אַריין, מעג אים די כאָליערע נעמען. מען זעט עפּעס אָן?
— זי האָט אויפגעהויבן ס'קלייד און געוויזן ליפּען דאָס דיקע פלייש.

— ווערליק ווי פאַר אַ פּרעדסעדאַטיעל, האָט ער דיר געמאַכט נישט קיין שלעכטן פלעק — האָט ער געזאָגט מיט אַ טאָן פון אַ מבין, כאָטש אין טאָן האָט זיך געפילט אַ היפּש ביסל חוזק, און טאַקע פאַרדרוס אויך.

שעווע האָט פאַרשטאַנען, אַז באַרימען זיך מיטן בלויען צייכן איז געווען אַ נאַרישקייט. זי האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און גע־שוויגן.

---

*) פאָרזיצער פון שטאָט־ראַט.

— ביי די סאָוויעטן קען מען מיט אזא הינטן מאכן א קאריערע
— האָט ליפּע געפּרוּווט א לאַך טאָן.
— דיר ליגן נאָר אין זינען די זאכן — האָט זי א זאָג געטאָן א באַליידיקטע און א קלאַפּ געטאָן מיטן טיר. זי איז אוועק.

ליפּע וואָלט אין אַן אַנדער צייט זי געפּרוּווט צוריקרופן, איבער־בעטן — אזא טבע האָט ער שוין געהאַט. צוערשט אריינזאָגן שאַרף, בייסיק — און נאָכער פּרוּוון מאכן פון דעם א געלעכטערל, א שפּאַס.

נאָר פון שעוועס באַנעמען זיך, איז אים אויסגעקומען, אז זי האָט מיט א כיוון דערפירט צו דעם געשפּרעך, כדי זיך צו פילן באַ־ליידיקט, און קענען אוועקלויפן צו טאַמאַרען.

— וואָס אייגנטלעך האָט זי דערוואַרט פון מיר? — האָט ליפּע א זאָג געטאָן און פאַרויכערט א פּאַפּיראָס. — איך זאָל באַוואונדערן איר נאָנטקייט מיט דער נייער מאַכט? זי איז דאָך נישט קיין קינד און דאַרף פאַרשטיין אז מיטן בלויזן קנייפּן וועט דער פּויער נישט אָפּקומען...

ער האָט אויף זיך אַרויפגעצויגן די מינע פון א סטאָיקער, און מיט פילאָזאָפישער רואיקייט א זאָג געטאָן צו זיך:

— נישט היינט, איז מאָרגן. ייִנגל, מעגסט זיך אַרומקוקן פאַר א ניי מיידל, כדי עס זאָל דיר נישט ווי טאָן שעוועס אוועקגיין...

— ה —

איבער דער סטאָלאָווע איז געהאָנגען א געדיכטער רויך ווי א ביטערער וואָלקן, און האָט פאַרכאַפּט ס'אָטעם. שעווע איז אריינ־געקומען מיט ליפּען. אזוי האָט זי זיך געפירט אין דעם ערשטן ווינטער ביי דער סאָוויעטן־מאַכט. אז זי האָט נישט געהאַט קיין באַגלייטער (און ליב געהאַט האָט זי, אז זי באַווייזט זיך ערגעץ־ווו, זאָל מען זי זען אין דער באַגלייטונג פון א מאַן) איז אויך ליפּע גוט געווען, כאָטש ער איז נישט מער ווי א יאָט פון א יאָר ניינצן. אין אזעלכע פאַלן מאַכט עס איר נאָך ייִנגער. גייענדיק פון דער אַרבעט אין סאָוויעט, איז זי פאַרביי ליפּעס הויז און געבעטן אים מיטגיין. ליפּע האָט אַלע מאָל געהאַט צייט פאַר איר, און צוזאַמען זענען זיי אוועק דורך די פאַרשנייטע, פּראָסטיקע גאַסן אין „סטאָלאָווע”, אויף אָוונט־ברויט.

אין געדיכטן נעפל האָט זיך אויסגעטיילט אַ פרייער פּלאַץ און זיי האָבן זיך אַנידערגעזעצט. די קעלנער האָבן דערלאַנגט טיי מיט זעמל. עס איז געווען הייס, דומפּיק, און ליפּע האָט נישט געהאַט וואָס צו זאָגן.

— עך קראַסאָוויצאַ — איז אַ רויט־אַרמייער פּלוצלינג ארויפ־געפאַלן אויף שעוועז — זיצט גאָר דאָ און זופּצט טיי? קום אַריין מיט אונדז אין קליינעם צימערל — מירן דאָרטן אַ הוליע טאָן, און טרינקען עכטן שנאַפּס! עך, אַזאַ באַרישניע ווי דו זאָל זופּן טיי, דאָס איז דאָך גלאַט אַן עבירה, טשעסנאַיע סלאָוואָ!

— דאָס איז דער שאָפער פון איספּאָלקאָם, איך וויל מאָרגן מיט אים מיטפאָרן צום סטאַציע. איך וויל עפּעס נעמען ביי דיין פעטער, פון דעם, וואָס איז איבערגעבליבן פון זיין קראָם. גיי אַהיים, און איך קום גלייך צו, כ׳וויל זיך בלויז מיט אים אָפּריידן...

— ניין — האָט ליפּע זיך פאַרעקשנט. — איך וועל אַוועק צו שימעלען. כ׳וועל נישט זיין אינדערהיים! — דאָס איז געווען אַ הילפלאָז בייזערן זיך.

ער האָט געוווּסט אַז ער וועט יאָ זיין...

— אַז וועסט זיין אין דערהיים — האָט זי אים איינגערוימט און זיך אויפגעשטעלט — וועסטו נישט באַדויערן...

די פּאָדלאָגע ארום שטול, וווּ ליפּע איז געזעסן איז פול געוואָרן מיט מונדשטוקן פון פּאַפּיראָסן. ער האָט נערוועז געקוקט אויפן זייגער און געריוויכערט. ער איז ווידעראַמאָל געוואָרן זייער פילבאַר אויף צייט, און יעדע מינוט האָט אים אויסגעזען ממש אַ יאָר.

— נאָך דעם ציגאַרעט גיי איך אַוועק. כ׳האָב זי אין דרערד! האָט ליפּע צו זיך געטעהנעט.

פונדעסטוועגן האָט ער אויסגערויכערט נאָך מער ווי פינף, און איז נאָך אַלץ געבליבן זיצן.

די ווינטערדיקע דאַבל־טיר האָט זיך אויפגעמאַכט און צוריק צוגעמאַכט. שעווע איז אַ לאַכעדיקע, אַ צערויטלטע אריינגעפאַלן אין צימער. זי האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפן ס׳ווייסע פעלצל, אויס־גענייט מיט רויטע פעדעם, און אַ צעוואָרעמטע צוגעפאַלן צו ליפּען. זי האָט געאָטעמט מיט שאַרפן, זויערן ריח פון בראָנפן.

— אַזא חזיר. נאָר אריינגיין האָט ער געוואָלט — דאָס הער־צעלע צו דערפרייען. קוים זיך אָפּגעטשעפּעט פון אים. מאָרגן וועט

ער אהערקומען נאָך מיר, ווייל כ׳האָב אים געזאָגט, אז דאָ וווין איך. ביזט נישט בייז? האָט זי שעלמיש אויף אים א קוק געטאָן.

ליפּע האָט דערפילט איר ווארעמקייט און אלע פארדרוסן זענען פארשוווּנדן. זיי זענען צערונען ווי א נעפּל, ווען די זון שיינט אויף. ער איז שוין לאַנג נישט געווען מיט איר צוזאמען, און דער באַגער איר ארומצונעמען, האָט אים נישט געלאָזט פון קיין זאַך טראַכטן.

— וואָס איז פאָרגעקומען אין סטאָלאָווע, אין קליינעם צימערל?

— וואָס פארא געשעפטן האָט זי מיטן פעטער זיינעם?

דאָס זענען געווען פראַגן, וועלכע האָבן מיט א ווײַלע צוריק אויסגעפילט זיין געדאַנק. נאָר אצינד האָט ער מער דערפון נישט געטראַכט. ווייל פאר א בחור פון ניינצן יאָר איז שווער צו טראַכטן לאַגיש, ווען פאר אים שטייט א מיידל, און ער ווייס פון פאָרויס, אז קיין שוועריקייטן מיט איר וועט ער נישט האָבן. די מינוטן פון דערוואַרטונג האָבן צערודערט זיין געמיט. ער האָט איר ארומ־גענומען, צוגעדריקט צו זיך.

זי איז געווען ווייך און צוגעלאָזן. זיינע הענט האָבן זיך געגליטשט איבער איר קערפּער, ווי עס וואָלט געווען פון ווארעמען סאַמעט. די דערוואַרטונגען, וואָס האָבן זיך געצויגן שעהן, האָבן געדאַרפט בלויז איין רגע — און דערפילנדיק שעווען אזוי נאָנט, האָט ער געוואָלט די רגע זאָל געדויערן שעהן... זיין בענקשאַפט נאָך שעווען, איז געווען ווי דער פלאַם פון א שוועבעלע אין ווינט. עס פלאַמט אויף, און ווערט באַלד אויסגעלאָשן, קאַלט...

אז ער האָט זי אָפּגעפירט אהיים, האַלטנדיק איר פעסט אונטערן אָרעם, האָבן זיינע אַנטשפּאַנטע נערוון דערלויבט דעם מוח צו נעמען טראַכטן — ווי עס טראַכט א מענטש וועגן זיין אייגענעם ווערט:

— ווי א הונט דעם ביין — צוגעוואָרפן...

— ענדערט זיך דער טעם פון ביין צוליב דעם אופן ווי מען דערלאַנגט אים? האָט ער זיך געפרעגט.

ער האָט נישט געוווּסט דעם ענטפער אויף דער פראַגע. אָן אינערלעך געפיל פון אומצופרידנקייט מיט זיך אליין האָט אים גענאָגט, מען קען זאָגן: ליפּע האָט אין דעם מאָמענט זיך פיינט געהאַט...

— ז —

אין שטעטל האָבן זיך באַוויזן די ערשטע פּליטים, וועלכע מען האָט באַלד אָנגערופן אויפן רוסישן שטייגער: „ביעזשענצעס" — און דערביי איז עס געבליבן.

אין לייכטע, זומערדיקע מאַנטלען האָבן זיי אויסגעזען ווי מענטשן וואָס זענען איינגעשטיגן אין צוג, און ערשט אין מיטן פון א שניי־שטורעם האָבן זיי זיך געכאַפּט, אז זייער אויסרעכענונג האָט נישט געשטימט. נאָר ענדערן די לאַגע איז געווען צו שפּעט.

פון די גרויסע שטעט האָבן די סאָוויעטן גענומען ארויסשטופּן די פרעמדע; די צוגעפאָרענע אויף דערווייל; די וואָס זענען אַנט־לאָפן פון נאַצי־אָקופּירטן פּוילן. די סאָוויעטן האָבן גוט געוווסט, אז דער דאָזיקער דערווייל — וועט זיך ציען יאָרן, און אפשר וועט עס זיין א צעטיילונג מיט פּוילן אויף תמיד. זי — די סאָוויעטן־מאַכט האָט נישט געזען קיין תכלית אין דעם וואָס מענטשן דרייען זיך ארום פּוסט און פּאַסט אין קאַפעען, רעסטאָראַנען און וואַרטן אויף א צוג צוריקצופאָרן. אָנגעטאָן אין דינע, זומערדיקע מאַנטלען. מיט נישט אויסגעשלאָפענע אויגן, שטופּן זיי זיך דערווייל אין די ביוראָען נאָך צעטלען. פאַרלאַנגען אונטערשטיצונג. אין די קלע־נערע ערטער וועט זיך שוין די אָרטיקע מאַכט מיט זיי אן עצה געבן. איז דעריבער: ארויס פון די גרויסע שטעט.

אין דעם פּוסטן בנין פון דער קהילה האָבן די „ביעזשענצעס" אויפגעמאַכט א ביליקע קיך, און די סאָוויעטן האָבן זיי פאַרזאָרגט מיט פּראָדוקטן.

אין דער דאָזיקער קיך האָט עס גערוישט — טאָג ווי נאַכט. א מוראַשניק פון מענטשן וואָס קומען אריין אָפּנעמען א גרוס, עסן א שיסל הייסע זופּ זיך דערוויסן די לעצטע נייעס פון דער־היים, און כאַפּן דערווייל א פּאַפּיעראָס, ביי וועמען עס זאָל נישט זיין. עס איז שוין נישט מער געווען דאָס ליטוויש יידיש פון שטעטל. וואַרשע, טאָמאַשאָוו, לאָדזש, כעלם האָבן צעמישט דאָס לשון, פאַר־בראָקט עס מיט פּוילישע ווערטער, פון צייט צו צייט האָבן זיי אליין געניצט א ניי וואָרט, וועלכן זיי האָבן אויפגעכאַפּט אין שטעטל. דאָס דאָזיקע וואָרט איז תמיד באַגלייט געוואָרן מיט א הילכיק געלעכטער.

— מ'עט דאָך אונדז נישט אָפּבייסן — האָבן געשמועסט

צווישן זיך חברה, ליפּע און זיינע חברים — לאָמיר אריינגיין אין קיך אריין. טאָמער קען מען עפּעס העלפן, און דערווייל קען מען טאָקע הערן ס'לשון פון די פּוילישע. מ'זאָגט — עס זענען דאָ צווישן די „ביעזשענצעס" עטלעכע שיינע מיידלעך...

אין אָוונט זענען זיי אהין אוועק. כאָטש זיי האָבן זיך באמת צו שווייגן און אויסמישן מיטן עולם, איז זיי נישט שווער געווען צו דערקענען. אין קורצע וואַרעמע בורקעס, אין שטיוול און אויף די קעפּ — פוטערנע היטלען, האָבן זיי צווישן די פּליטים אויס־געזען ווי פאַרבלאָנדזשעטע. מ'האָט זיי פאַרבעטן אין ביוראָ. א יונ־גערמאַן אין א נאַרטן־היטל האָט אַרויסגעגעבן די טאַלאָנען אויף די אומזיסטע מיטאָגן און געפירט דעם חשבון.

— מיין נאָמען איז חיים גראָס — זיצט.

— א פּאַפּיעראָס?

אזוי האָט זיך די פריינדשאַפט אָנגעהויבן. און דאָס קליינע שטיבל ביי עלע דעם חסיד, וווּ חיים און זיין שוואָגער מאַטעס מיט דער קרומער פּלייצע האָבן געוווינט, איז געוואָרן דער אַנדער קלוב פון די „ביעזשענצעס". נאָר דאָרטן זענען שוין אויך געווען ליפּע און טראַליק, און שיעלע, און זאַלקע, און זיידל און פּרץ. די שטעטלשע יאָטן האָבן זיך גענומען צוזאַמענלעבן מיט די פרעמדע.

אין דער קיך האָט זי ליפּע באַמערקט. אייגנטלעך האָבן זיי באַמערקט אַלע מיט איין מאָל. סיי ליפּע, סיי פּרץ און סיי שימעלע. ווייל ס'איז שווער געווען זי נישט צו דערזען. ס'איז געווען א געזעמל פון פאַרהאַוועטע, פאַרזאָרגטע מענטשן וואָס זענען מיטאַמאָל אָפּגע־ריסן געוואָרן פון זייער באָדן און פאַריאָגט אין א וועלט א פרעמדער. ערשט מיט וואָכן צוריק זענען זיי געווען אין א לאַנד וואָס זיי האָבן באַטראַכט פאַר אייגנס און מיטאַמאָל איז דאָס לאַנד דורכגעשניטן געוואָרן מיט גרענעצן, געהיט פון באַוואָפנטע זעלנער. אין דעם מיש־מאַש פון זעלנער און גרענעצן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אז דער וואָס האָט געדאַרפט זיין דאָרט מיט ווייב און קינד — איז פאַר־וואָרפן געוואָרן אין א ווייטן העק; און די, וואָס וואָלטן אייגנטלעך דאָ געקענט געפינען א היים, האָבן נאָך נישט באַוויזן אַרויס פון דאָרטן... אין דעם געווימל פון היימלאָזע מענטשן איז זי אַרומגע־שוווּמען א שמייכלדיקע, מיט חן־גריבעלעך אין די פאַרוויטלטע באַקן, מיט א ווייכן, לאַטשענדיקן בליק אין די אויגן. אירע בלאָנדע לאָקן

זענען געפאַלן נאַכלעסיק ביז צו די אַקסלען, און אז זי האָט גע־רעדט איז עס געווען דאָס זאָרגלאָזע פּלאַפּלען פון א קינד.

דאָס אַלץ האָט ליפּע אויפגעכאַפּט אין מינוטן ממש. מיט דער זעלבער שנעלקייט האָט ער ביי זיך אָפּגעמאַכט, אז זינט עס האָט אים גענומען ציען צו מיידלעך, זענען עס אייגנטלעך געווען בלאָנדע מיידלעך. אפילו זיין חברטע, מיט וועלכער ער האָט צוליב דער מלחמה פאַרלאָרן דעם קאָנטאַקט, און פאַר וועלכער ער האָט נאָך אַלץ געכאָוועט א וואַרעם געפיל — איז אויך א בלאָנדע.

— שימעלע, דו זעסט?

— וואָס דען, בלינד בין איך?

— וואָס נוקעסטו, מען דאַרף איר באַקענען.

— חיים גראָס וועט עס שוין מאַכן, ער קען דאָך אַלעמען דאָ.

פּרץ, א בלאָנדער בחור מיט בלויע, גוטע אויגן, אין א וואַ־רעם פּעלצל מיט א ווייכן פוטערן קאָלנער, האָט זיי באַטראַכט מיטן בליק פון אן עלטערן, וואָס וואָלט גערן מיטגעמאַכט די שקאַ־צישע שטיק פון זיינע חברים. נישט מער — פאַר א גבירישן בחור פּאַסט נישט זיך ארומצושלעפּן מיט „יעזשענצעס". כאָטש פון דער נאַטור אויס זענען אים פרעמד געווען די גענג פון א רייכן בחור, און ער איז געווען צופרידן מיט זיינע חברים — די ווייניק פאַר־מעגלעכע, וואָס האָבן אַליין פאַרדינט אויף חיונה. נאָר זיין מאַמע האָט שוין אויפגעפּאַסט, אז ער זאָל נישט געשטרויכלט ווערן. האָט פּרץ געהאַלטן, אז ס'איז גלייכער נישט צו דערצערנען זיין מאַמען. סיי ווי האָט ער צו קיין בלאָנדע קיין האַרץ נישט געהאַט.

ווען חיים האָט געשלאָסן די קיך, איז ליפּען צופעליק אויסגע־קומען צו גיין מיטן בלאָנדן מיידל. חיים האָט שוין אזוי מאַרקירט עס זאָל אזוי אויסקומען. ס'האָט געהייסן, אז ליפּע דאַרף זיך מיטן מיידל באַקענען כדי צו אויסגעפינען ווער זי איז. וואָרעם מיטן פּלי־טים־שטראָם זענען אָנגעקומען מיידלעך מיט א זייער צווייפלהאַפ־טער רעפּוטאַציע, און דאָס האָט זיך נישט לייכט געלאָזט מערקן. ליפּען האָבן די חברים אָנפאַרטרויט צו דערגיין, אויב מען קען דאָס בלאָנדע מיידל אַנשליסן אין קרייז.

זיי זענען געגאַנגען ביינאַנד. די ברייטע טראָטואַרן זענען אין ווינטער שמאָל געוואָרן, צוליב די הורבעס שניי וועלכע קיינער האָט נישט געהאַלטן פאַר נויטיק אָפּצוראַמען, און פריי מאַכן דעם וועג.

האָבן מענטשן אויסגעטראָטן שמאָלע וועגעלעך, כדי דורכצולויפן די גאַס.

געוווינט האָט דאָס מיידל ביי א קינדערלאָזער פאַמיליע, וואָס האָט פריער געהאַט א קרעמל אין מאַרק. איז ליפּע אַוועק איר באַגלייטן. הגם זי האָט גערעדט פּויליש, איז ליפּע ביי זיך נישט געפאַלן, און דוקא גערעדט יידיש. נישט דערפאַר וואָס ליפּע האָט נישט געוווּסט ווי מען מאַכט אויף ס׳מויל, נאָר מחמת די פּאָליאַקן זענען אים קיינמאָל נישט געוועזן צום הארצן, און אויב רעדן א פרעמדער שפּראַך — האָט ליפּע גערעדט ווייס־רוסיש. ארויסגעשטעלט האָט זיך, אז דאָס בלאָנדע מיידל הייסט לילקע, און רעדט א פיינעם יידיש. נישט מער — אין די קרייזן פון די „ביעזשענצעס" פירט זיך שוין אזוי — מ׳רעדט פּויליש. ליפּע האָט אויף לילקען געקוקט ווי אויף א קינד. וואָרעם ס׳ערשטע מאָל קומט אים אוים זיך צו טרעפן מיט א מיידל וואָס איז יינגער פון אים. זי האָט זיך אָנגעלענט אויף זיין אָרעם ווי זיי וואָלט געזוכט שוץ אין דער אומבאַקאַנטער וועלט. לאַנג זענען זיי געשטאַנען ביים פארשנייטן טויער. אין שיין פון די גאַסן־לאָמפּן האָבן שניי־פלאַטערלעך ארומגעשוועבט און זיך לייכט אראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, אויף לילקעס בלאָנדע האָר. זיי האָבן זיך געהאַלטן פאר די הענט און ליפּען האָט עס געוווּנדערט וואָס זיינע געפילן אין דעם אויגנבליק זענען גאָר אַנדערע, ווי ווען ער וואָלט געשטאַנען מיט שעווען. עס זענען געפילן, וואָס טראָגן אין זיך דעם צויבער פון נאָר וואָס געפאַלענעם שניי.

— איז עס די ערשטע שורה פאר א ליד, אָדער זינגט זיין געפיל ארוים פון אים, ווי סטרונעס וואָלטן ערגעץ ווו וויברירט?

ליפּע האָט עס נישט געוווּסט.

ער האָט בלויז געאַנט, אז ער קען אזוי שטיין ביז אינדערפרי, און צוקוקן זיך ווי זילבערנע שנייעלעך זעצן זיך לייכט; פארפלעכטן זיך אין אירע ווייכע, בלאָנדע האָר.

✶

די ארבעט אין גאַר־סאָוויעט האָט שעווען פארכאַפּט, אָבער ביסלעכווייז איז עס געוואָרן רוטין. פון אירע רוסישע באַקאַנטע, די קאָמסאָמאָלצעס, וועלכע האָבן זיך קוואַרטירט ביי איר קרובה טאַמארע — האָט בלויז דער זשורנאַליסט דראָזדאָוו, א יונגער בחור

ארויסגעוויזן איר אביסל אויפמערקזאמקייט. שעווע האָט פון אָט דער אויפמערקזאמקייט גענומען אויסשפינען א פריינדשאפט, וואָס זאָל ברענגען מיט זיך תכלית.

אז דראָזדאָוו האָט זיך געכאפּט, וואָהין זי פירט — איז ער קאַלט געוואָרן.

— ווּ ווערסטו פארפאַלן גאַנצע נעכט? — האָט שעווע געוואָלט וויסן.

— א סך ארבעט דאָ אין דער צייטונג, ווייסט דאָך — נייע מענטשן... — דראָזדאָוו האָט זיך ארויסגעדרייט פון ענטפערן. נאָר שעווע האָט געוווּסט, אז ער זאָגט נישט דעם אמת, אז ער פארברענגט די נעכט ביי א רוסיש מיידל — נאַטאַשע.

פונקט ווי די אריבערגעקומענע רוסן האָבן זיך געטיילט מיט זייערע דערפאַרונגען, וועגן די שטאָטישע מיידלעך ביי וועלכע מען דאַרף נישט שטאַרק האָרעווען, און קיין צרות האָט מען נאָכער אויך נישט — אזוי האָבן אויך די רוסישע פרויען, פון אייפערזוכט — איבערגעגעבן איינע די צווייטע וועגן מיידלעך, וועלכע קריגן אריין עמעצן פון די אריבערגעקומענע מענער...

שעווע האָט באַשלאָסן קלאָר מאַכן די זאַך.

— מיר זענען דאָך נישט קיין קינדער, דראָזדאָוו. צווערשט בין איך גוט געווען, האָסט מיר נישט ארויסגעלאָזט פון צימער. קיין אינטערעס נישט געהאַט צו זען באַקאַנטע. די ארבעט — האָסטו דעמאָלט געזאָגט — איז נישט קיין האַז, ס'וועט אין וואַלד נישט אַנטרינען. מיט מיר אליין ווילסטו זיין. שעהן לאַנג זיך פון מיר נישט געקאָנט אָפּרייסן. תמיד נאָך האַלבע נאַכט בין איך אַהיים געקומען. דיין ליבע, האָסטו פארזיכערט קען דעם שני צעשמעלצן, אזוי הייס איז זי. טאָ וואָס איז אצינד?

דראָזדאָוו, וואָס איז א גוטע צוויי יאָר יינגער פון שעווען, האָט זיך פארויטלט. ער האָט זיך דערפילט אין א קלעם. דאָס מאָל, האָט אים שעווע צוגעדריקט צום וואַנט. ס'בעסטע — האָט ער באַשלאָסן — איז נישט צו צערעמאָניען זיך מיט א קליינבירגערלעך מיידל, וואָס לעבט נאָך מיט באַגריפן פון פאַר דער רעוואָלוציע.

— מיר זענען רוסישע מענטשן — האָט דראָזדאָוו באַטאָנט דעם מ"ר. ביי אונדז — האָט ער גערעדט אין מערצאָל, ווי ער וואָלט געהאַלטן א לעקציע פאַר די נאָר וואָס אָנגענומענע מיטגלידער אין קאָמסאָמאָל — ביי אונדז ווערט פריינדשאפט הויך געשעצט. נאָר

א מענטש קען נישט שטעלן די דאָזיקע פריינדשאַפט העכער פון זיין פּאַרטיי־אַרבעט. א פרוי אין לעבן פון א פּאַרטיי־טוער דאַרף זיין נישט מער ווי אַן אָפּפרישונג, א געוויינטלעכע אָנטשפּאַנונג, כדי ער זאָל זיך מיט מער מוט און כוח קענען קאָנצענטרירן אויף זיין אַר־בעט. מיר בויען סאָציאַליזם, און מיר — האָט ער נאָך אַלץ גענוצט די באַצייכענונג „מיר", וואָס האָט געדאַרפט צוגעבן וואָג זיינע ווער־טער — און מיר האָבן נישט קיין צייט אויף קליינבירגערלעכע ליבע־דראַמעס. מיר זענען צוזאַמען מיט א פרוי אַזוי לאַנג, ווי עס זענען דאָ געפילן. און ווען ס'איז פאַרביי, דאַן איז עס אויס. מען בלייבט פריינד. דאָס דאַרף געשען אָן טרערן און אָן סקאַנדאַלן. און נאָך אַלעמען — האָט ער צוגעגעבן מיט א טאָן פון איינעם, וואָס וויים וואָס ער זאָגט — דו האָסט געגעבן פריינד אַחוץ מיר...

די לעצטע ווערטער האָבן שעווען א ברי געטאָן, ווי ער וואָלט מיט אַן אָנגעגליטער נאָדל זיך דערקליבן צו דער טיפעניש פון איר נשמה.

—ער וויים, הייסט עס, פון אַלעם...

זי איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט, און נישט אָפּווישנדיק די טרערן, — ארויסגעלאָפן אין דרויסן.

— צו ליפען — דאָס איז געווען אַן אינסטינקטיווער רוף; אַן אינערלעכער אימפּולס. נאָך יעדער אַנטוישונג האָט זי מורא צו בלייבן אליין, פאַרגעסן. דעמאָלט דערשיינט פאַר איר די געשטאַלט פון ליפען און זיין היים. דאָס איז איר רעטונגס אינדזל. און וואָס מען זאָל אויף איר אין שטאָט נישט זאָגן, וויים זי — אין ליפעס היים וועט מען איר אויפנעמען, מיט היימישער וואַרעמקייט, ווי אַן אייגענער...

זי האָט קיינמאָל נישט געקלאַפּט אין טיר. וואָרעם אז מען קוקט צו זיך אַהיים, קלאַפּט ווער אָן? און צו ליפען איז שעווע געקומען, ווי צו זיך. אפילו אנומלט, ווען זי האָט זיך אָפּגערעדט מיטן רוסישן שאָפער האָט זי אָנגעגעבן ליפעס אַדרעס, און ווען יענער איז געקו־מען, האָט ער ליפען א פרעג געטאָן:

— קען איך זען אייער שוועסטער?

נאָך איידער ליפע האָט אים באַוויזן צו זאָגן, אז קיין שוועסטער האָט ער נישט, איז שוין שעווע געווען דערביי, א כאַפּ געטאָן דעם שאָפער אונטערן אָרעם:

— מירן פאָרן, איך בין גרייט...

שעווע האָט אויפגעמאַכט די טיר און איז געבליבן שטיין. פאַר איר האָט זיך אַנטפּלעקט ליפּעס צימער .

דאָס אייזערנע אויוועלע איז רויט־צעגליט. אויפן אויוון שטייט א שוואַרצער טאָפּ און א מחיה'דיקער ריח פון קאַווע פילט אָן דעם צימער. ביים טיש זיצט ליפּע, שימעלע און א יונג, בלאָנד מיידל.

— דאָס איז זי — האָט שעווע צו זיך א מורמל געטאָן. — ערשט איצט האָבן אין איר אויפגעטויכט די אַלע קלאַנגען, צו וועלכע זיך האָט זיך פריער צוגעהערט בלויז מיט א האַלבן אויער.

— ליפּע גייט אַרום מיט א בלאָנדער „ביעזשענקע"...

—ער זיצט מיט איר ביז האַלבע נאַכט ביים אויוון, ביי ציפּע דער קרעמערקע, ווען אַלע שלאָפן שוין...

— דאָס לערנט ער מיט איר רוסיש...

— זי איז נאָך כמעט א קינד...

— ליפּע איז גאָר אַן אַנדער מענטש געוואָרן...

שעווע איז געווען צופיל פאַרנומען מיט זיך, כדי די קלאַנגען זאָלן איר אָרן. נאָכאַלעמען, האָט זי דערוואַרט, אַז איינער פון אירע באַקאַנטע מיט וועלכע זי איז נאָנט געוואָרן, וועט ענדליך באַשליסן זיך צו פאַרבינדן מיט איר. ווען אירע אויגן האָבן זיך פאַרהאַלטן אויפן בלאָנדן מיידל, זענען די דאָזיקע קלאַנגען מיטאַמאָל צוריק־געקומען, און געשאַפן א גאַנצעס.

— אויך ער...

— באַקענט זיך — האָט ליפּע איינגעלאַדן שעווען צום טיש, און איר אָנגעגאָסן א גלאָז קאַווע.

שעווע, — לילקע בירנבוים...

שעווע האָט זיך באַמיט צו שמייכלען, נאָר איר פּנים האָט זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן. ער האָט זיך בלויז צעקרימט.

דער שמועס — וואָס איז פריער חבריש געפלאָסן, אָט ווי עס פליסט פון א קוואַל אַרויס א קלאָרער שטראָם צווישן גרינע פעלדער — איז אָפּגעהאַקט געוואָרן. א געשפּאַנטקייט, ווי מען וואָלט עפּעס דערוואַרט — איז געבליבן הענגען אין דער לופטן.

לילקע האָט געוווּסט פון שעוועס עקזיסטענץ, און וועגן אָרט וואָס זי פאַרנעמט אין ליפּעס לעבן. נישט מער — דאָס וואָס זי האָט געוווּסט איז געווען אין אַלגעמיין בילד, אָן פּרטים... שימעלע האָט דערפילט, אַז ער דאַרף עס זיין דער, וואָס זאָל דיפּלאָמאַטיש אַרויס־

פירן דעם שמועס פון טויטן ווינקל. גלייכצייטיק האָט ער דערזען א געלעגנהייט צו בלייבן מיט לילקען אליין.

— מיר מוזן שוין גיין — האָט ער א ווונק געגעבן צו לילקען.

ליפּע האָט לייכטער אָפּגעעטעמט.
שימעלע האָט געהאָלפן לילקען אָנטאָן דעם מאַנטל.

— א גוטע נאכט...

— וואָס קומט דאָ פאָר? — האָט שעווע ברוגזלעך געקוקט אין ליפּעס זייט.

— ס'איז שימעלעס מיידל. וואוהין זאָל ער מיט איר גיין אין אזא פראָסט? און דו האָסט אויך פארגעסן מיין אדרעס, האָב איך זיי איינגעלאַדן.

— ניין — האָט שעווע זיך צוריקגעכאַפּט — איך מאַך דיך נישט קיין פאָרוווּרף. דו ביזט מיט מיר נישט געבונדן, אויב איך אינטערעסיר דיר נישט...

— אָ, רעדסט נאַרישקייטן — האָט איר ליפּע נישט געלאָזט ענדיקן. זי איז נאָך א קינד. נישט קיין גאַנצע זיבעצן יאָר, טאָ וואָס זאָל זי ארומגיין מיט בחורים, וואָס ווען אויסנוצן איר אומדער־פאַרנקייט און צוטרוי, און דאַן —

—אָ, איך האָב גאָרנישט געוווּסט, אז דו ביזט אזא מאָראַליסט. האָסטו דאָס אויך געטראַכט וועגן מיר?

— דאָס איז אינגאַנצן עפּעס אַנדערש. איך מיט דיר — — — —

— נו גוט, נו גוט — מיר ווייסן שוין די געשיכטע. שעווע האָט נישט געהאַט קיין געדולד זיך ארייַנצולאָזן מיט ליפּען אין גע־שפּרעכן וואָס פירן צו גאָרנישט. פון איר האָט ארויסגערעדט איר אומבאַהאָלפנקייט און דער דורכפאַל מיט דראָזדאָוון...

פון צווייטן צימער האָט זיך געהערט דער גערויש פון א נייַ־מאַשין. ליפּע האָט אָנגעטאָן די קורטקע און זיי זענען ארויס אין קאָרידאָר.

ער האָט שעווען פאַרהאַלטן. געוויינטלעך וואָלט זי זיך א ריס געטאָן, און אים פאָרגעוואָרפן:

— לאָז אָפּ. דיין מאַמע קען נאָך ארויסגיין...

נאָר איצט איז זי געבליבן שטיין. ליפּע האָט פאַרנאַנדערגע־קנעפּלט איר פּעלצל און איר צוגעדריקט צום וואַנט. איר וואַרעמער קערפּער האָט אים באַרוישט...

ווען זי האָט צענויפגעקנעפּלט דאָס פּעלצל, האָט זי געזאָגט בלויז איין וואָרט: — קום.

זענען זיי אוועק איבער די נאַכטיקע גאַסן. ליפּע האָט איר געפּירט געאָרעמט. זי האָט זיך אָנגעליינט אין אים, ווי ער וואָלט געווען איר איינציקע האָפענונג און ציל אין לעבן.. כאָטש ביידע האָבן געוווּסט, אַז ס'איז נישט אַזוי.

אין די גערעדנקען האָט ליפּע געזוכט שימעלען מיט לילקען.

— ח —

שימעלע האָט אויסגעקוקט אויף דער געלעגנהייט צו בלייבן אַליין מיט לילקען. ער האָט געוואָלט פאַר איר אויפדעקן די בענקשאַפט אין וועלכער זיין נשמה איז פאַרוויקלט, ווי אין אַ סודות'פולן שלייער, און נאָר אַ מיידל קען אָפּענטפּערן אויף אָט דער בענקעניש. ביז אַהער האָט ער נאָר זיינע לידער אָנפאַרטרויט דעם דאָזיקן סוד — די בענקשאַפט וואָס טליעט אין דער נשמה פון אַ יונגן בחור.

שימעלע קען זיך נישט רימען מיט קיין גליקלעכער קינדהייט. דער טאַטע — נישט קיין גרויסער פאַרדינער, און אַ שנאַפּס האָט ער אויך נישט פיינט — און ווי עס פירט זיך נאָך אַ שנאַפּס, איז סתם אַ מצווה צו שלאָגן ס'ווייב אָדער איבערשטעלן, לכל הפּחות דאָס מעבל...

שימעלע האָט אין אַזעלכע רגעס געטראַכט:

— זאָל איך נאָר עלטער ווערן, וועט ער שוין קריגן זיין חלק — אוי וועט ער קריגן. מחמת ער האָט רחמנות געהאַט אויף דער מאַמען, וואָס מוז אַ לעבן פאַרטאַכלעווען מיט אַזאַ מענטשן. נאָר, אַז שימעלע איז אויסגעוואַקסן, איז שוין דער טאַטע זיינער נישט געווען קיין יונגער מענטש. ס'האָט אים נאָך טאַקע אַלץ געצויגן צום פלעשל — נאָר אַרומצוראָדערן האָט ער שוין קיין כוח נישט געהאַט. ליב געהאַט האָט שימעלע, אַ מיידל פון זיין קרייז, אין דעם העברעאישן יוגנט־קלוב. זי איז געווען אַ בלאָנדע, אַ פריילעכע, און מען קען זאָגן: טיילמאָל אַביסל פאַרחלומט. אייגנטלעך איז איר פאַרחלומטקייט געווען דאָס אייגנאַרטיקע, אָן וועלכע שימעלע האָט זיך פאַרטשעפּעט. שימעלע האָט מיט איר געטיילט זיינע איינדרוקן פון ביכער, און אין איינוועגס — מיט דעם, וואָס עס טליעט אין אים. נאָר זי איז געבליבן גלייכגילטיק צו אים, אויסער אַ קליין ביסעלע רחמנות,

אין שעהן פון גערירטקייט. נאָר דאָס איז שוין געווען צוליב די לידער, זיינע.

— דיינע לידער דערציילן מיר אַלץ — האָט ליפּע געזאָגט, נאָכדעם ווי שימעלע האָט אים געוויזן די לידער פון די לעצטע וואָכן.

— דו ווייסט — האָט זיך ליפּע נאָך אַ ווײַלע טראַכטן אָפּגערופן — איך האָב לילקען גערן, אפילו זייער גערן. זי איז אַנדערש. מען קען איר נישט פאַרגלייכן מיט די מיידלעך פון אונדזער סביבה. זיי זענען צופיל פּראָבלעמאַטיש. איך וויל זי אָבער נישט פאַרכאַפּן פאַר זיך אַליין. לאָמיר צוזאַמען ארומגיין, זיך טרעפן. די צייט אַליין וועט שוין באַשטימען דעם: וואָס ווייטער? צוליב דיר בין איך גרייט זי אַפילו אויסצומיידן. די פראַגע איז נאָר: וועסטו געווינען דערפון?

זענען זיי געגאַנגען זאַלבעדריט.

— דו ביזט צו קאַלט צו איר — האָט שימעלע פאָרגעוואָרפן ליפּען. — איך, אויף דיין אָרט וואָלט איר ארויסגעוויזן מער צאַרטקייט. וואָלסט כאָטש געזען אירע אויגן, ווי זי קוקט אויף דיר.

דאָס האָט ליפּע שוין פריער געוווּסט. נאָר כדי צו צעשטרייטן זיין חברס שווערע געדאַנקען, האָט ער אַ לאַך געטאָן:

— ביזט אַ פאַרפאַלענער ראָמאַנטיקער...

ליפּע האָט געהאַט גענוג פרייע צייט און זיך געטראָפן מיט לילקען אין די דירות, ווו זי האָט געוווינט. אירע באַלעבאַטים האָבן אים אויפגענומען ווי אַן אַנגעלייגטן גאַסט.

— אַ בחור פון אַ פיינער משפּחה... אדרבה...

— נאָר צוריקגעשמויסט: ווי לאָזט מען עס איבער אַ היימיש מיידל, פאַר אַ פרעמדער?

ליפּע האָט זיך צו לילקען צוגעבונדן, ווי אַ קינד צו אַ זעלטענער שפּילצייג. ער האָט געגלעט אירע גאָלדענע לאָקן, וואָס זענען ווייך געווען ווי אויסגעקלאַפּטער פלאַקס, און געקושט די זאַפטיקע ליפּן, וואָס האָבן איבערגעלאָזן אַ געשמאַק ווי פרישע טרוסקאַווקעס...

עס איז געווען פאַרנאַכט און זיי זענען געווען אַליין אין צימער. אין דרויסן האָט שוין געטונקלט. לילקע האָט אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ אָן ליפּעס אַקסל.

— ווייסט, ס׳וואָלט געווען גוט ווען מיר קענען שטענדיק בלייבן אזוי צוזאַמען...

— אָ, קינד. ס׳איז נאָך פרי דערפון צו ריידן. דערווייל איז

קריג. כאָטש דאָ איז נאָך שטיל. לאָמיר זיין צופרידן מיטן מאָמענט פון קענען זיצן אזוי און טרוימען...

זי האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און אריינגעקוקט אין זיינע אויגן:

— אויב דו רעכנסט ווען נישט איז חתונה צו האָבן — וועסטו אָן מיר נישט פארגעסן?

זי האָט עס געזאָגט אזוי איינפאַך — ווי א קינד, וואָס זאָגט אָן דער מאַמען, זי זאָל נישט פארגעסן און ברענגען איר פון גאַס א קיכל...

— אָ ניין! ווי פאַלט דיר איין אזא זאַך — און כדי ער זאָל מען גאָרנישט דאַרפן זאָגן, און אפשר אויך פון גערירטקייט, האָט איר ליפּע צוגעדריקט צום הארצן און געקושט ווי מען קושט א קינד.

ביי זיך האָט ער א טראַכט געטאָן — זי נעמט די זאַך צו ערנסט... ס'איז איצט נישט די צייט צו טראַכטן פון תכלית. זי איז עלנט. זי וויל האָבן א היים. ביי זיינע ניינצן יאָר האָט ליפּע אין זיך נאָך נישט געפילט די באַדערפעניש צו פארבינדן זיך מיט א פרוי, כדי צו בויען זיין אייגענע נעסט. אגב, ס'איז אויך נישט געווען קיין מעגלעכקייט דערצו.

— אויפן טאַטנס פּלייצעס ברענגען א ווייב?

כאָטש נאָענט זענען די חברים געווען, האָט ליפּע שימעלען גאָרנישט דערציילט, ער האָט נישט געוואָלט פאַזירן ווי א העלד אין חברס אויגן, און אויך נישט וויי טאָן אים.

— זי רעכנט סיי ווי אוועקצופאָרן צו קרובים — האָט ער שימעלען פארזיכערט — טאָ צו וואָס וועקן ביי איר האָפענונגען — זי איז נאָך צו יונג, כדי צו קענען פארנאַנדערטיילן טרוים פוןווירקלעכקייט. אַנדערש איז זיך צו חברן מיט א מיידל, ליבן זיך — און אַנדערש איז — ווען מען פארבינדט זיך. דעמאָלט ווערט פון דער ליבע, פון דאָס בענקען צום אומבאַקאַנטן — טאָג־טעגלעכקייט א פארבינדונג וואָס טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּל פון געזעץ...

— זאָג מיר נאָר ליפּע, פון וואַנען ווייסטו דאָס אַלץ אזוי גענוי? — האָט שימעלע נישט געוואָלט נאָכגעבן. — וויפל ווייבער האָסטו שוין געהאַט? — בסך־הכל גייסטו שוין מיט שעווען ארום א שיינע פּאָר יאָר, און מ'זעט גאָרנישט זאָלסט אזוי פיל אויפטאָן. ביי איר, ווייסט אוים, ביזטו גאָרנישט אזא צעלייגער...

אויף די אַלע פראַגן וואָלט ליפּע יאָ געקענט געבן אן ענט־

פער. וואָרעם ליפּעס טאַטע איז נישט געווען שימעלעס. מיטן טאַטן איז ליפּע געווען כמעט חברים, און דער טאַטע האָט געזען, אז ליפּע זאָל לייענען אַלץ, וואָס א יונגער מענטש אין זיין עלטער דאַרף וויסן... און אַליין האָט ער אים געזאָגט:

— מיין זון זאָלסט וויסן, אז די אינסטיטוציע וואָס הייסט: הייראַט, איז ווי א באַלעגערטע פעסטונג. די וואָס זענען אינעווייניק — די ווילן ארויס. די וואָס זענען אינדרויסן — די ווילן אריין.

האָט ליפּע נאָך נישט געפילט קיין באַדערפעניש אריבערצוטרעטן די שוועל פון דער פעסטונג.

— וועט עס שימעלע קענען גענוג ערנסט פארשטיין, און נישט לאַכן, און נאָכער דערציילן די חברה, כדי זיי זאָלן צוזאַמען לאַכן?

אין אַזעלכע פאַלן האָט ליפּע געהאַלטן איז בעסער צו בלייבן דער נאַר — און שווייגן.

— ט —

— די רוסן האָבן פארשלעפּט אהער סיביר — דאָס האָבן אַלטע לייט אזוי באַצייכנט דעם ווינטער, וואָס האָט מיט פרעסט און שניי שטורעמס איינגענומען דאָס לאַנד. — עפּעס דערמאָנט מען זיך נישט אַזעלכע קעלטן...

עס איז באמת געווען קאַלט. דאָס קוועקזילבער אין טערמאָ־מעטער, וואָס איז געהאָנגען אויף די קאַשאַרן, האָט זיך כמעט ווי נישט אָנגעזען.

ליפּע האָט ארויפגעצויגן נאָך א פּאָר וואָלענע זאָקן, א פּאָר וואַרעמע הענטשקעס און איז אוועק אין גאַס.

— ס'איז נאָך נישט אַזא פראָסט — האָט ער דער מאַמען פארזיכערט — וואָס זאָל מיר פארשפּאַרן אין שטוב. יעדן טאָג האָבן די רוסן איינגעפירט עפּעס נייעס, און ליפּע איז נישט געווען פון די, וואָס זאָלן וועלן עס פארפּאַסן. א חוץ דעם — ס'איז צו לאַנגוויילִיק געווען צו בלייבן איינער אַליין אין שטוב.

אין שטאָטישן ראַטהויז זאַל, ווו דער פּאַרקעט האָט אַמאָל געגלאַנצט ווי דער פארפרוירענער וואַסער־שפּיגל פון דער „ווילדער" אָזיערע — איז איצט געווען היפּש צעריבן — צעראַצט פון שווערע שטיוול און פון אָנאויפהער רוקן די שטולן. נאָך יעדן פרייען קאָנ־צערט האָט מען געטאַנצט. דאָס האָט די נייע מאַכט אונטערגעטראָגן

א מתנה דער אָפּגעשטאַנענער יוגנט, וועלכע זי האָט נאָר־וואָס באַ־פרייט פון „אונטערן שטיוול פון די פּוילישע פּאַנעס". און כאָטש די טענץ זענען געווען נישט קיין נייע, נאָר דווקא פון אַלטן, ביר־גערלעכן אַרסענאַל, ווי טאַנגאָ און וואַלס, וועלכן די רוסן רופן: וואַלס באַסטאָן — האָבן די רוסן זיך געדרייט צוזאַמען מיט דער יוגנט, און ס'האָט זיי נישט געשאַדט.

מיט דעם האָבן זיי געוואָלט אונטערשטרייכן די צופרידנקייט מיטן נאָר וואָס באַפרייטן ווייסרוסישן ברודער.

דעם אָוונט איז שעווע געבליבן אַליין. ס'איז איר באַפאַלן א בענקשאַפט נאָך די פאַרגאַנגענע יאָרן. זי האָט געוואָלט צוריק זיין א קינד, ניין — יונג מיידל מיט א יאָר דריי, פיר צוריק; שפּאַ־צירן האַנט אין האַנט מיט ליפען איבער די פאַרוואָקסענע שטעגן פון אַלטן פּאַרק. געלע, פאַראַיאָריקע בלעטער האָבן געשוּרגעט אונטער די טריט; א קוקו האָט אויסגעציילט די יאָרן מיט אַן אויסגעצווי־גענעם, אומעטיקן קוקו. דער ווינט האָט געראַוישט אין די גרינע קרוינען פון די בוימער, זיך געשפּילט מיט די וועלן פון טייך, פון צייט צו צייט פלעגט א גאָלדענער קאַרפּ אַרויסשפּרינגען, זיך אָפּ־שפּיגלען אין דער זון און מיט א הילכיקן: פּליוך; צוריקפאַלן אין וואַסער. דעמאָלט — מיט ליפען, האָט זי זיך געפילט ווי פאַרליבטע אין א מעשהלע. אַלץ איז געווען פאַרחלומט, אפילו דער גלעט איז געווען אַנדערש, ווען ליפעס פינגער האָבן איר געצערטלט. איר האָט זיך דאַן געדוכט, אַז דאָס זענען די פינגער פון א קינסטלער, וואָס כּישופט אויס פאַרבאָרגענע טענער פון א זעלטענעם אינסטרומענט. עפּעס האָט אין איר אָפּגעקלונגען טיף, טיף און דער צאַפּל איז געווען ניי, יונג — ווי איר קערפּער וואָלט זיך אויפגעוועקט פון טיפן שלאָף און דערזען א גרינע, באַנייטע וועלט...

געוויינטלעך האָבן זיך די דאָזיקע דערינערונגען גענומען שפּי־נען אין שעוועס געדאַנקען אין די שעהן, ווען זי האָט נישט געהאַט מיט וועמען אַרויסצוגיין פאַרברענגען. זי האָט איבערגעמישט אין זכרון אירע באַקאַנטע, ווי מען טאַשט איבער קאָרטן. קיין איינער פון זיי האָט איר נישט איינגעלאַדן צום טאַנץ־אָוונט, וואָס קומט פאָר נאָכן קאָנצערט פון מינסקער, עסטראַדנער טרופּע.

— חזרים — האָט שעווע פאַר זיך רעזומירט. — כ'האָב זיך זיי שוין צוגעגעסן און אַצינד זוכן זיי יינגערע. נאָכאַלעמען ווערט אַלטע באַקאַנטשאַפט פאַרמיאוסט... זיי זענען צו פּשוט, כדי די ליבע

צו דערפירן צו דער מדרגה פון ראַפינירטקייט, ווען יעדער צוזאַ־מענטרעף איז באַנייאונג, עס אַנטפּלעקט עפּעס אומבאַקאַנטעס. אַט ווי טאַדעק, א מענטש מיט קולטור...

אין אַזעלכע פאַלן איז זי תמיד צוריקגעקומען צו ליפען. זי האָט אויף גיך אַרויפגעצויגן דעם ווייסן פעלצל אויסגענייט מיט רויטע פעדעם, ווי עס טראָגן אוקראַינישע פויערים (דעם דאָזיקן פעלצל האָט פריץ געבראַכט פון לעמבערג), דעם רויטן שאַל פאַר־וואָרפן אַרום האַלדז און זיך אַוועקגעלאָזט צו ליפעס הויז. ער איז איר אַנטקעגנגעקומען. שוין פון דערווייטנס האָט זי דערקענט זיין ווייגנדיקן גאַנג. דאָס איז געווען דער גאַנג פון א מאַטראָז וואָס איז נאָר וואָס אַראָפּ אויף דער יבשה, אָבער זיך נאָך נישט צוגע־וווינט צו דער סטאַבילקייט.

ליפע האָט נאָך פריער באַמערקט ווי פון דער אָוונט־טונקלקייט שווימט אַרויס דאָס באַקאַנטע פעלצל מיטן רויטן שאַל. ער האָט קיין חשק נישט געהאַט — אַמווינציקסטן אין דעם אָוונט — צו טרעפן שעווען. מיט לילקען האָט ער זיך אָפּגעשמועסט צו זען אויפן קאָנצערט, און ווייל שימעלע איז געווען פאַרנומען אין דער אָוונט־שול, האָט זיך פאַרויסגעזען אַן אָנגענעמער אָוונט — פאַר צוויי. ליפע האָט געהאָפט, אַז דאָס גייט שעווע ווי געוויינטלעך אויף איר נאַכט־אַרבעט אין ביוראָ פון גאָרסאָוויעט; איז ער איר דעריבער רואיק אַנטקעגן געגאַנגען.

— א גוטן אָוונט קראַסאַוויצע — האָט ליפע מיט א האָפערדיקן טאָן איר באַגריסט אויפן רוסישן שטייגער; ס'איז געווען ווי ער וואָלט באַגריסט א צופעליקער באַקאַנטער, מיט וועלכער ער קערט זיך איבערהויפּט גאָר נישט אָן.

— לויפסט צו דער אַרבעט? שרייבט איר טאַקע ביז האַלבע נאַכט אין די ביכער, אָדער טוט איר נאָך אַנדערע זאַכן אויך? כ'מיין צו פאַרטרייבן די לאַנגווייליקייט — דאָס האָט שוין ליפע געפרעגט אין א ביז גאָר נאַיוון טאָן, ווי ער וואָלט — לאָמיר זאָגן — נעכטן געבוירן געוואָרן.

— דיר ליגן גאָר שמד־שטיק אין זינען — האָט זי צוריק־געענטפערט מיט א ברוגז טאָן, וואָס האָט אויך געקענט באַדייטן חנדלען זיך...

— האָסט פונקט אַזאַ טריפענעם האַלדז ווי די „פּאָניעס”... היינט אַרבעט איך נישט. איך גיי מיט דיר אויפן קאָנצערט.

זי האָט אים גענומען אונטערן האַנט מיט דער זיכערקייט פון איינער, וואָס ווייס, אז זי האָט רעכט דערצו, און זיך אוועקגעלאָזט אין דער ריכטונג פון ראטהויז. כאָטש ס׳האָט ליפּען נישט געשמעקט, פונדעסטוועגן האָט ער נישט געפּרווּוט צו זוכן א תירוץ, א פּאַר־ענטפערונג, כדי זיך ארויסצודרייען. פאר לילקען איז עס נישט קיין נייס, אז ער און שעווע זענען פריינד. אפשר האָט שוין ווער באוויזן אָפּצוטראָגן, אז זיי זענען עפּעס מער ווי פריינד; בלויז ליפּע ווייס — אז דער „עפּעס מער" איז א זאַך פון דער פאַר־גאַנגענהייט. עס איז אָן אַלט מעבל־שטיק צו וועלכעס מען איז שוין צוגעוווינט און כאָטש קיין נוצן ברענגט עס נישט מער, איז פונדעסט־וועגן א שאָד זיך צו שיידן דערמיט.

— אויפן אָרט — האָט זיך ליפּע צוגעגעבן קוראַזש — וועט מען שוין די זאַך ווי נישט איז אויסגלייכן. ס׳איז נישט שווער עמעצן פארלירן צווישן אזוי פיל טאַנצנדיקע פּאָרלעך...

די טירן זענען געשטאַנען אָפן און זיי האָבן זיך ווי נישט איז אריינגעקראָגן אין געפּאַקטן זאַל אריין. חברה האָבן זיך צוזאַמענ־גערוקט און געמאַכט פּלאַץ:

— ס׳איז ענגלעך — האָבן זיי געלאַכט — דערפאַר איז טאַקע וואַרעמער...

אויף דער סצענע איז ארויסגעשפּרונגען א יונג מיידל. אירע שוואַרצע לאָקן זענען געפאַלן פון אונטער א רויטער קאָזאַקישער פּאַפּאַכע, און אירע נאַקעטע קני האָבן ארויסגעקוקט פון קורצע רויטע שטיוועלעך. די האַרמאָשקע האָט פאַרצויגן א ניגון און דאָס מיידל — א קלאַפּ טוענדיק מיט די אָפּצאַסן אין דער בינע, אזש די שפּאָרן האָבן אָפּגעקלונגען — האָט זיך צעזונגען מיט אָן אָנגע־נעמע שטים דאָס ליד פון קאָזאַקישן רייטער:

— אָסיעדלאַיו יאַ גאַריאַטשעוואָ קאָניאַ...*)

זי האָט געצויגן מיט די הענט, ווי אין זיי וואָלטן לייצעס געווען, און דער קערפּער האָט זיך געוויגט צום ריטם — ווי אונטער איר וואָלט א שוימיקער סטעפּ פערד געלאָפן. זי האָט צוגעקלונגען צום טאַקט מיט די שפּאָרן:

און דו טראָגסט מיך, ווי אויף פליגלען
ווי אויף פליגלען פון דעם ווינט
מיך — דעם יונגן קאָזאַק פון די סטעפּעס...

---

* איך זאָטל אָן דאָס היציקע פערד...

דאָס ליד: ניי — די שטים פון דעם מיידל אָנגענעם; איינגע־פּרעסט נעבן שעוועז, האָט ליפּע געפילט ווי אויך דורך זיין בלוט טראָגט זיך א רוח. שעוועס הייסע האַנט איז געלעגן אויף זיין קני.

נאָכן קאָנצערט האָבן זיי גענומען טאַנצן. ערשט אַצינד האָט ליפּע באַמערקט לילקען, און מיט א נויג איר געלאָזט וויסן, אַז ער זעט איר.

שעווע האָט זיך צו אים צוגעטוליעט און ער האָט פארלאָרן לילקעס בליק אין דער ענגשאַפט פון די טאַנצנדיקע פּאָרלעך.

באַקאַנטע האָבן באַגריסט, און שוין האָט עמעץ שעוועז איינ־געלאַדן צום טאַנץ. די זעלבע רגע איז ליפּע געווען נעבן לילקען.

— קום! — האָט ער זי אָנגענומען ביים האַנט, און דורך א זייטיקער טיר ארויסגעפירט אויפן סצענע. הגם דער פאָרהאַנג איז געווען אָפן, איז די בינע געבליבן טונקל — האַלב־באַלויכטן. בלויז שאָטנס האָבן זיך באוועגט אין טאַנץ. זיי זענען געווען הינטער די קוליסן.

— דאָ וועט אונדז קיינער נישט שטערן צום טאַנצן — האָט איר ליפּע פארזיכערט. די קלאַנגען פון מיכאל זארקינס אקאָרדיאָן זענען אהער דערגאַנגען ווי דער אָפּקלאַנג פון א מעלאָדיע, וואָס גליטשט זיך ארויס פון שייטער וועלכן ציגיינער האָבן פארלייגט ביים ברעג טייך, און די מעלאָדיע לאָזט זיך שווימען מיט די וועלן — צום צווייטן ברעג.

לילקעס קאָפּ איז געלעגן אויף ליפּעס אַקסל. ער האָט איינגע־אָטעמט דעם ריח פון אירע האָר וואָס זענען דורכגענומען מיט ווינט און פראָסט. עס איז געווען דער זיסלעכער גערוך פון איבערגעפרוי־רענע, צייטיקע ראַבינעס. צייטנווייס האָט ליפּע נישט געפילט די טריט זאָלן זיך באַוועגן צום טאַקט, און דאַן האָט זיך אים גערוכט, אַז ער וויגט איין צום שלאָף א קינד, וואָס האָט גענומען דרימלען אין זיינע אָרעמס.

ער האָט נישט געזען אירע אויגן, כאָטש אָפּט האָבן זיך זייערע ליפּן באַגעגנט, זיך צונויפגעגאָסן, און ווידער האָט דאָס קינד גע־דרימלט אויפן אקסל...

זיי האָבן נישט גערעדט צווישן זיך, זיי האָבן מורא געהאַט, אַז דאָס וואָרט איז צו איינפאַך אויסדריקן דאָס — וואָס זיי האָבן אין דעם מאָמענט געפילט. אפשר האָבן זיי גאָר מורא געהאַט,

אז דער קלאַנג פון וואָרט וועט זיי אויפוועקן פון א טרוים, וועלכן זיי וואָלטן געוואָלט אויסציען ביז אין דער אייביקייט אריין...

די מוזיק האָט אויפגעהערט. די אינערציע וואָס האָט זיך צו־נויפגעזאַמלט אין די טאַנצנדיקע קערפּערס האָט זיי נאָך אַלץ באַוועגט אין ריטם, ביז די פּיס האָבן זיך אָפּגעשטעלט.

— זינג עפּעס — האָט ליפּע געבעטן, כדי אויסצופילן דעם בלויז צווישן איין טאַנץ און צווייטן. לילקע האָט שטיל גענומען ציען אן אומעטיקע מעלאָדיע, און פון זיך אליין האָבן זיך די פּיס אוועקגעלאָזן צום טאַקט. זי האָט געזונגען בלויז פאַר אים. פאַר זייביידן. בלויז זיי ביידע קענען פאַרשטיין דאָס, וואָס אין דעם דיכטערס נשמה האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין דעם מאָמענט ווען ער האָט זיינע איבערלעבונגען אָנגעקליידט אין ווערטער, און אפשר אויך אין קלאַנג:

— ווי א חלום
איז די ליבע צערונען.
ווי עס צערינט א נעפּל פאַרטאָג —
מיט בענקשאַפט
וועל איך וואַרטן אויף דיין קומען
די אויגן וועלן שמייכלען דורך געוויין...

שעווע האָט געטאַנצט. הילע פּאַדל, מיט די דאַרע פּיס האָט זי געדרייט אין וואַלס, ווי א ווירבער — אַזש ס'האָט שעווען גענומען שווינדלען אין קאָפּ. נאָכער האָט זי רוווע לעוו אונטערגעכאַפּט. הגם איר ברייט־בייניקער קערפּער, מיט וועלכן זי האָט אריינגעראָטן אין הערשן, איז נישט געווווינט געווען צו אזא ראַשיקן טאַנץ, האָט זי זיך פונדעסטוועגן געפילט, גוט אין דער ארומרינגלונג פון בחורים, וואָס האָבן זיך געריסן צו טאַנצן מיט איר. ס'איז איר אָנגענעם צו זיין דער צענטער ארום וועלכן עס דרייט זיך דער קרייז.

האַרט פאַרן סוף פון דעם טאַנץ־אָוונט, ווען די מידע מוזיקער האָבן גענומען אויסשפּילן דעם לעצטן מאַרש, האָט זיך שעווע ערשט געכאַפּט, אז דעם גאַנצן אָוונט האָט זי ליפּען מער נישט געזען:

— ווו איז ער? — אירע אויגן האָבן אים גענומען זוכן אין דער מאַסע. יעדערער פון די בחורים וואָלטן איר גערן אָפּגעפירט אהיים, נאָר ווייל זי דאַרף נאָך דערוווייל אַכטונג געבן אויף איר גוטן נאָמען אין שטאָט וועט זי אהיימגיין מיט ליפּען — ווייל ער

איז אַלץ נאָך איר בחור. אויף איר גוטן נאָמען האָט זי תמיד אויפ־געפּאַסט. פאַר דער שטאָט איז ער נאָך אַלץ איר יינגל, און ס'איז בעסער אַזוי. בייזע צינגער זאָלן נישט צופיל פּלאַפּלען. פון דער זייט פון צווישן די אהיימגייענדיקע פאַרלעך האָט ליפּע געזען וואָס עס קומט פאָר. ער האָט זייטיק איינגערוימט הילען:

— פּאָדל, פיר אָפּ שוועון אהיים...

— ס'איז אין אָרדנונג...

ליפּע האָט אָנגענומען לילקעס האַנט, און ווי קינדער זיך געלאָזט אראָפּ מיט די ברייטע טרעפּ, ווי קיינער אחוץ זיי וואָלטן דאָרט נישט געווען.

— דאָ ביזסטו — איז שעווע נעבן אים פּלוצלינג אויסגעוואָקסן

— מיר גיין צוזאמען אהיים...

— גוט — האָט ליפּע עס אראָפּגעשלונגען — און נעמענדיק ביידע מיידלעך אונטער די הענט, זיך אוועקגעלאָזן איבערן פאַרשנייטן מאַרק.

— דו גייסט שלעכט — האָט שעווע באַמערקט, ווען ליפּע האָט זיך אריינגעדרייט אין אַן אַנדער גאַס, ווי ער וואָלט געוויינטלעך געדאַרפט גיין.

לילקע האָט געוווינט נעענטער, און זי איז געווען די, וועלכע מען דאַרף צוערשט געזעגענען.

אין ליפּען האָט זיך צעשפּילט א בייז פייערל. פון שעוועס האַל־טונג, פון איר אַרט ריידן האָט ער ארויסגעפילט, אַז די נאַכט וועט שעווע געדן מיט אים מיטגיין אין זיין צימער אריין, א זאַך, וואָס האָט שוין לאַנג נישט פּאַסירט. ער האָט אין אויגנבליק געוויגן וואָס עס איז אין דעם מאָמענט וויכטיקער: דאָס זיין צוזאמען מיט שעווען, און נאָך דעם פילן זיך ווי א הונט, וועלכן מען האָט צוגעוואָרפן א ביין; ס'איז א מין לאַסקע וואָס טראָגט אין זיך די דערנידערונג פון א נדבה, וואָס א רייכע דאַמע שענקט דעם אָרעמאַן. דאָס איז א קאַלטע מטבע, אין א מינוט פון א צופעליקן רחמנות געפיל. א קאַפּ־ריז אַזאַ. אָדער זיך א שפּיל טאָן מיט שעווען: פאַר די אָוונטן וואָס ער האָט געוואַרט, פאַר איר באַנוצן זיך מיט אים ווי א שילד, אונטער וועלכער זי קען אַלץ אָפּטאָן.

— די געלעגנהייט האָב איך נאָר איינמאָל, און ס'אַנדערע — ס'איז סיי ווי דער סוף...

שעווע האָט א צאַפּל געטאָן:

— מיר מוזן צוערשט אָפּפירן לילקען, נאָכאַלעמען איז זי א צופּעליקע.

— באַרואיק זיך — האָט ליפּע געענטפערט. איך קאָן גוט דעם וועג...

שעווע האָט א צישע געטאָן. די באַליידיקונג צו וועלכער ליפּע שטעלט איר אויס האָט געבריט. זי, מיט וועלכער ער איז יאָרן ארויס־געגאַנגען צוזאַמען, שטעלט ער נידעריקער פון עפּעס א קליין מיידעלע, כמעט נאָך א קינד. דאָס, וואָס ליפּע האַלט א צופּעליקע באַקאַנטע וויכטיקער פון איר — דאָס האָט איר געקרענקט. זי האָט זיך דער־מאָנט, אז קיין איינער פון די רוסן מיט וועלכע זי איז גאָר נאָנט באַפריינדעט האָבן זי אויף דעם אָוונט נישט באַמערקט, און זיך געשאַרט אין די ווינקלען מיט יינגערע. — בין איך שוין טאַקע אזוי אַלט? מיט וואָס שטייען זיי העכער פון מיר, די סמאַרקאַטע? זי האָט נישט געוואָלט נאָכגעבן. ווי א טרינקענדיקע, וואָס קלאַמערט זיך אָן א ברעט, וועלכן זי האָט צופּעליק געפונען אויף די צעשטו־רעמטע כוואַליעס, האָט זי זיך איינגעקלאַמערט אין ליפּעס האַנט:

— דו קענסט מיר אזוי נישט באַהאַנדלען...

— פאַרוואָס? האָט ליפּע זיך געמאַכט, ווי ער פאַרשטייט גאָר־נישט. — בין איך צו עפּעס פאַרפּליכטעט?

— דו ווייסט גאָרנישט, הא! טאַקע גאָרנישט? — זי האָט די טרערן מער נישט געקאָנט איינהאַלטן און זיך צעוויינט.

— באַרואיק זיך. דו נעמסט זאַכן צו טראַגיש — עס איז ליפּען געוועזן נישט אָנגענעם פאַר דער סצענע פון וועלכער לילקע האָט געמוזט זיין אן עדות. ער האָט דעריבער לילקעס אָרעם פעסטער איינ־געקלאַמערט אין זיינעם.

— טראַגיש? האָט שעווע אויסגעשאָסן צווישן די טרערן... דו ביזט תמיד דאָ מיט די שיינע ריידעלעך. ביזט אָבער אזא פאַר־דאָרבענער ווי אַלע... זיי זענען שוין געווען נאָנט פון איר שטוב, ארום בראָם. זי האָט איינגעהאַלטן די טרערן, און צום לעצטן מאָל פּרובירט איר כוח, איר איינפלוס אויף ליפּען.

— קום צוריק, לאָמיר זי אָפּפירן...

— מאַכסט א טעות, שעווע. מיר זענען ביי דיין טיר און אצינד זאָגסטו א גוטע נאַכט. — דאָס האָט ליפּע שאַפּיראָ געזאָגט מיטן טאָן פון א דערציער, וועלכער איז נישט צו שטרענג, אָבער דאָך אַנטשלאָסן

אין דורכזעצן זיין ווילן. אין זיין טאָן איז נישט געווען איין טראָפּן צווייפל, טאָמער קען ער ענדערן זיין דעציזיע. דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט, איז געווען ענטגילטיק.

— דו ביזט... דו ביזט... נאָר די טרערן האָבן זי גענומען שטיקן אויפסניי און נישט באַוויזנדיק צו זאָגן וואָס ער איז — האָט זי צוגעקלאַפּט די טיר הינטער זיך.

ליפּע האָט לילקעס אָרעם נישט ארויסגעלאָזט פון זיינעם, און שווייגנדיק זענען זיי אוועק איבער די נאַכטיקע, פון פראָסט איינ־געשמידטע גאַסן. עס איז אים פּיינליך געווען וואָס ער האָט לילקען, אָט דאָס יונגע, אומשולדיק מיידל געשטעלט פּנים אל פּנים מיט א פּראָבלעם וואָס האָט אייגנטלעך פאָרדינט אן אויפקלערונג. ליפּע האָט די דאָזיקע אויפקלערונג נישט געוואָלט געבן, פּשוט דערפאַר וואָס לילקע האָט אים אויסגעזען, איז נאָך נישט גרייט עס אויפ־צונעמען. און בכלל: צו וואָס צעשטערן א טרוים, נאָך איידער ער איז געבוירן געוואָרן?

עס זענען איר נאָך פרעמד די טריט, וועלכע געליבטע טרעטן אויס איינער אין צווייטנס נשמה, דאָס זענען די פּאַדרייטע סטיעזש־קעס, וואָס פירן אָפּטמאָל ערגעץ נישט, בלויז צו א פּלאָנטער פון טריט, פון צייכנס אין וועלכע מען קען זיך נישט פאַרנאַנדערקלייבן.

זי איז געווען דאָס אומבאַרירטע פעלד וואָס וואַרט אויפן ערליכן, ארבעטזאַמען פּויער וואָס זאָל עס אויפאַקערן מיט ליבע און פאַרזייען דאָס קערנדל, פון וועלכן עס וועט שפּעטער צייטיקן דאָס קאָרן; דער פּויער וועט עס מיט ליבע, מיט שוויים פון זיין שטערן צונויפזאַמלען אין שייער. די טראָפּנס שוויים — זיי וועלן עס זיין די באַצאָלונג דער מוטער־ערד פאַר איר געטריישאַפט. ליפּע האָט געוואָלט דאָס דאָזיקע פעלד לאָזן אומבאַרירט — אָט אזוי ווי די נאַטור האָט זי באַשאַפן אין איר אור־פאָרם, ביז דער ערליכער פּויער וועט איר טאָן דאָס רעכט. ער האָט געוואָלט אויפן פעלד זאָל וואַקסן קולטיווירטער קאָרן און נישט קיין ווילד־גראָזן, הפקרדיק פאַרווייטע פון מלחמה־ווינט. זי איז נאָך געווען צו יונג צו פאַר־שטיין, אז די ליבע, אָט די וואַרעמע כוואַליעס, וואָס וויקלען ארום דאָס הארץ ווי וואַרעמע טיכער און עפּעס אינעווייניק נעמט בענ־קען, זיך ציען ווי דאָס פלאַטערל צום ליכט; אז די דאָזיקע געפילן האָבן אויך א צווייטע זייט, אָט ווי די לבנה וואָס באַגלייט אונדז אין די נעכט, האָט א צווייטע זייט וועלכע מיר זעען נישט.

און בכלל: איז ליבע א זאך וועלכעם מען קען פארשטיין, אָדער געבן עמעצן צו דערקלערן?

אזוי האָט ליפּע שווייגנדיק געטראכט, ווען ער איז מיט לילקען געגאנגען איבער די פּוסטע, פארשנייטע גאסן.

עס איז ליפּען נישט געווען צום הארצן וואָס לילקע האָט באוויזן אויף איין מינוט ארייַנצובליקן אין דעם תהום וואָס וואקסט פּלוצלינג אוים צווישן צוויי מענטשן, פּונקט דעמאָלט, ווען ס'האָט זיך זיי געדוכט, אז זיי האָבן שוין אייגנטלעך דערגרייכט דעם שפּיץ בארג צוזאמען... ער האָט געזוכט א וואָרט און אים נישט געפונען.

— נישט גערדאַרפט אזוי — האָט לילקע שטיל אים געלאָזט וויסן איר מיינונג. ס'איז מיר א רחמנות אויף איר, זי איז אזא ווילע; און אירע טרערן... ביזטו טאקע אזא שלעכטער, פארוואָס האָסטו איר וויי געטאָן?

וואָס האָט ליפּע געקאָנט דערויף ענטפערן? ער איז נישט געווען אין דעם צושטאנד פון לאָזן די סענטימענטן נעמען אויבערהאנט און אויסגיסן פאר לילקען אלץ, וואָס האָט זיך אין אים אָנגעקליבן אין משך פון עטלעכע יאָר, און וואָס האָט סוף־כל־סוף געזוכט אן אָפּפלוס, א מין אינערלעכע באפרידיקונג פון רעהאביליטירן דעם מענטשן אין זיינע אייגענע אויגן. וואָרעם אין יעדן מענטשן דרימלט א פארבאהאלטענער געפיל פון נקמה, צוריקצוצאָלן פאר באליידיקונגען, אָדער דערנידערונגען וואָס האָבן פּאסירט, און אין דער צייט פון דער פּאסירונג איז ער געווען הילפלאָז דערויף צו רעאגירן. אין דער נאכט, אויף דעם קורצן שפּאציר האָט ליפּע געהאט זיין סאטיספאקציע. וואָס ווייסט לילקע דערפון פארשטיין? פאר איר איז ער נישט מער ווי א קליינער אינצידענט ביי וועלכן א זייטיקער פילט זיך נישט באקוועם, ווען ער מוז עס קעגן זיין אייגענעם ווילן בייוווינען.

— פארגעס עס, קינד — האָט ליפּע זי צוגעדריקט צו זיך — לאָמיר נישט טראכטן פון זייטיקע מענטשן, וועלכע קרייצן איבער אונדזער וועג, צוליב די, אָדער אנדערע סיבות. לאָמיר נישט זען די וועלט ארום אונדז. מיר זענען זאלבאנאנד — ביזטו נישט צופרידן דערמיט?

— זי איז דאָך געווען דיין מיידל יאָרן לאנג — קען מען עס אזוי? האָט לילקע, ביי איר גאנצער נאַיוקייט געפילט, אז ערגעץ ווו איז דאָ א פּונקט ווו ליפּע האָט נישט ריכטיק געהאנדלט.

— זי איז געווען — און דו ביזט איצט. איז עס נישט וווּנ־דערלעך? האָט ער געפּרוּווט א לאַך טאָן, ווי דאָס געלעכטער וואָלט געדאַרפט אַלץ אָפּווישן, און אָנהויבן דעם אָוונט אויף ס'ניי.

— יאָ — האָט זי צוגעגעבן — אָבער אַלץ איז אזוי מאָדנע...

ענדלעך זענען זיי צוגעקומען צום הויף ווו לילקע האָט געוווינט. דער טויער איז געשטאַנען האַלב־אָפן. די עפּענונג איז געווען די ברייט נישט מער, אז א מענטש זאָל קענען אדורכגיין. אזוי איז ער איינ־געפּראָרן צווישן די הרודעס שניי, און אזוי וועט ער שוין בלייבן ביז פרילינג. ווען דער שניי וועט צעגיין, דעמאָלט וועט מען אים ערשט קענען צומאַכן ביינאַכט אויף א ריגל.

— פאַרגעס — האָט ליפּע געזאָגט. — פאַרגעס וואָס דו האָסט בייגעוווינט.. ס'איז א שלעכטע דערינערונג. ס'איז אָבער אויך א וואָרענונג, אז אַלץ איז נישט אזוי ראָז, ווי מען שטעלט זיך עס פאָר. א גוטע נאַכט...

— ו —

עס איז געווען דער לעצטער אָוונט, ווען זיי האָבן פאַרבראַכט צוזאַמען. געוואָלט האָט ליפּע געפינען א תירוץ, כדי לילקען איבער־לאָזן מיט שימעלען אליין. נאָך אַלעמען, האָט לילקע נישט איבער־געלאָזן קיין צו טיפע שפּורן אין אים, און ער האָט געפילט, אז מיטן טאָג ווען ער וועט איר מער נישט זען, וועט זייער באַגעגעניש פון די עטלעכע ווינטער־חדשים בלייבן אן עפּיזאָד, אן אָנגענעמער. אָבער נישט מער ווי אן עפּיזאָד. אַנדערש איז עס מיט שימעלען. ליפּע, וואָס האָט געקענט זיין חבר זינט זיי האָבן ביידע גענומען אריבערפּויזען די שוועלן אין דרויסן ארוים — האָט באַמערקט, אז לילקעס אָנוועזנהייט רופט ארויס ביי אים א צערודערונג, אן אויפלעבונג. ליפּע האָט די דערשיינונג ביי אים נישט באַמערקט זינט די טעג, ווען ער איז ארומגעגאַנגען מיט גיטלען; און ווייל ער אליין וועט מיט איר נאָך זיין מאָרגן אויך — האָט ער געוואָלט דעם חבר געבן די מעגלעכקייט. נאָר לילקע האָט אים אָנגעקוקט מיט א בליק אין וועלכן ס'איז געווען אי פאַרוווּנדערונג, אי פאָר־וווּרף. האָט שוין ליפּע גאָרנישט געזאָגט, און זיי האָבן פאַרבראַכט צוזאַמען. פאַר לילקעס טויער זענען זיי געבליבן שטיין. שימעלע האָט איר דערלאַנגט א קליינע מתנה, צום אָנדענק. זיי האָבן זיך

ארומגענומען. ליפע האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ, כדי זיי נישט צו שטעלן אין א פארלעגנהייט. שימעלע האָט זי לאַנג געקושט, ווי ער וואָלט וועלן אין דעם דאָזיקן אָוונט אָפּנעמען פאר די אלע נעכט וואָס ער האָט עס געוואָלט טאָן, און נישט געפונען קיין געלעגנהייט דערצו, און אויך נישט דעם מוט.

— זיי געזונט — האָט ער איר געזעגנט. כ׳וועל דיר קיינמאָל נישט פארגעסן...

— ביז מאָרגן — האָט ליפע געזאָגט.

זיי זענען זאלבאצווייט אהיים געגאנגען. ליפע האָט דעם חבר נישט געפּרוּווט ארויסנעמען פון די געדאנקען. נישט געפּרוּווט ווי תמיד זיך מאכן וויצן אויפן חשבון פון ליבע. א שמועס מיט זיך אליין — דאָס איז אייגנטלעך געווען דער צושטאנד אין וועלכן ער האָט זיין חבר געוואָלט איבערלאָזן.

נאָר שימעלע האָט מיטאמאָל דערפילט א באדערפעניש צו ריידן.

—ווען דו וואָלסט געוואָלט, וואָלט זי געבליבן דאָ ביז זומער.

— דאָס איז געווען א קאפּוליער אָנצוהערעניש.

— און דאָן? וואָלסטו איבערגענומען די אחריות פאר איר? האָט ליפע אומגעדולדיק צוריקגעוואָרפן.

— דו ביזט דאָך מיט גאָרנישט פארפליכטעט לגבי איר, הא?!

זי גייט דיר ווייניק אָן, זאָגסטו דאָך. פונדעסטוועגן האָסטו קיין איין אָוונט נישט דורכגעלאָזן צו זיין מיט איר צוזאמען. אפילו פון נאָרטן־טור, וואָס דער ספּאָרט־קלוב האָט איינגעאָרדנט פאר די וואַלן, האָסטו רעזיגנירט — כדי צו זיין מיט איר בייטאָג אויך. און דאָ, דו וואַשט זיך אָפּ די הענט — זאָל זי פאָרן...

— דו ווייסט גאנץ גוט, אז מיט צוואנציק יאָר און אָן א באָדן אונטער די פיס, קען מען קיין פלענער נישט מאכן. ליבע אָן ברויט — דאָס איז ווי וואָלקן. קען מען מעלקן דעם וואָלקן? זי וויל תכלית, זי וויל האָבן א היים. קענסטו איר עס געבן?

דאָס האָט שימעלע אויך נישט געקענט. זיין פארדינסט האָט קוים געסטייעט אויסצוהאלטן די משפחה, זינט זיין טאטן האָט מען פארשיקט צו די „ווייסע בערן" פאר נישט באצאָלטע שטייערן. אויך ליפע האָט געלעבט אויפן טאטנס חשבון; און אויב אין דער ספּערע פון גייסט, פון געפילן איז ער געווען באלעבאָס — צו שאפן

זיין אייגענע נעסט האָט אים געפעלט דאָס נויטיקסטע: די פּערספּעק־טיוו צו קענען דערנערן א משפּחה.

— ס'איז נאָך נישט אזוי געפערלעך — האָט שימעלע נישט געוואָלט נאָכגעבן.

— זי וואָלט געקענט בלייבן ביז זומער, און דאַן וואָלט מען געזען.

— וואָלסט מיט איר חתונה געהאַט?

דערויף האָט שימעלע שוין נישט געענטפערט.

— מאָרגן פאָרט זי אוועק צו אירע פריינד קיין קאָוועל. און אויב דו וועסט בענקען נאָך איר, וועסטו איר שרייבן...

צומאָרגנס האָט דער פּראָסטע עטוואָס נאָכגעלאָזט, אָבער ס'איז נאָך אַלץ געווען גענוג קאַלט. ליפּע האָט לילקען ארומגעפּאקט מיט דער דעקע, וואָס איז געלעגן אין שליטן. פון ווייסן שאַל, אין וועלכן זי איז איינגעוויקלט האָט ארויסגעקוקט א גאָלדענער לאָק און צוויי שמייכלדיקע אויגן.

— פאָר געזונט, און שרייב אָן ווי דו ביזט דערפאָרן...

— זיי געזונט — האָט זי אים אונטערגעשטעלט אירע ליפּן. ליפּע האָט זיך מיט איר צעקושט.

— היי טאָווארישטש — האָט ליפּע אויסגערופן צום רוס, וואָס איז אין זעלבן שליטן מיטגעפאָרן צום באַן — גיב אכטונג אויפן שוועלבעלע, עס זאָל נישט געפרוירן ווערן!

— עטאָ ניע לאַסטאָטשקאָ — עטאָזש וויעט אָרעל* — האָט דער רוס צוריקגעלאַכט — כ'וועל שוין אויף איר אַכטונג געבן...

דער באַלעגאָלע האָט א שמיץ געטאָן ס'פערד און דער שליטן האָט זיך אוועקגעלאָזט איבערן גלאַטן, איינגעפראָרענעם שניי.

ליפּע האָט לאַנג נאָכגעקוקט דעם שליטן, ביז ער איז פאַר־שווונדן הינטער א ראָג...

* דאָס איז נישט קיין שוועלבעלע — דאָס איז דאָך אַן אָדלער...

קאַפּיטל אַכט

אין יענעם ווינטער

אין ענגן צימערל איז אַנגערויכערט, אַזש דאָס עלעקטריש לעמפּל האָט זיך אַרויסגעזען אַ צעשוווּמענס, ווי אין אַ נעפּל. מען איז געזעסן אויפן שמאָלן אייזערנעם בעטל; אויף דער הילצערנער באַנק אַרום טיש, אויף דער אָפּגעקילטער פּליטע.

דער טאָמאַשאָווער עילוי האָט אויסגעטיילט קאָרטן. ער האָט געשפּילט צוזאַמען מיט זיין שוואָגער — דעם אַמשינאָווער איידעם. אנטקעגן זיי האָבן געשפּילט טראַליק און שימעלע. דאָס איז געווען אַ שפּיל, וואָס די פּוילישע יידן — פּליטים האָבן גענומען איבער־פלאַנצן אויפן ליטווישן באָדן. זיי האָבן געשפּילט אַ „דערדל".

ליפּע איז פון דער שפּיל נישט פאַרכאַפּט געוואָרן. פאַר אים איז געווען גענוג צו שפּילן אַ „טעלעפאָן". „דערדל" האָט אים שוין אויסגעזען צו קאָמפּליצירט. נאָר סיי ווי איז דער צימער פון די צוויי „ביעזשענצעס": חיים — דעם עילוי וואָס האָט מיט איין מאָל אַראָפּגעוואָרפן פון זיך אי די קאַפּאָטע מיטן יידישן היטעלע, אי דעם יאָך פון די תרי"ג מצוות, און זיין שוואָגער דעם אַמשינאָווער שניידער — געוואָרן דער קלוב, וווּ ליפּע און זיינע חברים זענען זיך צונויפגעקומען אין די לאַנגע ווינטער־אָוונטן כדי צו זיין צוזאַמען.

אויך די חברים האָבן פון זיך אַראָפּגעוואָרפן אַלע יאָכן וואָס זיי האָבן פּריוויליק אויף זיך פריער גענהאַט גענומען פון נישט רויכערן, נישט שפּילן אין קאָרטן און די פרייע צייט אויסנוצן אויף דערקענען, און אויסבעסערן די וועלט.

די וועלט אָבער האָבן שוין אַנדערע אויסגעבעסערט. אַזוי, אייגנטלעך האָבן די רוסן געמיינט, און דאָס האָבן זיי אויך געלערנט

מיט די נייע בירגער. איז פאַר די חברים שוין מער גאָרנישט געבליבן וואָס צו טאָן. כאָטש זיי האָבן שנעל באַנומען, אַז דער סאָוויעטישער וועג איז נישט דער וועג פון וועלכן זיי האָבן געטרוימט, איז פונ־דעסטוועגן קיינעם פון זיי נישט איינגעפאַלן צו פרוּוון דעם דאָזיקן וועג פאַרקערעווען אין אַן אַנדער ריכטונג. אַלץ וואָס זיי האָבן געפילט איז אַ פּרעמדקייט צום נייעם וועג, פון וועלכן עס איז גלייכער זיך צו האַלטן וואָס ווייטער, כאָטש צייטנווייז מוז מען מיט אים מיטגיין.

דער קלוב פון די „ביעזשענצעס" — ווי זיי האָבן גערופן דאָס קליינע צימערל אין דעם חסידים מויער — איז געווען אַן אַנטלויפן פון דער טאָג־טעגלעכער ווירקלעכקייט, וועלכע האָט שוין גענומען דריקן אויף די יונגע בחורים, וואָס האָבן זיך נאָך אַלץ געפילט ווי פרייע סטעפּ־פערד.

די נייע אָרדנונג האָט זיי גענומען צוימען און ביסלעכווייז אריינשטופּן אין געשפּאַן פון לעבן. דאָס דאָזיקע לעבן האָט פאַר זיי געהאַט דעם אָנבליק פון אַ פערד אין אַ מאַניעזש: אַרומצוטאָפּ־טשען דעם גאַנצן טאָג אין אַ קרייז, צוגעשפּאַנט צו אַ לאַנגער, היל־צערנער שטאַנג. דער דאָזיקער קרייז איז אַ פאַרמאַכטער און דאָס פערד האָט נישט די מעגלעקייט אַ טראַט צו טאָן רעכטס אָדער לינקס; און וואָלט ער עס פּרובירט צו טאָן, וואָלטן אים די לעדערנע רימענס און אויך די בייטש פון אַנטרייבער געלאָזט וויסן, אַזאַ אַזאַ טראָט איז נישט געוווּנטשן. זיך אַרויסברעכן מיט געוואַלד איז נישט כדאַי — מען קען דערביי סיי ווי גאָרנישט געווינען.

דער דאָזיקער צימער איז געווען די לעצטע סטאַציע, ווו מען האָט זיך באַמיט דעם געשיכטלעכן צוג צו פאַרהאַלטן נאָך אויף אַ ווייל, און אַ רעדט טאָן רייד — וואָס ערגעץ אַנדערשוווּ וואָלט מען פאַר זיי שוין געשמיסן. ווי לאַנג זיי וועלן אַזוי קענען אָנגיין, איז שווער צו זאָגן פון פאָרויס. מיט יעדן אָוונט וואָס די חברים האָבן פאַרבראַכט צוזאַמען, איז עס געווען — זייער אָוונט. אַפילו ווען טראַליק פלעגט טײַלמאָל אַ מידער אַוועקפאַלן שלאָפן אויפן בעטל, האָט מען אים נישט געשטערט, וואָרעם שלאָפנדיק האָט ער נאָך אַלץ געהערט צו דער חברה. זיי זענען אַלע געוואָקסן צוזאַמען; פון פּיצלעך ביז אַזוי אַ יאָר ניינצן־צוואַנציק, און ס'זענען נישט געווען קיין באַהאַלטענע ווינקעלעך אין זייער לעבן, פון וועלכע מען זאָל נישט וויסן.

עפּעס נייעס האָבן אריינגעבראכט די צוויי פּליטים פון קאָנ־גרעס־פּוילן, און מיט זיי האָט אויך דאָס לעבן פון די חברים באַ־קומען א נייעס פונקט, ארום וועלכן זיי האָבן קאָנצענטרירט זייער אינטערעס.

די חברטעס, מיט וועלכע מען האָט זיך פריער כמעט יעדן אָוונט געזען, זענען ווי פארשוואונדן פון זייער לעבן. ס'איז מער נישט געווען די באַזע — די אָרגאַניזאַציאָנעלע ראָם — וואָס האָט זיי פארבונדן; און ווייל קיין פּערזענלעכע געפילן האָבן זיי נאָך נישט באוויזן צו פארקניפּן, איז די פריינדשאַפט לויז געוואָרן.

ביי א גלעזל שנאַפּס (דאָס איז געווען דער נייער וועג, אויף וועלכן מען איז צייטנווייז ארויף) האָט מען זיך תמיד אומגעקערט צום פּונקט וואָס איז ביי די ניינצן יעריקע בחורים געלעגן פאַר־טייעט, און וואָס זיי האָבן שעמעוודיק אויסגעמיטן צו באַרירן, כאָטש יעדן פון זיי האָט געביסן די צונג א רעד צו טאָן דערפון. ווי אלעמאָל, איז עס געווען ליפּע, וועלכן מען האָט נאָך א גלעזל שנאַפּס ארויפגענומען אויף דער הוידע, און גענומען קיבעצן. וואָ־רעם ליפּע איז אין דער חברה געווען דער, וואָס איז יאָרן ארומ־געגאַנגען מיט איין מיידל און דאָס האָט אים צייטנווייז אָפּגע־פרעמדט פון זיינע פריינד. אָבער דעמאָלט איז זי שוין מער נישט געווען זיין מיידל. די חברים האָבן דערפון נאָך נישט געוווּסט. דאָס, וואָס זיי האָבן דערשנאַפּט פון א נישט פּאָרזיכטיקן וואָרט, פון א באוועגונג איז געגנוג געווען צו אויפקניפּן די אַלטע טעמע, און נעמען ליפּען אויפן פארהער:

— טאָקע? וויפל איז דאָס דער שיר... — האָט חיים אומ־שולדיק געפרעגט.

— וואָס? — האָט שימעלע אים אונטערגעהאָלפן, כאָטש ער האָט געוווּסט ווו חיים צילט.

— נו, ארומגיין מיט שעווען און גאָרנישט — האָט חיים נישט דערזאָגט.

— און וואָס? — האָט שוין פרץ געוואָלט וויסן.

— ארומגיין — און גאָרנישט... האָט חיים פארענדיקט.

דעם דאָזיקן שמועס האָבן זיי געפירט ווי ליפּע וואָלט דערביי נישט געווען, און פונדעסטוועגן האָבן זיי אזוי גערעדט, אז יעדער וואָרט זאָל צו אים דערגיין.

— א מיידל גייט פּשוט איין — האָט שוין דער אַמשינער

ארויסגעהאָלפן, ווייל ליפּע האָט נאָך אַלץ געהאַלטן דעם צונג צווישן די ציין, ווי ער וואָלט דאָ געוועזן לחלוטין א זייטיקער און דער שמועס פירט זיך איבער א פרעמדן וועלכן ער קען איבערהויפּט נישט, און דעריבער קען ער גאָרנישט זאָגן.

— אז א מיידל בעט זיך פּשוט — איז שוין שימעלע אריין אין מיטן.

— כאָטש א גלעט, א קוש — און ער גאָרנישט.

— ביזט דאָך נישט קיין טמטום — האָט שוין טראַליק א זאָג געטאָן צו ליפּען דירעקט — כ'מיין, ווי לאַנג קען מען עס אזוי? וואָס מיינסטו דיר זי וועט וואַרטן ביז דו וועסט קומען צום שכל?

— ס'עט זיך שוין געפינען עמיצער מיט מער שכל פון דיר...

— אין די היינטיקע צייטן...

— און זי איז שוין א סאָוויעטישע...

אַצינד האָט מען שוין גערעדט אַלע צוזאמען. יעדער האָט געוואָלט ארויסווייזן זיין קאָנטשאַפט אין דעם ענין פון ארומגיין מיט מיידלעך. דער שמועס, וואָס האָט זיך לכתחילה פארנומען מיט ליפּען, איז פון זיך אליין אוועק אויף א געשפּרעך ווו יעדערער האָט גענומען ארויסזאָגן זיינע מיינונגען און שטימונגען אין באַצוג צו פרויען. ליפּע האָט געשוויגן. ער האָט אינעווייניק געשמייכלט צו זיך אין געדאַנק:

— קינדערלעך — ווען איר וואָלט געוווּסט דאָס וואָס איך וויים — וואָלטן זיך אייערע האָר קאַפּויער געשטעלט.

מיט שעוועו איז עס שוין געווען אוים. ליפּע האָט עס געזען באַשיימפּערלעך. כאָטש זיי האָבן נאָך אינגאַנצן נישט איבערגע־ריסן, און שעווע קומט נאָך אַמאָל אריין א שמועס צו טאָן מיט זיינע עלטערן — זענען זיי מענטשן וואָס גייען זיך זייערע אייגענע דרכים. און אויב זיי האָבן זיך, צוליב די שטעטלשע באַ־דינגונגען אמאָל געטראָפן, איז עס געווען א צופעליקע באַגעגעניש. כאָטש געדוכט האָט זיך זיי, אז אין דער באַגעגעניש איז דאָ די האַנט פון גורל, וואָס זיי האָבן אָנגערופן: ליבע.

כל זמן דאָס שטעטל איז געגאַנגען מיטן איינגעפּונדעוועטן שטייגער, איז עס ליפּע געווען דער, וואָס האָט שעוועו געדאַרפט ארויספירן פון ארום בראָם, אין דער ברייטער גאַס אריין, און צוליב דעם טאַקע — מען זאָל איר אָנזען. אפילו זייענדיק א שניי־דער־מיידל, איז זי געווען אין וואַרשטאַט ביי דינטשע שמואל־אַבעס

עפּעס מער—צוליב דער פריינדשאַפט מיט ליפּען טאַקע. אָבער אַצינד, ביי די סאָוויעטן איז איר ליפּע מער נישט נויטיק געווען. מיטן זעלבן דראַנג צו פאַרנעמען אַן אָנזעעוודיקן אָרט אין דער געזעל־שאַפט, איז זי דערגאַנגען ביזן געהילף סעקרעטאַר פון שטאָטישן סאָוויעט. צוליב דעם איז זי געוואָרן אַן אריינגייערין אין די פאַר־טיי־קרייזן — די נייע עליטע. דעמאָלט איז שוין ליפּע געווען נישט מער ווי אַ שטערונג צו איינפונדרעווען איר פּאָזיציע אין לעבן.

נאָכאַלעמען איז ליפּע געווען אַ יינגל פון יאָר ניינצן און זי, שעווע, אין רייפן עלטער פון איינאונצוואַנציק.

זי האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז די פּאַסיקסטע צייט אויפ־צוהערן פירן ליבעס, און זיך פאַרנעמען צו בויען אַן אייגענע היים.

מיט אירע איינאונצוואַנציק יאָר, אַ פרישן, רונדיק, זאַרלגאַז פּנים, אויף וועלכן עס האָט תמיד געשפּילט אַן אומשולדיק שמייכל ווי ביי אַ קינד; אַ צעוואָקסענעם בוזעם וועלכן זי האָט איינגע־פרעסט און דערמיט אונטערגעשטראָכן זיין רייפקייט; אַ ברייט, קרעפטיקן קערפּער און צוויי פעסטע פיס — דאָס איז געווען איר פאַרמעגן, און אויך דאָס געווער מיט וועלכן זי האָט זיך ארויס־געלאָזט אין לעבן, כדי צו דעראָבערן אַ מאַן. אַזאַ איינעם, וואָס איז אַן אָנגעזעענער מיטגליד פון דער הערארכיע.

וואָס האָט ליפּע שווייגנדיק געטראַכט — ווען אַלע האָבן אַזוי האָפערדיק צערעדט זיך?

געטראַכט האָט ער, אַז שעווע איז נאָך צו ווייניק סאָוויעטיש דערפאַרן, כדי צו וויסן, אַז דער נאַטשאַלניק פון היינט וואָס גיט באַפעלן צו טויזנטער — איז אין דער אמתן דער ארעסטאַנט פון מאָרגן, איבערמאָרגן.

פון די אַלע רייד האָט עס אין ליפּען אַ פּלעמל געטאָן. אַלעמאָל, ווען ער דערשפּירט דעם דאַזיקן ברי אינעווייניק, ווייס ער, אַז זיין צונג גייט ארויס פון זיין רשות. ער האָט דעריבער אויף גיך אַ לאַנגן זופּ געטאָן פון גלאָז, כדי דאָס דאַזיקע פּלעמל צו פאַרלעשן.

ס'האָט זיך אים נישט געגלוסט אויסצוטאָן שעווען. אָט ווי די מאַמע האָט זי געהאַט, אין די אויגן פון זיינע חברים. אפילו ווען די נאָקעטקייט איז נישט מער ווי פאַרבונדן מיט איר כאַראַקטער. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז געוויסע פּרטים וועלן זיך נישט לאָזן אויסמיידן. פּרטים — וועלכע האָבן אויך גאָר אַ נאָענטן שייכות מיט אים. זאָל ער זיך נעמען באַרימען מיט זיינע דערגרייכונגען?

נאָכאַלעמען איז ער מיט איר אַרומגעגאַנגען איבער אַ יאָר דריי. און אָן פּרטים—ווי וועט ער אויסזען אין די אויגן פון זיינע חברים, אַ בחור, וואָס האָט טאָג און נאַכט זיך אָפּגעגעבן מיט אַ מיידל, וואָס פאַרמאָגט נישט קיין געפילן, קיין העכערן ציל אין לעבן — נאָר אינסטינקט — צו תכלית. צום ווינציקסטן האָט ער געוואָלט, אַז זיי זאָלן דאָס אים פאָרוואַרפן:

— נאָכגעשלעפּט זיך נאָך אַ קליידל? האַ?

וואָרעם זיי זענען אַלע געווען בחורים וואָס האָבן קודם געזוכט דאָס גייסטיקע, די אידיי, אויך פון דער חברטע, פאַרלאַנגט זי זאָל האָבן גייסטיקע שטרעבונגען — אידייען. אַ ניוואָ. — אַ מיידל מיט אַ ניוואָ — איז געווען גאָר עפּעס אַנדערש.

— שעווע, זי איז אַ מיידל, וואָס האָט זיך צום באַגריף פון תכלית דערטראַכט — דאָס האָט ער שוין קלאָר געזען — פריער ווי אַן אַנדערע אויף איר אָרט וואָלט עס געטאָן. און אין סך־הכל זוכן דאָך מערטנס פרויען צו פאַרנעמען אַן אָרט אין לעבן ווי — אַ פרוי און אַ מאַמע. שעווע איז געווען קלוג און — פּראַקטיש.

— עפּעס בייסט ער ניט איין — האָט חיים באַמערקט ליפּעס שווייגן.

ער האָט וועגן אים געטראַכט ווי וועגן אַ פישל וואָס בייסט נישט דעם וואָרעם אויפן האָק, וואָס דער פישער האָט פאַר אים אָנגעגרייט.

— נאָך אַ קאַפּיטשקע — האָט ליפּע ענדלעך אַרויסגעזייט צווישן די ציין, און איבערגעדרייט דאָס גלאָז מיטן דנאָ אַרויף.

— מיר האָבן געקיבעצט — האָט זיך שימעלע געכאַפּט, און ליפּע האָט דערווייל פאַרטיק געמאַכט ס׳פלעשל.

— לחיים — האָט ליפּע אַ רוף געטאָן דער חברה.

גלעזער האָבן אָפּגעקלונגען, זיך איבערגעדרייט און ליידיקע זיך צוריקגעשטעלט אויפן טיש.

— ב —

באַגעגנט האָט ער שעווען צופעליק. אָט אַזוי, באַגעגנט אַ באַ־קאַנטע אין גאַס נאָכדעם ווי מען קומט צו פאָרן פון אַ ווייטן לאַנד, אַ מיידל וועלכע מען קען שוין פון קינדערווייז אָן.

— וואָס מאַכסטו?

— אזוי —

— גייסט אפשר אין קינאָ? — האָט ליפּע געפּרובירט אָנקניפּן אין אַלטן קאָנטאַקט. ערגעץ ווו אין אים האָט א קליין טירעלע פון בענקשאַפט א סקיפּע געטאָן.

— ווען? — האָט שעווע געפרעגט.

— היינט, אויב דו האָסט צייט...

— יאָ.

פאר ליפּען איז עס געווען אומדערוואַרט. זיי האָבן זיך אוועק־געלאָזן צום אַלטן ראַטהויז, וועלכן די סאָוויעטן האָבן איבערגעמאַכט פאר א קינאָ.

ליפּע איז געזעסן איינגענורעט אין זיין וואַרעמער בורקע און געקוקט אויפן עקראַן. אמאָל, אז ער פלעגט זיצן מיט שעווען אין קינאָ האָט ער ליב געהאַט צו האַלטן איר האַנט אין זיינער. פילן דעם וואַרעמען שטראָם וואָס פליסט צווישן זיי.

אצינד איז ער געזעסן די הענט פארשטעקט אין די טאַשן און די אויגן איינגעגראָבן אין עקראַן. עס האָט אים אויסגעזען צו נאַריש, אַליין אָנצוהויבן פון אָנהויב, ווען דאָס האַלטן זיך ביי די הענט אין דער פינצטער, האָט געמיינט איבערשיקן די ערשטע, שעמעוור־דיקע אָנדייטן...

אין זיך האָט ליפּע געפּלעגט א באַגער, אז: ס'וואָלט גוט געווען, אויב שעווע וואָלט מיטגעגאַנגען צו אים אהיים. ער האָט געזוכט א תירוץ, א גאַנץ אומשולדיקן, זי זאָל זיך נישט כאַפּן, וואוהין ער צילט.

— דו ווייסט — האָט ער איר פארטרויט, ווען זיי זענען ארויס אין נאַכטיקן דרויסן — מיר האָבן נעכטן געקראָגן זייף פון פּראָמקאָמבינאַט.* אויב דו דאַרפסט, וועל איך עס דיר געבן.

זייף אין דעם ווינטער—ווען די סאָוויעטן האָבן זיך גענומען פאר־פעסטיקן, איז געווען אַ קעגנשטאַנד, וואָס איז שווער געווען צו באַ־קומען. ערגעץ ווו האָבן נאָך קרעמער פארבאַהאַלטן טרוקענעם זייף, האָבן זיי עס געטוישט נאָר מיט פּויערים פון די דערפער, פאר פּראָדוקטן.

דאָס איז געווען זייף פון דער ערשטער, סאָוויעטישער פּראָדוקציע.

---

* אינדוסטריעלער קאָמבינאַט.

— אַ, יאָ — ס'איז שווערלעך מיט זייף...

ביים אריינדרייען זיך אין דער ברייטער גאַס, זענען זיי אַנט־קעגן געקומען פּרץ, טראַליק און שימעלע. אז ליפּע האָט זיך מיט זיי באַגעגנט, איז אים דורכגעלאָפן א געדאַנק:

— דער בראָך איז גרויס — אצינד וועלן זיי זיך אָנשליסן אָן אונדז, און מירן גיין צוזאמען...

נאָר די חברים האָבן זיך איבערגעקוקט, באַגריסט און ווייטער געגאַנגען זייער וועג.

אין הויז איז מען שוין געשלאָפן. לייכט האָט ליפּע אויפגע־מאַכט די טיר און אויפגעדרייט דאָס ליכט. ער האָט צוגעשטעלט א שטול צום שאַנק און אראָפּגענומען צוויי קלעצלעך ברוינעם זייף, וואָס האָבן נאָך געשמעקט פון פרישקייט. שעווע האָט געוואַרט. ליפּע האָט פון זיך אראָפּגעוואָרפן די בורקע און זיך גענומען אָפּ־שפּיליען שוועוועס פעלצל. זי האָט זיך נישט געוועדט, נאָר בלויז באַמערקט:

— אזוי שפּעט, וועסט נאָך עמעצן אויפוועקן...

ליפּע האָט זיך דערפון נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון. זיינע עלטערן זענען געשלאָפן אין דערבייאיקן צימער און ס'איז אים אויסגעקומען, אז זיי וועלן גאָרנישט הערן. דער דאָזיקער צוזאמענ־טרעף מיט שעווען איז א צופעליגער און ווארשיינלעך דער לעצטער, אויף וועלכן ער האָט זיך שוין מער נישט געריכט. די באַגעגעניש קען אין זיך נישט טראָגן מער דעם צויבער, וועלכן עס פילן פאר־ליבטע, וואָס טרעפן זיך נאָך א לענגערן איבערייס, און הונגעריקע פאַלן זיי צו, צו איינאַנדער — פארגעסנדיק אָן די די סיבות וואָס האָבן זיי אזוי לאנג פארנאַנדערגעטיילט. ליפּע האָט געוואָלט, אז דער צוזאמענטרעף זאָל ביי אים איבערלאָזן דאָס געפיל פון א מאָן, וועלכער קען מיט צופרידנקייט זאָגן צו זיך אליין:

— דאָס איז טאַקע געווען דאָס לעצטע מאָל — אָבער ס'איז ווערט געווען...

דער אוראַלטער זעלבסט־געפיל פון א דעראָבערער האָט אויפ־געטויכט פון זיינע טיפענישן. דער דאָזיקער אור־אינסטינקט האָט ליפּען איינגאַנצן באַהערש, אזש ער האָט זיך גאָר קיין חשבון נישט געקענט אָפּגעבן דערפון.

שעווע איז געשטאַנען א גלייכגילטיקע און זיך געלאָזן צערטלען. ליפּע האָט איר ארומגענומען און נישט ווימנדיק אליין וואָס ער

טוט — זי אויפגעהויבן און צוגעטראָגן צום בעט. שעווע האָט זיך פּלוצלינג א ריס געטאָן, ווי אינעווייניק וואָלט איר א פרעמדע קראַפט א שטויס געטאָן, און עפּעס האָט אויפגעבליצט אין איר באַוווסטזיין. זי האָט א כאַפּ געטאָן דעם פּאַסיק וואָס איז געלעגן דערנעבן, דאָס פּעלצל און איז ארויסגעלאָפן אין דרויסן. ליפּע איז איר נאָכגעלאָפן ביזן טויער, און געפּרוּווט עפּעס זאָגן, באַרואיקן. נאָר ווי א היימישע חיה וואָס האָט פּלוצלונג דערפילט אין זיך דעם רוף פון דער ווילדערניש — האָט זי זיך געטראָגן איבערן פוסטן געסל, און זיך אפילו נישט ארומגעקוקט.

— יינגל — האָט ליפּע געזאָגט צושליסנדיק די טיר — האָסט איבערגעצויגן די סטרונע. מער וועסטו איר שוין נישט אָנקוקן...

דאָס האָט אים נישט פאַרדראָסן. זייער פריינדשאַפט וואָס האָט צייטנווייז געצוימט זיינע האַנדלונגען איז מער נישט געשטאַנען אין וועג. ער איז געווען פריי.

ליפּע האָט זיך געלייגט אין בעט, און גענומען לייענען א בוך. די געדאַנקען אין בוך האָבן זיך אויסגעמישט מיט זיינע אייגענע, און ער האָט נישט געוווּסט — וואָס אין בוך טוט זיך.

געאַרט האָט אים, וואָס די לאַנגיאָריקע פריינדשאַפט, האָט זיך אזוי נאַריש געענדיקט. נישט נאָר שעווען — ערשט איצט האָט ער אויך זיך אָפּגעשאַצט, און ס'איז אים אויסגעקומען, אז נאָכאַלע־מען — איז ער פּאַרט א יינגל, און זיין באַנעמונג איז ווי זאָגט מען עס... און ווייל עס האָט אים אויסגעפעלט א וואָרט צו דעפי־נירן זיין האַנדלונג, האָט ער דערווייל פאַרנאָטירט אין געדאַנק: א נאַריש, אומדערפאַרן יינגל — ביז ער וועט געפינען א מער קאָנקרעטע באַצייכענונג פאַר דער דאָזיקער האַנדלונג זיינער...

— ג —

שימעלע האָט איבערגעדרייט די סקי מיט די שפּיצן צום וואַנט, און זיי גענומען אָנשמירן מיטן חלב פון א ליכט. אייגנטלעך האָט מען צו דעם גענוצט א ספּעציעלן וואַקס, וואָס שאַפט א דינעם, איזאָלירנדיקן שיכט צווישן האָלץ און שניי. דער שניי קלעפּט זיך דאַן נישט צום האָלץ, אפילו ווען ער איז פייכטלעך.

נאָר קיין וואַקס איז נישט געווען, און ליפּע האָט געהאַלטן אז חלב איז פּונקט אזוי גוט ווי וואַקס:

— כ'האָב תמיד גענוצט חלב...

די חברים האָבן זיך געגרייט דעם נאָכמיטאָג, ווען ביידע זענען פריי אויסצונוצן אויף א שפּאַציר איבערן גלאַטן שניי, וואָס וועט שוין א ליאַדן טאָג צעפּרעסן ווערן פון ערב פרילינג רעגנס.

זיי האָבן פאַרצויגן די רימענס אין די שנאַלן און מיטן וועג, איינער נאָכן צווייטן זיך אוועקגעלאָזט גליטשן. דאָס מאָל האָבן זיי זיך נישט פאַרנומען צו די ליים־בערגלעך ארום שטעטל כדי צו זוכן די שפּאַנונג פון פאָרן באַרג אַראָפּ און באַלאַנסירן מיטן קערפּער, איבער די שאַרפע אַראָפּלויפן. זיי האָבן זיך אוועקגעלאָזט מיט די פאַרשנייטע פליינען וואָס האָבן זיך געצויגן לענגאויס דער אָזיערע, אין דער ריכטונג פון אַלטן פּאַרק. זיי האָבן שוין לאַנג צווישן זיך נישט געשמועסט וועגן ענינים וואָס ליגן זיי אויפן האַרצן; און ס'האָט אויסגעזען, אז אָט דאָ, אויף די ווייסע פעלדער, ווו נאָר זיי ביידע גליטשן זיך איינער נעבן צווייטן — וועט די נאָנטקייט ווידער זיין צווישן זיי, און דאָס וועט אויפשליסן די קוואַלן פון רייד, וואָרעם לידער האָבן זיי שוין כמעט נישט געשריבן, זינט די סאָוויעטן זענען אריין.

— איז האָסטו איבערגעריסן מיט שעווען — שימעלע געזאָגט, ווי ער וואָלט פאַרגעזעצט אן איבערגעריסענעם שמועס, כאָטש ליפּע האָט וועגן דעם גאָרנישט געזאָגט.

— טשעקאַווע — האָט ליפּע א זאָג געטאָן צו זיך — וויפל ווייס ער פון דער געשיכטע? און צו שימעלען האָט ער געזאָגט:

— יאָ, איבערגעריסן...

— דאָס איז טאַקע פאַרגעקומען דעם אָוונט ווען מירן אייך באַגעגנט גייענדיק פון קינאָ, שטימט? האָט שימעלע געוואָלט ליפּע זאָל עס באַשטעטיקן.

— עפּעס רעדט דער יאַט, ווי ער וואָלט געשטאַנען צוקאָפּנס — איז ליפּען איינגעפאַלן, נאָר געענטפערט האָט ער:

— ס'קען זיין...

— הער ליפּע — מיר זענען חברים נישט פון היינטאָן, און ס'האָט מיר וויי געטאָן, אז כ'האָב די געשיכטע געהערט ביי חיימען אין צימער.

וועלכע געשיכטע? איז ליפּען א ציטער דורכגעגאַנגען, ווי ביי איינעם וועלכן מען האָט געכאַפּט ביים האַנט.

— רײם מיר נישט איבער — האָט שימעלע א שטויס געטאָן דעם שנײי מיט די שטעקנס און זיך אויסגעגלייכט מיט ליפּען.

— עס איז געווען אייערנעכטן ביינאַכט. מיר האָבן געשפּילט א „דערדל”: איך טראַליק, חיים און זיין שוואָגער. ארום אזייגער צען באַוויזט זיך פּרץ. מיר האָבן קיין אכט נישט געלייגט אויף אים. נאָר ווען ער האָט א זאָג געטאָן:

— וואַרפט אוועק די קאָרטן. ס'איז דאָ וויכטיקע נייעס — האָב איך באַמערקט, אז ער פלאַמט אין גאַנצן.

— דאָס וואָס איך גיי אייך דערציילן איז א סוד. ס'דאַרף בלייבן צווישן די ווענט. קיינער זאָל זיך נישט דערוועגן אויסריידן פאר ליפּען. זאָגט איר עס מיר צו?

— איך האָב נאָר וואָס אָפּגעפירט שעווען אהיים — האָט פּרץ פאַרויכערט און מיר מיט אים, וואַרטנדיק, וואָס ער גייט דאָ אַנטפּלעקן:

— און זי האָט מיר דערציילט, אז זי האָט איבערגעריסן מיט ליפּען, ווייל ער האָט איר אין יענער נאַכט, ווען מיר האָבן זיי געזען גייענדיק פון קינאָ — געוואָלט נעמען אויף ס'כוח. פּראָסט און פּשוט. ער האָט זיך אויף איר געוואָרפן, האָט זי דערציילט: זי איז שוין געלעגן אויפן בעט, נאָר אין דער לעצטער מינוט האָט זי זיך ארויסגעריסן, נישט געוואָלט מאַכן קיין סקאַנדאַלן, די עלטערן זאָלן נישט דערהערן און איז אַנטלאָפן. מער — זאָגט זי — וויל זי דעם פאַרשיוועץ נישט אָנקוקן...

מיר זענען אלע געבליבן שטיל און קיינער האָט זיך נישט דערוועגט אפילו א וויץ צו מאַכן, כדי די שטימונג צו צעשטרייטן. וואָס אַנדערע האָבן געפילט, ווייס איך נישט, נאָר איך האָב זיי געזאָגט:

— עפּעס איז דאָ אין דער געשיכטע, נאָר דעם גאַנצן אמת האָט זי באַשטימט נישט דערציילט. מיר קענען ליפּען, און ער איז אויף דעם איבערהויפּט נישט פּעאיק.

— פון וואַנען ווייסטו עס? — האָט פּרץ נישט נאָכגעגעבן.

איך האָב נישט קיין גרונט שעוועז נישט צו גלויבן, אפשר האָט זיך ליפע פאַרמאַסקירט די גאַנצע צייט...

— כדי דאָס צו גלויבן, דאַרף איך וויסן נאָך איין זאַך:

— צוליב וואָס האָט זי דיר דאָס דערציילט?

— ווייל זי האָט נישט געוואָלט מיטגיין אהער — האָט פּרץ אין פאַרלעגנהייט געזאָגט.

מער האָבן מיר דערפון נישט גערעדט. מירן באַשלאָסן זיך נישט וויסנדיק מאַכן, כדי דו זאָלסט גאַרנישט באַמערקן. און איך זאָג דיר דעם אמת: איך גלויב נישט שעוועז. איך גלויב נישט פּרצעס פאַרענטפערונג. זי ווייל פאַר אים שפּילן די צנועה — און וואָס איך גלויב ערשט נישט...

ליפע האָט זיך דערפילט אין קלעם. עס איז אים טרוקן געוואָרן אין האַלדז. אינעווייניק האָט עס אַ פּלעמל געטאָן און ליפע האָט געפילט, אז דאָס מאָל וועט ער ריידן.

— אויב זי האָט נישט געשוויגן — האָט ער צו זיך געזאָגט — בין איך פריי פון מיין פליכט, נישט צו רעדן, אפילו ווען צווישן אונדז איז אויס.

— קום — האָט ער שימעלען אַ רוף געטאָן, און זיך איילִיק געלאָזן מיטן וועג, וואָס האָט זיך געשלענגלט צווישן די ביימער אין אַלטן פּאַרק.

זיי זענען צוגעקומען צו אַ בערגל, ביי וועלכן עס איז געוואָקסן אַן אַלטער געשפּאָלטענער בוים. צופוסנס איז דער טייך געלעגן איינגעפרוירן, און באַדעקט מיט שניי.

— דאָ, אויף דעם בערגל איז עס געשען ס'ערשטע מאָל מיט אַ יאָר דריי צוריק—האָט ליפע אָנגעוויזן אויפן בערגל, ווי ס'וואָלטן נאָך דאָרטן געווען שפּורן פון דעם, וואָס איז געשען. פון דאַן ביז היינט — ווער קען עס געדענקען און נאָכציילן? יענער אָוונט איז נישט מער ווי דער עפּילאָג פון אַ דראַמע, וועלכער מיר נעמען אָן פאַר געענדיקט. נאָר כל־זמן די העלדן לעבן נאָך — ווער ווייס וויפל אַקטן עס קענען זיך נאָך אָפּשפּילן?

ליפע האָט אַ לעצטן קוק געגעבן אויפן בערגל באַדעקט מיט שניי, ווי אונטערן שניי וואָלט געלעגן פאַרבאַהאַלטן זיין סוד וועלכן ער האָט באַטראַכט פאַר אַ הייליקייט — זיין פּערזענלעכע הייליקייט

— נאָר אצינד האָט זי עס אויפגעגראָבן און אויסגעשטעלט צום עפנטלעכן אָנקוקן — ווי דאָס וואָלט געווען דאָס בעט פון א צע־לאָזענער פריצטע, וואָס קוקנדיק אויפן בעט מאַכט יעדערער זיין אייגענעם חשבון, ווערליק זיין אייגענער בריה׳שאַפט...

ליפע האָט זיך אויסגעדרייט, און זיך לאנגזאַם געלאָזן מיטן וועגן צוריק. ער האָט מער נישט געוואָלט רעדן דערפון, ווייל וואָס ער וואָלט נאָר נישט געזאָגט — וואָלט עס אפשר אין שימעלעס אויערן געקלונגען ווי פוסטע באַרימערייַ פון אָן אָפּגעשמיסן ייִנגל.

שימעלע, וואָס איז מיט עטלעכע מינוטן פריער געוואָרן דער שותף צו זיין חברס סוד, האָט דערפילט א באַדערפעניש עפּעס צוצוטראָגן צו דער דאָזיקער שותפות. ער האָט אויך געזען א פּאַסיקע געלעגנהייט צו פאַרטרויען זיך פאַר ליפען.

— זאָל ליפע נישט מיינען, אַז בלויז ער האָט שוין דערפאַ־רונגען...

— עס איז געווען פאַראַיאָרן ווינטער — האָט שימעלע גע־זאָגט, ווי ער וואָלט אויפן קול געשמועסט מיט זיך אליין. גיטל איז געלעגן אין בעט, אין שטיבל, וווּ זי איז געשלאָפן מיט איר שוועס־טער. זי פלעגט שטענדיק ווינטער־צייט זיך צוקילן, און איר באָבע האָט געקאָלטן פאַר א סגולה צו אַלע קרענק — ליגן אין בעט. וואָרעם זי געדענקט נאָך, אַז גיטלס טאַטע איז יונגערהייט געשטאָרבן פון „טשעכאָטקע״. אין שטיבל איז געווען וואַרעם און קיינער. אויסער אונדז איז דאָרטן נישט געווען. איך בין געזעסן אויפן בעט און געהאַלטן איר האַנט. ס׳איז פאַר דיר קיין סוד נישט, אַז איך האָב זי ליב — אפילו אצינד. כאָטש זי האָט קיינמאָל נישט געקוקט צופיל אין מיין זייט... שימעלע איז שטיל געבליבן, און ס׳האָט זיך בלויז געהערט דאָס גליטשן פון די נאַרטן איבערן שניי. זיי האָבן איבערגעשניטן דעם וועג.

— נאָר יענעם אָוונט איז זי געווען באַזונדערס צוגעלאָזן, און איך האָב צו איר גערעדט פון מיינע געפילן. איר פּנים האָט זיך געראויטלט און ס׳האָט אויסגעזען, אַז דאָס וואָס איך זאָג איר — פאַרשאַפט איר הנאה

אין מיר האָט אַלעס גענומען אויפגיין און א באַדערפעניש זי ארומצונעמען, צערטלען איז מיר באַפאַלן. עס איז מיר שווער אצינד צו פאַרשטיין, וואָס מיט מיר האָט דאַן פּאַסירט. כ׳האָב

זי ארומגענומען און געקושט. אירע ליפּן האָבן געבריט און זי האָט מיר צוגעדריקט צו זיך. די קאָלדרע, די לעצטע מחיצה צווישן אונדזערע קערפּערס איז פון זיך אליין עפּעס נישט געוואָרן — דאָן איז עס געשען. דאָס איז געווען ס'ערשטע און ס'לעצטע מאָל ווען זי האָט זיך פארגעסן. די דאָזיקע וווּנדערלעכע מינוטן זענען פאר מיר אוים ווי א ווייטער חלום, וועלכן כ'האָב אפילו נישט געוואָלט פארוועבן אין א ליד, כדי עס נישט אָנקליידן אין א קאָנקרעטער פאָרם . . .

ליפּע האָט געשוויגן. ער איז מקנא געווען זיין חבר וואָס קען א באַגעגעניש מיט א מיידל איבערטראַנספּערירן אין א דערינערונג פון אזא ווערט, אַזש ער האָט מורא צו איבערדיכטן עס אין א ליד. ער וויל עס איבערלאָזן אין דער סטאַדיע פון חלום, וועלכן מען קען תמיד פארוועבן, און איבערוועבן — כדי נאָכאמאָל צו טרוימען.

דאָס מוז זיין דער געפיל פון נאָרוואָס אַנטפּלעקטער ליבע — האָט ליפּע געטראַכט — נאָך וועלכער מענטשן בענקען, און דיכטער באַמיען זיך צו געפינען די ווערטער עס צו איבערגעבן אין ליד. די דאָזיקע געפילן מוזן טיף אדורכדרינגען דעם באַוווּסטזיין, ווען פיזישע פארבינדונג דערפירט צו גייסטיקער דערהויבונג.

— עס וועט בלייבן צווישן אונדז — האָט ליפּע פארזיכערט — אין קלוב וועט עס סיי ווי קיינער נישט פארשטיין . . .

אינסטינקטיוו האָבן זיך זייערע הענט אויסגעצויגן און גע־דריקט, ווי זיי וואָלטן דאָס נאָר וואָס געזאָגטע וועלן פארזיגלען צווישן זיך און דעם ווייסן, אומבארירטן שניי.

קאַפּיטל ניין

ווי אויף אן אייז־קריע

עס איז געווען ווינטער ניינצן הונדערט פערציק.

די שטאָט איז פול געוואָרן מיט מלחמה־פּליטים, וועלכע האָבן נישט געהאַט מער קיין וועג צוריק, צו זייערע היימען, פאַמיליעס. די סאָוויעטישע מאַכט האָט זיי געפּאַרשט, נאָכגעקוקט. געוואָלט וויסן וואָס זיי טוען; פון וואַנען זיי לעבן. נייע פּנימער האָבן פאַרפולט די פאַרשלאָפענע גאַסן. פּנימער איבערגעשראָקענע — פון פּליטים. פּנימער האָפערדיקע, אין פוטערנע פּאַפּאַכעס — די נייע הערשער. מען האָט געשלאָסן נייע קאָנטשאַפטן. אַלטע זענען זיך צעפאַלן.

ליפע שאַפּיראָ האָט דאַן פאַרלאָרן זיין מיידל — שעווען.

✶

אין יענעם ווינטער האָט זיך ליפע שאַפּיראָ געפילט ווי אַ מענטש אויף אַן אייז־קריע. די קריע שווימט אין וואַסער־געווירבל און דער מענטש אויף דער קריע לעבט; נאָר ער ווייס נישט צי וועט זיך די קריע ערגעץ־ווו דערשלאָגן, אָדער — אין מיטן פון אַ פרילינג־נאַכט וועט זי דורכפּלאַצן...

דאָס איז אייגנטלעך געווען אַ צושטאַנד וואָס האָט זיך אויסערלעך גאָרנישט אָנגעזען. אינדערפרי איז ער אויפגעשטאַנען ווי תמיד — אין דער לעצטער מינוט, ווען דאָס פרישטיק איז שוין געשטאַנען אויפן טיש. זיין אַרבעט אין וואַרשטאַט, ווו ער איז געווען פאַרטאָן אין אַלטע פּרימוסן, פאַרזשאַווערטע שלעסער און צאָן־רעדער, שרויפן — האָט ער געטאָן מיט אַ געוויסער מעכאַנישקייט, נישט אַריינצוטראַכטן. צום מיטאָג האָט אים נישט פאַרלאָזט

דער אַפּעטיט. אַפילו אין אָוונט איז ער נאָכן עסן באַלד אַוועק פון שטוב — און דאָך האָט אים עפּעס געפעלט.

— דאָס איז די פּאַסקודנע געוווינטשאַפט — האָט ער זיך אַליין געמוסרט — פון זיין תמיד מיט אַ מיידל ביים זייט. ער האָט מיט אַ כיוון געזאָגט: פּאַסקודנע געוווינטשאַפט, ווי ער וואָלט דער דאָזיקער געוווינטשאַפט וועלן פאַרמיאוסן אין זיינע אויגן; אָבער טיף אין אים האָט עס געבענקט, און דער דאָזיקער בענקענדיקער אומרו האָט אים געיאָגט פון שטוב — צו די חברים; צו שפּילן אַ קערטל און אַז אַ געלעגנהייט האָט זיך געמאַכט — אויך צו אַ שנאַפּס.

אַמווייניקסטן האָט ער געטראַכט פון לילקען, אָט יענער פּליטים־מיידל וואָס איז דאָ אָפּגעווען אַ צייט און מיטאַמאָל אָפּגעפונען אירע קרובים אין אַ וווייטער שטאָט. אויף אירע בריוו האָט ער גע־ענטפערט אַ פּאָר ווערטער, און דאָס רעשט האָט שוין זיין חבר שימעלע צוגעשריבן. ווייל שימעלע האָט נאָך די האָפענונג נישט אויפגעגעבן אַז זי וועט צוריקקומען, און דערפאַר האָט ער געמונ־טערט ליפען:

— וואַרף אַריין אַ וואָרט וועגן דעם, אַז אָנצוהערעניש...

נאָר פּאָר ליפען איז זי געבליבן אַן עפּיזאָד. עס איז געווען ווי אַ פילם פון וועלכן מען האָט פאַרגעניגן, ווען מען קוקט זיך צו אים צו אין פינצטערן זאַל. עפּעס אַ זאַך פון אַן אַנדער וועלט. אַ טרוימעריי אַזאַ. נאָר, נאָך דעם ערשטן טראָט אין דער טאָג־טעגלעכקייט אַריין, פאַרווישט זיך דער אָנגענעמער איינדרוק. און אַז מען וויל דאָס געפיל אויפוועקן, דערמאָנען — קומט עס אָן שווערלעך.

זיין געפיל צו שעווען איז שווער צו דערקלערן. און אויב יאָ — וואָלטן עס מער נישט געווען ווי ווערטער. קאַלטע, טרוקענע (און אפשר באַנאַלע?) ווערטער. עס איז געווען אַ בענקשאַפט נאָך דעם, ווי ווען מען פאַרלירט עפּעס און עס בלייבט אַ פּוסטקייט. אוודאי האָט ער געבענקט נאָך אירע צערטלעכקייטן. נאָר גיכער איז עס געווען די צוגעוווינטקייט, וועלכע האָט זיך נאָך אַ פּאָר יאָריקער פריינדשאַפט נישט געלאָזן מיטאַמאָל אויסמעקן. די שטאָט איז נישט געווען גרויס; די ווינטער־דיק־פאַרשנייטע גאַסן — ענגלעך. ליפע האָט באַמערקט דאָס ווייסע פעלצל; דעם רויטן, וואָלענעם שאַליק, וואָס האָט זיך געטראָגן איבערן גאַס. און אַז ער האָט איר

אַנגעטראָפן, איז זי אים פאַרביי ווי אַ פרעמדע. דעמאָלט האָט עס אינעווייניק אַ צופּ געטאָן... ערגעץ־ווּ אין האַלדז האָט אַ קלעם געטאָן ביים בחור...

נאָר מיט דער צייט האָבן די צופעליקע באַגעגענישן מיט שעווען אויפן גאַס — אים געלאָזן קאַלט, אַפילו גלייכגילטיק.

דעמאָלט האָט ער זיך דערמאָנט, אַז זיין שול־חברטע קריינע איז צוריקגעקומען מיטן פּליטים־שטראָם אַהיים. שוין פריער זענען צו אים דערגאַנגען גרוסן, אַז אין איינער אַ שטאָט, אויף דער סאָ־וויעטישער זייט פון ווייסרוסלאַנד, אַרבעט קריינע אין איינעם פון די נאָר־וואָס געעפנטע רעסטאָראַנען. די דאָזיקע קלאַנגען זענען פאַרביי זיין אויער און אַוועק מיטן ווינט.

— קריינע — אַ פאַרגעסענע קינדער־פריינדשאַפט — האָט ליפּע געשמייכלט אין זכרון. און מאָדנע ווי די דאָזיקע פריינדשאַפט האָט זיך געענדיקט:

ווי פון זיך אַליין האָט ליפּע אויפגעהערט אַריינצוקומען אין דעם קליינעם שטיבל, ווּ קריינע האָט געוווינט און ווּ עס האָבן זיך געטראָפן אַ גרופּע שילער. נאָכער האָט די גרופּע געשטעלט שעווען אַ באַדינג:

— איבערייסן מיט ליפּען... מיטאַמאָל איז ליפּע געוואָרן אַ דרויסנדיקער, אַ פרעמדער...

דאָס איז אייגנטלעך געווען זייטשיקס לעצטער פּרוּוו, צוריק־געווינען שעווען. אין יענעם ווינטער פון נײַנצנפערציק האָט עס ליפּע ערשט פאַרשטאַנען. די דאָזיקע פּאַסירונגען האָבן ערשט מיט אַ יאָר צוויי צוריק פאַרנומען זיינע געדאַנקען, זיינע חושים. ער האָט וועגן עפּעס אַנדערש נישט געקענט טראַכטן, ריידן. די צייט האָט עפּעס מאָדנע געטאָן אַ וויש אָפּ דעם שטויב פון די געדאַנקען, אָבער פאַרווישט די זאַך גופא. איז ליפּען שווער אָנצוכאַפּן דעם מיטלפּונקט, אַרום וואָס דער קאָנפליקט האָט זיך געדרייט.

שעווע האָט איבערגעריסן מיט דער גרופּע. זי האָט אויסגע־קליבן ליפּען. יענעם זומער איז געווען די בלי־צייט פון זייער פריינד־שאַפט. זיי האָבן פאַרמאָגט עפּעס בשותפותדיק: דעם קאָנפליקט. געליטן האָט זי צוליב דעם, ווייל זייטיקע האָבן זיך אַריינגעמישט אין איר לעבן, און גענומען אונטערלייגן קנייטלעך דער מאַמען. האָט עס די צוגעבונדנקייט נאָך מער פאַרפעסטיקט. צוזאַמען איז לייכטער געווען בייצוקומען דעם דרוק.

אין דעם קאָנפליקט — זעט אַצינד ערשט ליפּע — האָט זיך די נאָענטקייט פאַרבונדן — אָט ווי מען פאַרבינדט צוויי עקן פון אַ פאָדעם מיט אַ קנופּ. אין זייער אייגענער וועלט איז זיי גוט געווען צוזאַמען — און וואָס אין דעם אַרום טוט זיך — איז צו זיי נישט דערגאַנגען. פאַרטאָן אין זיך, האָט זיך אַלץ אויסגעמישט צוזאַמען — געדאַנקען, און ליפּן, און הענט...

אַ צייט שפּעטער איז קריינע אַוועק מיט איר משפּחה אין אַ גאָר ווייטער, פּוילישער שטאָט.

געשמועסט האָט מען, אַז זייטשיק וועט איר באַשטימט נאָכפאָרן. און נישט נאָר געשמועסט. אַלע סימנים האָבן באַוויזן דערויף. זייטשיק פלעגט אין מיטן פון זומערדיקע נעכט אַרויסקריכן דורכן נידעריקן פענצטער פון קריינעס שטיבל. אַוודאי איז עס געווען לייכטער ווי צו גיין דורך דער טיר, וואָס איז געווען פאַרלייגט מיט גראָבע העלצער פון אינעווייניק.

אַזעלכע סימנים באַווייזן, אַז צווישן זיי האָט געבליעט אַ ליבע.

— ווערדליק זיין עלטער — אַזוי האָט מען געפּסקנט — האָט שוין זייטשיק געוווּסט וואָס צו ווערן פון אַ מיידל...

— און קריינע?

ליפּען איז דאָס שווער געווען צו וויסן...

קריינע האָט נישט געקענט בלייבן אין דער שטאָט וואָס זי האָט אויסגעקליבן, ווארעם דאָס סאָוויעטישע געזעץ האָט פאַרבאָטן אַ פּליט צו בלייבן אין אַ קרייז־שטאָט, וואָס איז נאָענט פון אַ גרענעץ.

איז זי צוריקגעקומען אין שטעטל. אהיים...

אַז די איבערגעריסענע פריינדשאַפט מיט זייטשיקן האָט זיך נישט באַנייט, איז ליפּען איינגעפאַלן אַז ס'זענען גאָר אַנדערע צייטן, און מען דאַרף איר אויפזוכן.

עס איז געווען פאַרנאַכט. דער שניי האָט גענומען בלוי ווערן און פון די באַלויכטענע פענצטער זענען אויפן שניי געפאַלן ליכטיקע קוואַדראַטן. די גאַסן־לאַמטערן האָט ווער פאַרגעסן אָנצוצינדן, וואָס דאָס איז נישט געווען קיין נייעס אין יענעם ווינטער, און די טונקלקייט האָט אויסגעפילט די גאַס.

מיטאַמאָל איז אים קריינע אַנטקעגן געקומען.

— אַצינד איז די געלעגנהייט — האָט עס ליפּען אונטערגעזאָגט — כאָטש ער האָט נישט געוווּסט פון וואָס אָנצוהייבן ריידן

צו איר, נאָך די אַלע פאַרגאַנגענע יאָרן. איר גאַנג; איר שטעל איז געווען דער זעלבער. דאָס פּנים האָט ער נישט געזען.

— אַ גוטן אָוונט — האָט ליפּע מיט אַ געמאַכטער הייטערקייט זי באַגריסט — זיך פאַרבענקט אַהיים? האַ?

כאָטש געוווּסט האָט ער שוין, אַז זי וואָלט געוואָלט זיין וואָס ווייטער פון דאַנען...

אויף דער באַגעגעניש האָט זיך קריינע נישט געריכט. זי איז שטיין געבליבן, אים אָנגעקוקט, ווי זי וואָלט וועלן זיכער זיין אַז ס'איז טאַקע ער — ליפּע.

— אָט ווי דו זעסט — דאָ בין איך. דעם אמת געזאָגט, זיך נישט געריכט אויף דיר...

זיי זענען אַוועק לענגאויס דער גאַס ווי אַלטע באַקאַנטע. זיי האָבן איבערהיפּט דעם צייט־אָפּשניט וואָס האָט געפעלט. זיי האָבן אָנגעהויבן ערגעץ אין מיטן:

— זעסטו זייטשיקן? — האָט ליפּע גלייך געוואָלט ווייסן.

— איך ווייס נישט פאַרוואָס דו האָסט דאַן איבערגעריסן אונדזער פריינדשאַפט — האָט קריינע אַ זאָג געטאָן. עס האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט די פראַגע גרייט געהאַט שוין יאָרן, און נאָר געוואַרט אויף דער מעגלעכקייט איר צו פרעגן.

זי האָט זיך צוריקגעקערט צו די בריוו... זי האָט דווקא געוואָלט ווייסן: פאַרוואָס? פאַרוואָס האָט ער מער נישט געשריבן? נאָר ביז זי האָט עס געקאָנט אַרומרעדן מיט ליפּען אין יענעם זו־מער, ווען ער איז אויף פעריען אַהיימגעקומען פון דער שול, איז אונטערגעקומען זייטשיק. ער איז שוין נישט געווען קיין יינגל מער. זיין אָנגרייפערישע מענערישקייט האָט איר אימפּאָנירט...

ליפּע האָט אַרויסגעפילט אַז עס איז איר שווער צו ריידן דער־פון, נאָר זי האָט זיך געוואָלט אַראָפּריידן פון האַרצן:

— נאָר די זאַך איז אַוועק צו ווייט... כ'האָב דאַן דערזען אַז כ'וועל פון זיינע הענט שוין נישט אַרויס. זיין איבערגעגעבנקייט איז געוואָרן צודרינגלעך. זיין פאַרבלייבן ביי אונדז ביז שפּעט אין דער נאַכט איז מיר געוואָרן איבעריק. ער האָט געהאַט אַ מיין דערביי, כ'מיין מיטן פאַרבלייבן האַלבע נעכט. צוליב דעם טאַקע זענען מיר אַוועק פון שטאָט. פאַר מיר עקזיסטירט ער נישט מער. אַפילו ווען איך טרעף אים אָן, איז עס, ווי מען טרעפט אָן אַ פרעמדן...

צופעליק האָט זיי שעווען באַגעגנט. זי האָט זיך אָפּגעשטעלט און זיי נאָכגעקוקט, ווי זי וואָלט אירע אויגן נישט געגלויבט.

— הויבט ער ווידער אָן פון אָנהויב ? — האָט זי אַ טראַכט געטאָן, ווייל ליפּע האָט נאָך אַלץ פאַרנומען אַן אָרט אין אירע געדאַנקען. כאָטש זי האָט אים געפּרוּווט מיט גוואַלד אַרויסשטויסן פון דאָרט — איז ער געבליבן. זי האָט אים אַפילו געפּרוּווט באַזייטיקן מיט אַ שפּיצל, מיט מאַכן אים ענג; אַרויפציען אויף אים נייע באַקאַנטע, פּאַסירונגען און געדאַנקען, כדי ער זאָל פאַרווישט ווערן. נאָר ער איז פאַרעקשנט געבליבן אַרומגעצוימט אין זיין ווינקל, און קיינער האָט דעם שטח נישט געקאָנט אַריבערטרעטן. זי האָט דעריבער געפילט אַ באַדערפעניש אַריינצוגיין פון צייט צו צייט אין ליפּע שאַפּיראָס הויז, כאָטש אויף אַ ווייל. אַ שמועס טאָן מיט זיינע עלטערן, מיט ליפּען — אָט סתם אַזוי. דאָס האָט זי געטאָן כדי צו צאָלן צינז דעם ווינקל אין אירע געדאַנקען וווּ ליפּע האָט זיך פאַרשפּאַרט. און אַפילו אין מאָמענטן פון פאַרגעסונג, ווען זי איז געווען מיט אַ צווייטן, האָט עס אין דאָזיקן ווינקל געהאַמערט:

— איך בין דאָ... דאָ... דאָ...

— איז זיי דיר. כ'בין דיר גאָרנישט שולדיק געבליבן — האָט זי אים צוריקגעוואָרפן — כ'האָב דיר קיינמאָל נישט צוגעזאָגט אויף אייביק... ביזט אַ פאַרשיווועץ געווען און אַזאַ געבליבן... האָסט מיר קיינמאָל נישט ליב געהאַט... נאָר אַלע מאָל צוליב עפּעס... טראָג זיך אָפּ פון מיינע אויגן... לאָז מיר לעבן מיין אייגן לעבן. .

ליפּע האָט געדולדיק געשוויגן, און אַז זי האָט אויפגעהערט צו פאַרהאַמערן די טיר פון זיין ווינקל אין אירע געדאַנקען, האָט עס פון דאָרטן מיט אַ געלעכטערל אָפּגעקלונגען:

— איך בין סיי ווי דאָ... דאָ... דאָ... און זע אַלץ... אַלץ...
און זי האָט זיך נישט געקאָנט העלפן.

נאָכקוקנדיק ליפּען, ווי ער גייט זיך אַזוי מיט קריינען דורך דער הויפּט־גאַס, ווי זיי וואָלטן אַזוי יאָרן געגאַנגען צוזאַמען און קיינמאָל נישט אויפגעהערט, כאָטש אַלע ווייסן אַז נישט זי, נאָר שעווע איז זיין מיידל — האָט זי איבערגעחזרט נאָכאַמאָל, ווי זי וואָלט זיך אָט ערשט געכאַפּט:

— צוליב וואָס טוט ער עס? הויבט ער אָן פון אָנהויב ?

קריינע האָט איר דערקענט. צוזאַמען מיט אָט דער דערקענונג איז איר צוריק געקומען דאָס געפיל, ווי אין דעם טאָג ווען זי האָט ביי זיך אָפּגעמאַכט:

— דאָס האָט זי, שעווע, אונטערגעפירט אַז ליפּע זאָל אויפהערן ענטפערן אויף מיינע בריוו. כ'על מיט איר מער נישט ריידן... דער דאַזיקער געפיל פון האַס איז צו קריינען צוריקגעקומען מיט מער קראַפט, ווייל הינטער אים איז געלעגן דאָס ביטערע קערנדל פון אַנטוישונג.

— געמיינט האָב איך איר אָפּצוטאָן, און אַריינגעלאָזט זיך מיט זייטשיקן, האָב איך זיך אַליין אָפּגעטאָן...

זי האָט שעווען נאָכגעקוקט מיט טראַציקייט, ווייל זי האָט נאָך נישט געזאָגט אַז צווישן שעווען און ליפּען איז עס אויס...

— און וואָס איז מיט שעווען? — האָט קריינע נאָך אַ ווײַלע שטיל־שווייגן געפרעגט.

— ס'איז אַ לאַנגע מעשה. מירן זיך צו דעם אפשר נאָך אומקערן. וואָס כ'וויל דיר אַצינד זאָגן איז: עס איז געווען אַ פּאַר בייגייענדיקע זאַך. אַ פריינדשאַפט אָן אַ רוקן־ביין... ערגעץ־ווו האָבן די רינגען אין דער קייט זיך נישט געוואָלט איינשליסן...

— נו, און? — קריינע האָט נישט פאַרשטאַנען .זי האָט געמאָנט פּרטים.

— און גאָרנישט — האָט ליפּע געענטפערט אין אַזאַ טאָן, פון וועלכן מען האָט באַשיינפּערלעך דערפילט אַז ער וויל דערפון נישט ריידן...

✶

שעווע האָט זיך געאײַלט אַהיים. אייגנטלעך האָט זי געדאַרפט דאַרטן זיין שוין פריער. נאָר די אַרבעט האָט זי פאַרהאַלטן.

דיאַטלאָוו, דער פאָרזיצער פון סאָוועט האָט פאַראָרדנט אַז זי זאָל בלייבן אַ ביסל שפּעטער, כדי פאַרענדיקן עטלעכע דאָקומענטן, וועלכע ער מוז מיטנעמען צו דער פּאַרטיי־באַראַטונג.

— זאָל ער אַזוי לעבן, ווי ער דאַרף די פּאַפּירן — האָט שעווע ביי זיך געטראַכט. נאָר דיאַטלאָוון אָפּזאָגן, האָט זי נישט געוואַגט. ער האָט געשטיצט איר קאַנדידאַטור פאַר די קורסן פון העכערע באַאַמטע אין די שטאָט־סאָוויעטן. ער וועט פאַר איר גאַראַנטירן

— האָט ער איר צוגעזאָגט. איז זי געבליבן. די שטאָרן פון זיין קאַבינעט זענען פעסט פאַרוקט, און די טיר צוגעשלאָסן.

— מירן זיך אַ נעם טאָן צו דער אַרבעט — האָט ער איר געמונטערט, און זי אַ צי געטאָן צו דער ווייכער קאַנאַפּע, וואָס איז געשטאַנען אין קאַבינעט.

— דאָס זענען זייער געהיימע פּאַפּירן, און ס'איז אַ סוד צווישן אונדזביידן. גיסטו אַ פּיפּס — און סיביר איז אָפן פאַר דיר...

שעווע האָט קיין פּיפּס נישט געגעבן...

אַצינד האָט זי זיך געאײַלט אַהיים. אין איר בעט האָט זי אים איבערגעלאָזט שלאָפן אַרום מיטאָג־צייט. נעבן בעט האָבן זיך געוואַלגערט אַ פּאָר שטיוול, דורכגעשוויצטע פּאָרטיאַנקעס. דער ריח פון זיי האָט זיך געטראָגן איבער דער גאַנצער שטוב.

— דער „חתן" — האָט די מאַמע געוואָרטשעט — אַ שיינעם חתן זיך אויסגעקליבן. היינטיקע חתנים, רבונו־של־עולם. זי האָט געקרעכצט און אויסגעבראָכן די פינגער, יעדן איינעם באַזונדער. די פינגער האָבן אָפּגעענטפערט מיט אַ קנאַק, ווי מען וואָלט טרו־קענע שפּענדלעך איבערגעבראָכן.

שעווע האָט דער מאַמען גאָרנישט געענטפערט...

— וואָס גייט עס דיר אָן? אַ חתן ווידער!

שעוועס מאַמע האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ חתן. זי האָט געזען חתנים איידעלע, שעמעוודיקע. אַפילו אַ פּראָסטער קצב־יינג, אַז ער איז געקומען זיך זען מיט זיין כלה האָט פון אים געשמעקט מיט „דוכי" און טרוקענע יאַדער. און דאָ גאָר אַ גוי, אין מיליטערישע קליידער, צעשפּיליעט. זיין האָריקע ברוסט אָפן. ער ליגט אַ באָרוועסער, אַ שיכורער אין שעוועס בעט און כראָפּעט.

— זיי רואיק — האָט זי דער מאַמען פאַרזיכערט — ס'איז נישט מיין חתן. כאָטש שעווע האָט צו דער מאַמען זעלטן גערעדט, איז נויטיק געווען זי זאָל וויסן:

— ס'איז ריוווטשעס חתן. שעטשקע דעם באַלעגאָלעס איידים...

אין דער אַלטער'ס קאָפּ האָט זיך עס נישט פּאַטויפּעט:

— אויב ריוווטשעס חתן, טאָ וואָס ליגט דער פּיאַניצע ביי דיר אין בעט?

— מען דאַרף אַזוי...

— ס'טעם געבן אַ ביסל וואַסער אַז ער'ט בעטן — האָט שעווע אָנגעזאָגט דער מאַמען — איך מוז גיין צוריק, צו דער אַרבעט.

— קאסטאָרקע וועל איך געבן, נישט קיין וואסער —האָט זי א וואָרטשע געטאָן, כאָטש שעווע איז שוין דערביי נישט געוועזן.

דער לייטענאַנט פון מיליטערישן קאָמיסאַריאַט איז געווען איינער פון שעוועס פריינד. הגם ער האָט זיך געשדכנט צו דער קליינער, זיבעצן יעריקער ריוועטשען, פונדעסטוועגן איז ער פארבליבן מיט איר נאָנט. און שווערע האָט געזאַמלט אירע פריינד, ווי א ציגיינערין זאַמלט אירע קרעלן צונויף, אויף א שנור. זינט דער באַלעגאָלע, ריוועטשעס טאַטע האָט זיך דערפון דערוווּסט, און באַפוילן:

— ניין, איך וויל עס נישט! איך דאַרף נישט קיין גויאישע איידימס!

האָט דער לייטענאַנט גענומען פאַרגיסן דעם וואָרעם, וואָס האָט געטאָטשעט זיין האַרץ. שעווע האָט אים בייטאָג באַגעגנט. ער האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס. זאָל ער אין דעם צושטאַנד קומען אין קאָמיסאַריאַט אריין — האָט שעווע איינגעזען — וועט זי האָבן מיט א באַקאַנטן ווייניקער.

— קום — האָט זי אים א נעם געטאָן אונטערן אָרעם. ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן איר, און דערפילט זיכערער.

— פיר פיס זענען פונדעסטוועגן מער ווי צוויי — האָט ער געפּרוּווט שפּאַסן. ער האָט זיך געלאָזט פירן ווי א קינד. דאָס בעט איז געווען ווייך און ער איז איינגעזונקען אין דער ווייכקייט. שעווע האָט מיט א פּעסטן צי אראָפּגעצויגן איין שטיוול נאָכן צווייטן, און דאַן ארויפגעלייגט די באָרוויסע פיס אויפן בעט.

זי האָט עס געטאָן מיט גענייטקייט און אזוי איינפאַך, ווי דער מענטש, וואָס שלאָפט אצינד אין בעט, וואָלט איר געווען א גאָר היימישער.

שעווע האָט זיך געאיילט אהיים. ארום דער צייט וועט דער לייטענאַנט געוויס זיין אויסגעשלאָפן, און אויפכאַפּנדיק זיך אין אָן אומבאַקאַנטער שטוב, וועט ער נישט וויסן וואָס עס האָט פּאַסירט.

דער פרעמדער איז אָבער געשלאָפן ווי א געהרגעטער. ער האָט זיך אצינד ערשט איבערגעדרייט מיטן פּנים ארויף, פאַריסן די נאָז און געכראָפּעט מיט אָן אָפן מויל.

— נישקשהדיק זיך אָנגעשניאָקעט — האָט די אַלטע געגעבן דעם ערשטן ברוך־הבא שעווען. — ער איז ערשט געקומען צום געשמאַק פון שלאָפן.

— א כוח פון א פויער אזוי צו כראָפּען, דער באַלקן קען נאָך איינפאַלן...

אין זיין צימערל איז בער קאַרשון ארומגעלאָפן פון איין ווינקל צום צווייטן. עס האָט אין אים געקאָכט, און ווייל ער האָט גאָר־נישט געקענט זאָגן — ער וועט דאָך נישט גיין איינרייסן מיט „סאָוויעצקע וולאסט״ — האָט עס אים נאָך מער געקרענקט, און דער אימפּעט האָט אים נישט געלאָזן איינרועו..

— דער שיכור, דער וועט אונדז לערנען בויען א ניי, גליקלעך לעבן... דאָס האָט ער געועדט צו זיך — דאָס איז די נייע וועלט פאר וועלכער מען דארף קעמפן. איי, ווי נעם איך אצינד ארעלע טייביצקעס און ווייז אים די נייע וועלט, מיט איר קולטור ווי זי ליגט א באָרוועסע אין בעט, און איר צוקאָפּנס — שטינקנדיקע פּאַרטיאַנקעס...

דאָס שנאָרכן פון שלאָפעדיקן האָט זיך ארייגעריסן צווישן זיינע געדאנקען און ס׳האָט זיך אים געדוכט, אז ער הערט דאָס כוואָסטיען פון א קאָזאקישער נאַהייקע, וואָס צעיאָגט אַן אומלעגאַלע דעמאָנסטראַציע. דאָס כוואָסטיען האָט אים אויף א רגע צוריק־געפירט צו זיינע קינדער־יאָרן, און מיט דער זעלבער שנעלקייט, צוריק צו דער ווירקלעכקייט.

— ג —

די קאַלטע פּראַקטיקע נאַכט, די רויכן וואָס ציען זיך פון הייזער און גיסן זיך צונויף אין נאַכטיקן הימל האָבן געמיינט צו זאָגן, אז דער ווינטער זיצט פעסט אין זאָטל און טראַכט גאָר נישט אויפצוגעבן זיין ממשלה.

פונדעסטוועגן האָט זיך שוין אין דער לופטן געפילט דער ציטער פון אָנקומענדיקן פרילינג. דער דאָזיקער ציטער האָט אָפּגעקלונגען אין הערצער און זיי האָבן געוווסט: ס׳איז דער רוף פון פרילינג.

— ס׳איז צייט — האָט ליפּע ביי זיך באַשלאָסן — צו נעמען קוקן ערנסט אויפן לעבן. ער איז שוין אלט געוואָרן פולע צוואַנציק יאָר. זיין ערנסטקייט האָט זיך אויסגעדריקט דערמיט, וואָס אויפן קומענדיקן זומער האָט ער גערעכנט פארבעטן זיין שול־חברטע אין שטעטל אריין — זאָל זי א קוק טאָן ווי ער איז אויפגעוואָקסן — האָט ער געטראַכט.

דער פּליטים־שטראָם האָט איר פאַרטראָגן אין ווייטן רוסלאַנד. אים איז געלונגען צו באַקומען א דערלויבעניש זי צו באַזוכן, אויף א טאָג פינף. דעמאָלט האָבן זיינע חברים געשמועסט צווישן זיך:

— ליפּע איז געפאָרן חתונה האָבן...

אויך צו שעווען זענען די קלאַנגען דערגאַנגען. נאָר זי האָט בײַ זיך אָפּגעמאַכט, אז דאָס איז אוממעגלעך, ווײַל: אויב חתונה האָבן — וועט זי פריער, און זאָל מען זען ווער־וועמען ס'האָט אוועקגעשטעלט. וואָרעם בײַ זיך איז זי נאָך נישט זיכער געווען אין דער צוקונפט, און די איינזאַמקייט האָט זי געשראָקן. אויף ליפּען האָט זי געקוקט ווי אויף אַן אָנשפּאַר — אויף יעדנפאַל. אין די געדאַנקען האָט זי ליפּען נישט געוואָלט אויפגעבן. אז ליפּע איז צוריקגעקומען פון באַזוך, איז שעווע גלייך אינדערפרי, נאָך איידער מען גייט צו דער אַרבעט, אריינגעפאַלן צו ליפּען.

— ביזט געווען נישט הי?

— פאַרייזט אביסל...

— און ווי האָסטו באַקומען א דורכפאָר־דערלויבעניש, א פּראָפּוסק?

— כ'האָב מיין אייגענעם וועג — האָט איר ליפּע סודותפול פאַרטרויט.

ליפּע האָט טאַקע געהאַט זיין וועג, נאָר ער איז געווען אזוי איינפאַך, אז ס'האָט אים גאָרנישט געפּאַסט צו פאַרטרויען שעווען.

— אין וואָס גייט עס דיר? האָט ליפּע געוואָלט וויסן נאָך וואָס זי איז געקומען.

— דו האָסט אמאָל געאַרבעט צוזאַמען מיט סטאַשן — האָט שעווע געזאָגט — וואָס איז דיין מיינונג וועגן אים, איך מוז צושטעלן א ראַפּאָרט.

— נישט קיין שלעכטער שגץ. אַן אַרבעטזאַמער און פון אָרעמע עלטערן...

דאָס איז געווען בלויז אַן אויסרייד, שעווע וועט סיי ווי נישט באַאיינפלוסן סטאַש'ס גורל. — האָט ליפּע בײַ זיך אָפּגעמאַכט — ער וועט שוין פרייוויליק מוזן אוועק קיין קאַמסאָמאָלסק, ווייל אַלס יאַטל האָט ער געהערט צו א פּוילישער מיליטערישער אָרגאַניזאַציע — „סטשעליעץ".

ליפּע איז געזעסן אויפן בעט. שעווע האָט זיך ארומגעקוקט איבערן צימער. ס'איז איר קלאָר געוואָרן, אז די מעשה מיט חתונה האָבן איז אַט, סתם א חכמה'לע...

— ער איז צוריקגעקומען אליין.

ליפּע האָט זיינע געדאַנקען מיט קיינעם נישט געטיילט. ער האָט דאָס מיידל געוואָלט ארויסנעמען פון טיף־רוסלאַנד, און צו דעם — האָט ער אויסגעפונען —איז נויטיק א באשטעטיקונג, אז דאָס מיידל איז זיין פרוי. אַנדערש קען זי נישט באַקומען קיין רייזע־דערלויבעניש ארייננצופאָרן אין די נייע, סאָוויעטישע געביטן.

— ס'איז אַן אומגליק — האָט ליפּע א שמועס געטאָן מיט זיך אליין.

— דאָס איינציקע אָרט ווו מען קען דעם צעטל באַקומען, איז אין שטאָטישן סאָוויעט, און דאָרטן זיצט שעווע. זי וועט באַ־שטימט פון מיר פאַרלאַנגען באַווייזן, דאָקומענטן.

ליפּע האָט געוואַרט אויף א צופאַל. ער האָט זיך דערפילט ווי א פאַרגעסענער סאַלדאַט אויף א קליינעם פראָנט־אָפּשניט. קיי־נער גרייפט אים נישט אָן, אָבער קיינער העלפט אים נישט. זיין גורל ליגט אין זיינע אייגענע הענט. און אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט איז אַן איינאונאיינציקע קויל אין דער ביקס. ער מוז שיסן און טרעפן. ער האָט דעריבער געוואַרט אויף דער געלעגנהייט. ס'איז געוועזן זיין מלחמה ארויסצוראַטעווען א מענטשן, און ער האָט זי באַשלאָסן צו פירן אליין.

די אַפּריל־רעגנס האָבן נאָך זיך געבראַכט א „האָליעליאָד”, א דינע אייז־שיכט איבער די טראָטואַרן, גאַסן און וועגן — און אויף דעם חשבון האָט מען געפּרוּווט אָנציען א נאַיוון:

— ס'איז היינט א חנא...

— וואָס פאַרא חנא אויף דיין קאָפּ? — האָט יענער א פאַר־וווּנדעטער געפרעגט.

— סראַקאָפּאַד...*

פונדעסטוועגן האָבן די אַפּריל־רעגנס באַוויזן אויסצוּוואַשן דעם שניי און אויך דאָס אייז האָט זיך גענומען קרישלען, ווייך ווערן

* מען פאַלט אויפן הינטן...

און צעפּאַלן אונטערן דרוק פון די אייזערנע רעדער פון די וועגענער. מיטן שליטן איז עס נישט מער זיכער געווען צו פאָרן.

אין שטאָטישן סאָוויעט האָט זיך געפילט אַן אויפרודערונג אין דער אַרבעט. טירן האָבן זיך אויפגעמאַכט און צוגעמאַכט מיט אַ ווינטיק גערויש. דער שטאָט־סאָוויעט האָט זיך פאַרנומען אויס־צופוצן די שטאָט לכבוד דעם ערשטן מאַי, ווערליק עס פירט זיך ביי די סאָוויעטן.

ליפּע האָט דעמאָלט געאַרבעט נאַכט־שיכט. נאָך אַ האַלבן טאָג שלאָפן איז ער אַרומגעקראָכן איבערן שטוב. פון געוווינטשאַפט אַריינגעקוקט אין אַ ביכל, נאָר דאָס לייענען איז אים אָנגעקומען שווער. נישט ער קען שלאָפן און נישט ער איז וואָך.

— אַ יונג גייט אַרום אין הינער־פּלעט — האָט די מאַמע באַמערקט, נאָר זי האָט זיך צו אים נישט געמישט. איז ער געשטאַ־נען נעבן די האַלב־אָפּגעגאַנגענע שויבן און זיך צוגעקוקט צום חורבן וואָס דער פרילינג מאַכט אָן איבערן אייז.. ס'האָט אים געפרייט וואָס באַלד וועט שוין דאָס אייז נעמען רירן און מען וועט קענען אַרויספאָרן מיט שיפלעך איבער דער אָזיערע. די אָזיערע און די שיפ־לעך געהערן ניט מער צום פּריץ, נאָר צום ספּאָרט־קלוב „ספּאַרטאַק". אין זיינע אויערן האָט מיט אַ פּליעסק אָפּגעקלונגען דאָס פאַלן פון דער וויאָסלע אין וואַסער און אינסטינקטיוו האָבן זיך די פויסטן פאַרקוועטשט, די אַקסלען האָבן זיך צונויפגעצויגן — דאָס האָט ליפּע פאַרהאַלטן דאָס שיפל פון אָנשלאָגן זיך אָן שטיינערנעם ברעג.

דאָס שיפל איז אַצינד געשוווּמען לאַנגזאַם, זייטיק, שטיין געבליבן ביים הילצערנעם בריקל. אזא טבע האָט שוין ליפּע שאַפּיראָ געהאַט. נישט נאָר האָט ער זיינע געדאַנקען באַגלייט מיט האַנט־באַוועגונגען, ווי דער גאַנצער קערפּער וואָלט זיך באַטייליקט אין דעם אינערלעכן געשפּרעך; נאָר אפילו ווען ער איז ווי אַ צוקוקער געשטאַנען אויפן פוטבאָל־פעלד, האָט זיך זיין פוס אינסטינקטיוו אויסגעבויגן, ווי זי וואָלט געוואָלט אָנווייזן די ריכטונג, אין וועלכער דער פוטבאָל זאָל לויפן. ער האָט אים דיריגירט צום ציל...

ליפּע האָט ליב דאָס שיפלען זיך איבער דער גלאַטיקער אָזיערע. מיט דער גאַנצער קראַפט פון זיינע מוסקולן שפּאַרט ער זיך דאַן אָן אין דעם וואַסער־פלאַך און דאָס שיפל נעמט זיך גליטשן, שניידנ־דיק מיטן נאָז די וועלן. צווישן גרינעם טשערעט שרייען ווילדע

ענטלעך, נאָר אים אַרט עס נישט. אַלץ וואָס עס גייט אים אין דער רגע אָן, איז די האַרמאָניע צווישן זיינע מוסקולן, די וויאָסלעס און דאָס וואַסער־פּלאַך; ריטמיש, נישט געאיילט: איינס, צוויי, איינס — — — — — —

די טיר האָט זיך אויפגעמאַכט, און אַ קאַלטער שטראָם אַפּריל־לופט האָט אים צוריקגעבראַכט פון דער „ווילדער" אָזיערע מיטן גרינעם אייר־צו דער האַלב־פאַרפרוירענער שויב אין צימער.

— אַ גוטער מאָרגן — האָט ער דערהערט שעוועס קול. — קען מען ביי אייך אָפּשטעפּן אַ פּאָר לייוונטן? מיר דאַרפן עס האָבן פאַר די לאָזונגען צום ערשטן מאַי.

ליפּע האָט נישט געענדערט זיין פּאָזיציע ביים פענצטער.

— מ'קען, פאַרוואָס נישט — האָט ליפּעס מאַמע געענטפערט.

— ס'ערשטע מאָל אַז דו נייסט אויף דער מאַשין?!

שעווע האָט זיך נישט ארומגעקוקט, ווי נישט ליפּע, נאָר עפּעס אַ מעבל־שטיק וואָלט געשטאַנען ביים פענצטער. אַ שאַנק — לאָמיר זאָגן — וועלכעס זי האָט שוין אַ טויזנט מאָל געזען.

ליפּע האָט מיטאַמאָל אויפגעוואַכט פון זיין פאַרגליווערטקייט. ער האָט אויף זיך ארויפגעוואָרפן די בורקע און איז אוועק אין סאַוויעט. דער סעקרעטאַר, אַן אַלטער פריינד פון זייער פאַמיליע האָט זיך געפּאָרעט ביים שרייב־געצייג.

— אַ גאַסט — האָט ער ליפּען באַגריסט, און ווי אַ היימי־שער דרך־אגב אַ זאָג געטאָן: — שעווע איז נישטאָ...

— נישט איר דאַרף איך — האָט ליפּע עס אַראָפּגעשלונגען

— איך דאַרף אַ „ספּראַווקע" אַראָפּצוברענגען מיין ווייב — האָט ער ארויסגעזאָגט אין איין אָטעם.

— דיין ווייב? דעם סעקרעטאַרס בליק האָט אים פאַרוואונדערט אָפּגעמאָסטן, כאָטש אין די צערודערטע ציטן קען מען זיך אויף אַלעם ריכטן. —

— טאָ נאָדיר אַ מזל־טוב — און אים אריינגעשטעקט אַ האַנט.

ער האָט זיך צוגעזעצט צום טיש, און ווי אַן אַלטער שטאָטלע־כער שרייבער (איז דאָך דער סעקרעטאַר געווען אַ גימנאַזיסט פון די צאַרישע ציטן), האָט ער זיך צעלאָזן מיט אַ קאַליגראַפיע האַנט־שריפט איבער אַ בויגן פּאַפּיר. די באַשטעטיקונג איז גלייך געוואָרן

פארטיק. ער האָט ארויפגעהויכט זיין אָטעם אויפן גומענעם שטעמפּל, און דערלאַנגט ליפּען דאָס פּאַפּיר.

אין דיקן בוך פון קאָרעספּאָנדענץ האָט ער אריינגעפירט די באַשטעטיקונג וועדליק דעם רעגולאַמין: „ארויסגעגעבן א באַשטע־טיקונג דעם בירגער ליפּע דאווידאָוויטש שאַפּיראָ וועגן זיין פּרוי". און פאַר זיך, אין די גרויליכע וואָנסן האָט ער א שמייכל געטאָן:

— טשעקאווע וואָס שעווע וועט דערויף זאָגן. ביז גאָר טשעקאווע.

ליפּע האָט פון דעם שמייכל געלייענט די געדאנקען, וועלכע פּיקן זיך אויס אין קאָפּ פון סעקרעטאַר. נאָר ס'האָט אים נישט געאַרט. דאָס נייטיקע פּאַפּירל איז שוין געלעגן אין זיין טאַש.

— א גוטן און א דאנק... — האָט ליפּע אָפּגעדאַנקט. ער איז געווען צופרידן, וואָס מ'האָט דאָ נישט געשטעלט צופיל פראַגן.

— א גרוס פאַר דיין ווייבל — האָט אים דער סעקרעטאַר נאָכגעשריגן.

ליפּע איז אוועק שפּאַצירן איבער די גאַסן. דער קאַלטער ווינט האָט אים דערפרישט און אויפגעמונטערט. ער איז געווען אויפגע־לייגט און די גוטע שטימונג האָט ארויסגעפּייפט פון אים, און דאָס פּייפן האָט געהאַט עפּעס יונגעס אין זיך, האָפּערדיקס — ווי דער פרילינג־ווינט.

— וועל איך האָבן א גאַסט אויף זומער — האָט ליפּע אָפּגע־מאַכט ביי זיך.

אין דער רגע איז אים קלאָר געוואָרן, אז די באַגעגעניש מיט די מיידלעך פון זיין שטעטל זענען געווען נישט מער ווי צופעליקע. האַרץ צו די מיידלעך האָט ער נישט צוגעלייגט, און ס'וועט גוט זיין — האָט ער אָנגעקוואָלן פון זיין אויפטו — צו זיין פאַרליבט אויף אן אמת. ער האָט דורכגעשניטן איין גאַס, פאַרביי א צווייטע. דאָ האָט געוווינט פּריץ. נאָר ליפּע האָט נישט געהאַט קיין חשק אריינצוגיין. ער האָט זיין פרייד מיט קיינעם נישט געוואָלט טיילן.

א צערויטלטע איז שעווע אריין אין קאַבינעט. דער פּאַק לייוונט איז געווען צושניטן און אָפּגעשטעפּט אין גלייכע לענטעס פאַר די לאַזונגען. זי האָט דערוואַרט, אז דער סעקרעטאַר זאָל לויבן די גוטע אַרבעט, וואָס זי האָט שנעל געמאַכט.

אָבער ער האָט עס ווי נישט באַמערקט. האָט זי אַ וואָרף געטאָן דעם פּאַק לייוונטן אויף אַ שטול, און נישט אויסטוענדיק זיך, אַ פרעג געטאָן:

— ס'איז דאָ נייעס?

— דאָ איז נאָרוואַס געווען דיינער אַ באַקאַנטער — האָט דער סעקרעטאַר נישט גערן געענטפערט.

— מיינער? — אין שוועס טאָן האָט זיך געפילט איבעראַשונג. זי האָט נישט געוווּסט וועלכער באַקאַנטער אירער קען עס איר זוכן אין ביוראָ ווו זי אַרבעט; נאָר אַז עס איז דאָ געווען, מוז עס געווים זיין אַ וויכטיקער מענטש. ווייל אַלע אירע באַקאַנטע, זענען דאָך וויכטיקע מענטשן. זי האָט זיך גערויטלט פון פאַרלעגנהייט.

— יאָ, דיינער. טו אַ קוק אין בוך פון די „ספּראַוועס"...

שעווע איז אין איין אויגנבליק דורכגעלאָפן איבער דער שורה, און ס'הארץ האָט איר גענומען האַסטיק קלאַפּן:

— האָט ער עס דאָך אָפּגעטאָן — האָט זי אָן אַ שטים, צו זיך אַ זאָג געטאָן.

זי האָט דערפילט אַ הילפלאָזן כעס, געמישט מיט נייגער. דער סעקרעטאַר האָט פון איר קיין אויג נישט אַראָפּגענומען.

— ווי וועט עס אויף איר ווירקן?

— זאָל אים זיין צו געזונט — האָט זי אַ זאָג געטאָן מיט אַ געמאַכט געלעכטערל און אַראָפּגעוואָרפן פון זיך ס'פּעלצל.

די אַרבעט האָט זיך נישט געקלעפּט. זי האָט נישט געקענט פאַרשטיין, פאַרוואָס זי איז אַזוי אומרואיק, פאַרוואָס זי קען זיך קיין אָרט נישט געפינען.

— ניין, ס'איז נישט צוליב דעם וואָס ליפּע האָט אַ פרוי. באַשטימט נישט צוליב דעם. דאָס איז געווען זעלבסט־סוגעסטיע. זי האָט זיך געפּרוווט איינרעדן. נאָר געפילט האָט זי — אַז דאָס איז צוליב דעם. עס איז געווען דאָס זעלבע געפיל ווי אין יענער נאַכט ווען ליפּע און לילקע האָבן איר אָפּגעפירט אהיים. זי האָט זיך מיטאַמאָל דערפילט איבעריק, אַלט און פאַרלאָזן. די נייע פריינד

זענען שוין געוואָרן מיט איר צו נאָנט — און די פריינדשאַפט איז וואַכעדיק געוואָרן. די האָט געוווּסט וואָס זיי ווילן, און דעריבער זיך באַמיט פון דער דאָזיקער באַקאַנטשאַפט ארויסצונעמען וואָס מער פאַר זיך. ווייל אָפּזאָגן זיך פון די פריינד האָט זי נישט געקאָנט. מיט ליפען איז געווען פאַרבונדן איר יוגנט. און אין מאָ־מענטן ווען שטימונגען זענען איר באַפאַלן — האָט זי זיך דערמאָנט אָן אים. פון דער דאָזיקער דערמאָנונג איז איר הייס געוואָרן אַרום האַרצן, ווי א שטראָם וואַרעם בלוט וואָלט דורכגעריזלט. זי האָט צו יעדער צייט געקענט אויפמאַכן זיין טיר, אריינקוקן און תמיד זענען צוויי צעשפּרייטע אָרעמס איר אַנטקעגן געקומען. ער האָט איר פאַרגעלייענט זיינע לידער. אויב ס'האָט זיך דאָרט גערעדט וועגן ליבע, האָט זי עס אָנגעמאָסטן אויף זיך, און דורך דעם זיך דערפילט א שותף צו זיי. אַצינד איז אַלץ פאַרביי. כאָטש זי האָט צופיל דערויף קיין אַכט נישט געלייגט, האָט עס איר פאַרדראָסן פאַרוואָס ליפע האָט אַזא שריט געמאַכט.

די לעצטע מינוטן ביי דער ארבעט האָבן זיך געצויגן ווי פעך. זי איז זיי קוים אויסגעזעסן. דער זייגער האָט געוויזן פינף.

אין איילעניש האָט זי א כאַפּ געטאָן דאָס ווייסע פעלצל, פאַר־קנעפּלט אים אין איילעניש אויפן וועג, און זיך געלאָזן צו ליפען.

לויט איר אויסזען, האָט ליפע פאַרשטאַנען, אַז זי ווייס אַלץ. ער האָט נישט געוואָלט, אַז זי זאָל די זאַך נעמען פאַרנאַנדערלייגן פאַר זיינע עלטערן, ווי זי איז עס געוווינט געווען צו טאָן, ווען צווישן איר און ליפען איז דורכגעלאָפן א שוואַרצע קאַץ. זי האָט דאָן אויפגעזוכט זיין מאַמען און אויסגעגאָסן פאַר איר דאָס האַרץ. ווען זי האָט אויך געוואָלט ביי ליפען עפּעס פועלן, ער זאָל זיך למשל נישט אוועקגעלאָזן זומער אויפן וועלאָ, איבער דער געגנט, און פאַרשווינדן ווערן אויף טעג גאַנצע — האָט זי גענומען דער מאַמען צו הילף.

ער האָט אָנגעטאָן די קורטקע, ארויפגעצויגן די הענטשקעס און איר פאַרגעלייגט:

— גייען מיר שפּאַצירן?

זיי זענען אוועק. צוערשט איז דאָס שווייגן געלעגן צווישן זיי ווי א וואַנט. ליפע האָט זיך נישט געאיילט צו נעמען איר דער־ציילן, צו וואָס ער דאַרף די באַשטעטיקונג, און אויף וויפל דאָס

מיידל איז שוין יאָ, אָדער נישט זיין ווייב — וואָס גייט עס איר אָן? אז צווישן זיי איז סיי ווי אוים — פרעג איך איר א דין־וחשבון פון אירע טואונגען? און ווייל ליפּע איז געווען פארנומען אין א שמועס מיט זיך — האָט ער נישט באַמערקט ווי שעווע האָט אָנגעקניפּט דעם שמועס:

— האָסטו טאַקע חתונה געהאַט?

— יאָ, האָט ליפּע מיט שטאָלץ אין זיין שטים געזאָגט — א זייער וווּיל מיידל, און דעם זומער וועט זי דאָ שוין זיין — וועסט זי אליין באַקענען. ער האָט געהאַלטן אן אויג אויף שעווען, כדי צו זען די ווירקונג פון זיינע רייד.

— און אויף וואָס וואַרטסטו? — האָט ליפּע געזאָגט — כדי איבערצורייסן דאָס שווייגן — דו האָסט דאָך שוין א חתן...

— איך?! — איז שעווע אָפּגעשפּרונגען, ווי מען וואָלט איר א ברי געטאָן מיט א הייסן אייזן — ווער האָט עס דערציילט?

— מענטשן — דאָס האָט שוין ליפּע געזאָגט מיט א זיכער־קייט, ווי דער באַווייז וואָלט געווען ביי אים אין טאַש, און ער דאַרף אים נישט מער ווי ארויסנעמען. און דאָס צו טאָן האָט זיך ליפּע נישט געאיילט.

— ווי ווייסן עס מענטשן, אז איך אליין ווייס עס נישט — דאָס האָט די נייגעריקייט איר געדרייצט, און זי האָט שוין געוואָלט ווייסן, וואוהין ליפּע צילט.

— כ'מיין, א חתן איז דאָך נישט קיין שפּילקע קעפּל. מ'קען אים נישט פארשטעקן הינטערן לאַץ — האָט ליפּע געצויגן דעם פאָדעם — ער גייט ארום, ער עסט, טרינקט און האָט הנאה פון לעבן... א קלייניקייט — ער האָט דאָך אונדז באַפרייט, נו, און ווי פילסטו זיך א באַפרייטע?

— דו פאַרלייד מיר נישט די ציין — זאָג וואָס ווייסטו — האָט זי זיך גענומען דענערווירן.

— כ'מיין האָט ליפּע גענומען פילאָזאָפירן, ווי ער וואָלט עס געווען דער דיין פון שטעטל — אז דיין חתן שיכורט שוין אזוי פאר דער חתונה, טאָ ווי וועט ער זיך שוין באַנעמען צומאָרגנס נאָך דער חתונה? כ'מיין, דו דאַרפסט אכטונג געבן; ער קען אַמאָל פארקריכן אונטערן בעט, און דו וועסט מוזן דאַן שלאָפן אליין...

— דו ביזט אַן אומדערטרעגלעכער מענטש — האָט שוין שעווע מער נישט געקענט אויסהאַלטן — רייד שוין צו דער זאַך!

— נאָר פונדעסטוועגן — האָט ליפּע ווייטער געצויגן, ווי ער וואָלט נישט געהערט שעוועס רייד — מעגסטו זען ער זאָל טראָגן ריינע „פּאַרטיאַנקעס״, די שטינקען שוין צו אַביסל.

שעווע האָט גענומען גיין שנעלער. זי האָט מער נישט געוואָלט הערן. נאָר ליפּע האָט נישט אָפּגעלאָזן:

אז דיין מאַמע אליין האָט דערציילט:

— געבראַכט דעם חתן — אַ פּויער. אַ ריכטיקער איוואַן; און שיכור, ווי עס וואָלט געווען אַ מאַרק־טאָג. הפקר, מ׳פרעגט גאָרנישט, אַראָפּגעצויגן די שטיוול און זיך אַריינגעוואַליעט אין בעט. די „פּאַר־טיאַנקעס״ האָבן פאַראַווערט די שטוב...

— ס׳איז נישט מיין חתן — האָט שעווע מער נישט געקענט פאַרטראָגן זיינע רייד, אין וועלכע זי האָט געפילט אַ שפּאָטיש געלעכטערל.

— ס׳איז ריוועשעס חתן...

מיר דאַרפסטו עס נישט דערציילן — זאָג עס דיין מאַמען...

מער האָבן זיי נישט גערעדט. שעווע האָט זיך פאַרנומען אין דער ריכטונג ווו איר קרובה האָט געוווינט און ליפּע האָט זי באַגלייט...

קאַפּיטל צען

דער ערשטער מאַי

טעג — ווי גרויע מיליטערישע שיניעלן — אָן האָריזאָנטן. דער קרייז פון לעבן איז געוואָרן ענג. דער וואָס גייט פאָרויס באַוועגט זיך בלויז דערפאַר ווייל די, הינטער אים קענען נישט בלייבן שטיין. נאָר אויבנאויפיק זעט מען עס נישט אָן. אינסטינקטיוו זוכט דער מענטש זיך איינצוויקלען אין דעם גרויען שיניעל — ער וויל פאַרלירן זיין אייגן פּנים. ער וויל ווערן גרויע, נאָמענלאָזע מאַסע. אין דער ארבעטס־ארמיי מיינט ער — ליגט זיין זיכערקייט. ער וויל ווידער מאָרגן אויפשטיין און עסן זיין ברויט און אָנקוקן זיינע נאָענטסטע. ארבעט איז נישט מער קיין אידעאַל — ס'איז א רעטונגס־גאַרטל אין דעם שיף־ברוך.

און ליפּע שאַפּיראָ האָט געטרוימט צו זיין אַן ארבעטער, געהערן צום פאַראיין, מאַרשירן מיט די ארבעטער דעם ערשטן מאַי: זאָל פלאַטערן די רויטע פאָן אין ווינט. אין דעם איז דאָ טראַציקייט. ארויסרופעריש. דער נייער מאָרגן. א פויסט קעגן די וואָס שטייען צווישן ארבעטער אין דעם נייעם מאָרגן.

דעם באַגער האָדעוועט ער אין זיך, זינט יענעם ערשטן מאַי, ווען ער איז א יאָטל פון א יאָר אכט, אוועק אין וואַלד אריין מיט די ארבעטער כדי צו פייערן דעם ערשטן מאַי. די ארבעטער פון פאַראיין האָט די פּאָליציי פאַרנומען — ער איז זיי מקנא געווען — נאָר ער האָט ביים פייער אין וואַלד געבראָטן קאַרטאָפל, און קיינער האָט זיך אויף אים נישט אומגעקוקט.

זינט דאַן, ווייל ער געהערן צו דער מחנה — ווערן פאַרנומען פון דער פּאָליציי פאַר דער ארבעטער זאַך. —

דער ערשטער מאי איז געוואָרן מלוכה־יום־טוב — און ליפּע שאַפּיראָן איז צוגעקומען נאָך איין אַנטוישונג.

מענטשן האָבן ווי שטומע געדערט מיטן בליק. דער יוגנטלעכער פלאַם פון אויפטו האָט געצאַנקט, ווי אַ ליכטל אין ווינט. בלויז אַ שטילע בענקשאַפט האָט ערגעץ ווו געטליעט — ווי אַ פאַרגעסענער פונק...

ליפּע האָט געאַרבעט אין דער מעכאַנישער אָפּטיילונג פון שטאָטישן קאָמבינאַט. די אינדוסטריע איז נאָך נישט אוועק מיט אַ פאַרנעם — פאַבריקן זענען אין שטעטל נישט געווען, האָט זיך די מעכאַנישע אָפּטיילונג פאַרנומען דערווייל מיט פאַריכטן רוּיכער־דיקע פּרימוסן; קאַליע געוואָרענע וועלאָס און צומאַכן שליסלען צו שלעסער. ס'האָט אַמאָל פּאַסירט — אַז מ'האָט געבראַכט אַ נייַ־מאַשין צו פאַריכטן.

שימעלע און יאַשקע האָבן אויך דאָרט באַקומען אַרבעט — אַלס טישלער. פּרצס קוזין, זאַלקע — אַ הויכער, בלאָנדער בחור, וואָס האָט זיך ערשט דעם לעצטן ווינטער „צוגענאַדזיעט" צום קלוב פון די „ביעזשענצעס" — איז אוועק אויף קורסן צו ווערן אַ לערער פאַר דאָרפישע קינדער.

פּרץ אַליין, אַ זון פון אַ סוחר (אַזוי איז געווען פאַרשריבן אין זיין פּאַס: „איז קופּצאָוו") האָט זיך גענומען אַרומקוקן, כדי צו געפינען אַ תכלית. אין טאַטנס שטוב איז נאָך טאַקע געווען געווען גענוג צו עסן און אַ בגד אָנצוטאָן. אפילו אַן איבעריקן רובל אין טאַש, איז אויך געווען, ווען מען האָט גענדאַרפט. נאָר דאָס סאָוויעטישע אויג וואָס האָט איר באַזונדער קוק אויף מענטשן האָט קרום גע־קוקט אויף איינעם וואָס פּוסט און פּאַסעוועט, אָן שום נוצן — און טראָץ דעם גייט ער לייטיש אָנגעטאָן. זענען אונטערגעקומען קורסן פאַר בוכאַלטאָרן — אין פּרץ אוועק אין אַ צווייטער שטאָט זיך לערנען.

זיין מאַמען איז די מעשה נישט געווען צום האַרצן:

— לאָזן אַ קינד זיך וואַלגערן אין דער פרעמד — האָט עס ביי איר געהייסן. נאָר אפילו זי האָט פאַרשטאַנען — אַז ביי „פּאָניען" שפּילט מען זיך נישט מיט אַזעלכע זאַכן. ס'איז דעריבער געזינטער, אַז ער זאָל פאָרן זיך לערנען. ביי איר אין האַרצן איז עס נישט געווען אַזוי ווייט די זאָרג פאַר פּרצעס וואַלגערן זיך אין דער פרעמד, ווי דאָס געפיל, אַז מיטן אוועקפאָרן, גליטשט ער זיך

ארויס פון אירע הענט. זי האָט מורא געהאַט, אַז אונטער איר וויסן, קען זי אין אַ שיינעם פרימאָרגן אריינקריגן אַ שנור. אָט האָט עס דאָך פּאַסירט מיט ליפּע שאַפּיראָ. פּרץ אליין וועט אין דעם גאַר־נישט שולדיק זיין — נאָר אַלץ די מוידן, וואָס זוכן צו פאַרפירן איר זון...

אין דער היים האָט זי אַן אויג אויף די זאַכן — אַזוי האָט זיך איר ווינציקסטנס געדוכט — נאָר אין דער פרעמד — גיי היט אים אָפּ!

דער אַמשינאַוועער איידעם האָט אוועקגעוואָרפן דאָס שמוגלען די גרענעץ קיין ווילנע, כדי צו ברענגען פון די ליטווינער לעדער און טאַבאַק. ער איז געוואָרן אַ שניידער מיטן גאַנצן קנאַק. דערווייל איז ער נאָך אין אַרטיעל נישט געגאַנגען, אָבער ביי זיך אין צימערל האָט ער געניייט דעם גאַנצן טאָג.

דאָס איז אויך געווען אַ סגולה קעגן אַ שלעכט אויג...

דער טאָמאַשאָווער עילוי וואָס האָט בכלל געהאַלטן, אַז ער איז נישט באַשאַפן געוואָרן צו אַרבעטן און דורכאויס געלעבט אויפן שוואָגערס קעסט — אויך זיין נאָמען איז געווען פאַרצייכנט אויף די רשימות פון טאַרף־זאַוואָד, כאָטש ווי אַזוי מען גראָבט טאָרף, האָט ער נישט געוווּסט.

עס איז געווען דער חודש אַפּריל, און מען האָט געהאַלטן נאָך די גרויסע אַבלאַוועס, ווען די רוסישע געהיים־פּאָליציי האָט ביינאַכט ארויסגעכאַפּט די „ביעזשענצעס" פון די בעטן און אויף פּויערישע וועגעלעך, אָפּגעפירט זיי צו די וואַרטנדיקע באַן־וואַגאָנעס. פאַר די סאָוויעטן זענען עס געווען די נישט געוווּנטשענע עלעמענטן, וואָס האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו נעמען סאָוויעטישע פּאַספּאָרטן. זיי האָבן זיך רעגיסטרירט צו פאָרן אהיים אין די געביטן, וועלכע האָבן אצינד געהערט צום דייטש. נישט מער — חיים און זיין שוואָגער האָבן איבערגעקליגט דער געהיים־פּאָליציי. זיי האָבן זיך אין דער גרויסער שטאָט רעגיסטרירט אהיים צו פאָרן, טאָמער האַלטן די רוסן טאַקע וואָרט. נאָר ווי די מעשה זאָל נישט זיין, האָבן זיי דערווייל ארויס־גענומען סאָוויעטישע פּאַספּאָרטן אויף אַ צייט פון פינף יאָר. זיי האָט די פּאָליציי געלאָזט שלאָפן...

שעווע האָט איִרס דערגרייכט. דזיאַטלאָוו — דער פּאָרזיצער פון שטאָט־סאָוויעט האָט איר רעקאָמענדירט אויף העכערע קורסן פאַרן אָנפירער פון דער קאָמונאַלער ווירטשאַפט. פאַר שעווען האָט

עס געמיינט א דיפלאָם, וואָס וועט איר פארזיכערן אַן אָרט אין א העכערן קלאַס — דעם קלאַס פון סאָוויעטישע באַאַמטע. איר טרוים איז נאָך אַלץ פאַרבליבן זיך ארויסצורייסן פון דער גרויער מאַסע, פון אָט די מענטשן ארום בראַם און פאַרנעמען איר אייגע־נעם אָרט אין לעבן; פון זיין עמיצער — און נישט סתם אַן עמי־צער — אָט דער חלום האָט געהאַלטן ביי פארווירקלעכט ווערן. זי וועט אפילו האָבן א טיטל, אזוי האָט איר דזיאַטלאָוו פאַרזיכערט, הגם קלאָר האָט ער אליין נישט געוווּסט וואָס דאָס וועט זיין:

— דו וועסט האָבן א „זוואַניע", פארשטייסט? — די סאָ־וויעטישע מאַכט שאַצט אָפּ די וועלכע זענען איר געטריי. זי צייכנט זיי אוים!

שעווע האָט געוווּסט, אז דאָס צאָלט ער איר אָפּ פאַר איר צוגעלאָזנקייט. נאָר סיי ווי — נאָך דעם ווי זי וועט פאַרענדיקן די קורסן און האָבן א פאַרזיכערטן פּאָסטן — וועט זי איר לעבנס־אָרט ענדערן.

— אוודאי אויך חתונה האָבן...

די ערב־מאַי טעג זענען געווען טרוקענע און זוניקע. א יונגער גרין האָט באַצירט די ביימלעך. די שטיקער ערד האָבן געגרינט צווישן בעטאָנענע טראָטואַר־פּלאַטן, און די נאַקעטע ביימער פון אַלטן פּאַרק האָבן גענומען לאָזן יונגען, ברוינע קנאָספּן.

— אויף די עלטערע יאָרן — האָט ליפּע געזאָגט צו קריינען, ווען זיי האָבן שפּאַצירט אין אַלטן פּאַרק — אויף די עלטערע יאָרן פּרובירן זיי נאָך די כוחות און סע שפּראָצט...

קריינע האָט אצינד געאַרבעט ווי א פאַרקויפערין אין א מאַגאַ־זין. פון די ווייניקע באַזוכן ביי איר אין שטוב האָט ליפּע אויפגע־כאַפּט, אַז קריינעס א בחור, כמעט שוין א חתן האָט מען פאַרשיקט צו די „ווייסע בערן", און זי מוז שיקן פּעקלעך.

ליפּע האָט דערפון נישט גערעדט. נישט זיין עסק. און שווייגן האָט נאָך קיינעם נישט געשאַדט. האָט ער צו זיך אליין א זאָג געטאָן. דאָס ארומגיין מיט קריינען איז געווען נישט מער, כדי צו פאַרענדיקן א שמועס, וואָס מיט יאָרן צוריק איז עס אים נישט אויסגעקומען צו טאָן. אויך דערפאַר — וואָס ליפּע האָט שוין פון געוווינשאַפט געדאַרפט די געזעלשאַפט פון מיידלעך, און קריינע איז דאָך א באַקאַנטע פון די קינדער־יאָרן.

דער ערשטער מאַי איז אייגנטלעך געווען דער ערשטער יום־טוב, ווען מען דאַרף צוויי טעג נישט אַרבעטן. אויך אין די גע־שעפטן האָבן זיך באַוויזן מער פּראָדוקטן. נישט אַרבעטן — האָט באַדייט אַ נייער באַגריף פון יום־טוב.

ליפּע איז באַלד אינדערפרי אַוועק מיט אַ וויזיט אין רעסטאָ־ראַן, וועלכן זיין טאַטע האָט פאַרוואַלטעט. אַזוי האָט ער זיך גע־ווינטלעך געפירט, ווען ער האָט זיך געוואָלט זען מיטן טאַטן. וואָרעם ס׳איז שוין אַזוי אויסגעקומען, אַז ווען ליפּע איז אַהיימגעקומען ביינאַכט איז שוין דער טאַטע געשלאָפן. און אַז ער איז אויפגע־שטאַנען אינדערפרי — איז שוין דער טאַטע נישט געווען. — אַז ליפּע פלעגט אַריינקומען אין רעסטאָראַן, פלעגט דער טאַטע אויפפּראָפּן אַ פלעשל, און זיי פלעגן ביי דער זונטיקדיקער באַגעגע־ניש טרינקען אַ לחיים...

אויפן ערשטן מאַי האָט פּריץ געדאַרפט אַהיים קומען, און די חברים האָבן באַשלאָסן אויסצונוצן דער געלעגנהייט צו מאַכן אַ „פּייערונג" מיטן גאַנצן קנאַק. דאָס איז אויך אַריין אין דעם גבול פון צופאַסן זיך... כאָטש עס איז אויסגעקומען, אַז מען טוט עס פון פרייען ווילן.

ליפּע איז אַוועק צום טאַטן כדי צו באַזאָרגן שנאַפּס און ביר. די מאַמע האָט שוין אָנגעגרייט דאָס פאַרבייסעכץ, ווייל חברה האָט געוואָלט, אַז דאָס מאָל זאָל אַלץ צוגיין ווי ביי דערוואַקסענע — זיי זענען דאָך שוין אַרבעטער, פאַרדינער, און נישט כאַפּ־לאַפּ אויף איין פוס. ביי ליפּען אַליין איז די שטימונג נישט געווען קיין צו גוטע. דאָס מיידל, פאַר וועלכער ער האָט אויסגעאַרבעט דאָס פּאַפּיר אַלס זיין פרוי, האָט דערווייל נישט געקענט קומען. מ׳האָט זיך נישט געאיילט איר אַרויסצוגעבן קיין דערלויבעניש צו פאַר־לאָזן די ווייט־רוסישע שטאָט.

— ס׳איז נישט צום פאַרשטיין — האָט זיך געוווּנדערט דער באַאַמטער פון דער פּאַספּאָרטן־אָפּטיילונג, דאָרט אין טיף רוסלאַנד — דאָ, ביי אונדז פעלן דען אויס כלאָפּצעס? מוז עס דווקא זיין יענער? וואָט טשודאַק קאַקאָי. דאָס אַלץ האָט אים געשריבן ס׳מיידל, נאָר די האָפענונג האָט זי פונדעסטוועגן נישט אויפגעגעבן.

אַרום טיש זענען געזעסן חיים און זיין שוואָגער, שימעלע, יאָשקע און זאַלקע. אַפילו זאַוול איז געקומען, כאָטש ער האָט זיך לעצטנס געהאַלטן ווייטלעך פון „ביעזשענצעס" קלוב.

— טרינקען מיר? האָבן אומגעדולדיקע שטימען גענומען מאָנען.

— מירן וואַרטן אויף פּרץ...

מיטאַמאָל איז פּרץ געקומען און מיטגעבראַכט שעווען. די יאַטן האָבן אויפגעלעבט:

— אבי מען וועט האָבן מיט וועמען א וואָרט אויסצורייידן...

ליפּען האָט עס א ברען געטאָן אינעווייניק; און אלע מאָל ווען ער דערפילט דעם דאָזיקן פלעמל אין זיך, ווייס ער אז עפּעס וועט דאָ געשען. נאָר העלפן קען ער זיך נישט. ער איז אויפגעשטאַנען און איז ארויס אין דרויסן.

פּרץ האָט פאַרשטאַנען, אז דאָס ברענגען שעווען נאָך דעם אַלעם וואָס איז געשען און סיי די יאַטן האָבן געוווּסט, אז ליפּע ווייס, און סיי ליפּע האָט געוווּסט וואָס שעווע האָט אָנדערציילט — איז עפּעס נישט גאַנץ אין אָרדנונג.

— ביזט בייז? — האָט ער ליפּען א פרעג געטאָן.

— איך וויל מיט שעווען ביי איין טיש נישט זיצן, איך גיי אוועק.

— ביזט משוגע, ס'איז דאָך ביי דיר אין שטוב, און נאָכאַלעמען איז דאָך שעווע נישט מיין מיידל —

— מיינע אויך נישט — האָט ליפּע מיט רוגזה צוריקגעוואָרפן.

ליפּעס מאַמע האָט זיך געכאַפּט וואָס דאָ קומט פאָר. זי איז ארויס אין דרויסן צו די חברים.

— ס'איז א חרפּה פאַר לייט, א מיידל קומט צו דיר אין שטוב אריין און דו אַנטלויפסט. אזוי נעמט מען אויף מענטשן?

ביים טיש האָבן די חברים זיך איבערגעוואָרפן מיט בליקן, ווי זיי וואָלטן געזוכט אן אויסוועג פון דער לאַגע. שעווע האָט זיך פאַרנאַנדערגעלאַכט

— איך פיל מיר דאָ, ווי ביי זיך אין דערהיים...

דאָס פלעמל אין ליפּען האָט זיך גענומען לעשן און ער האָט נאָכגעגעבן. ביים טיש איז די שטימונג נאָכן ערשטן גלעזל געוואָרן הייטערער. נאָר ליפּע האָט עס נישט געפילט. אין אים האָט געטאָטשעט דער פאַרדוס ווי א וואָרעם. ער האָט געזען שעווען א צערוויטלטע; די הויט ארום אַנטבלויזטן האַלדז א פרישע, ראָז־

לעבע און דאָס האָט געוועקט אין אים דערמאָנונגען, עס האָט גערופּעט און געמאָנט...

— עך, זי זיצט דאָך אזוי נאָנט, און ס'איז איר פונדעסטוועגן נישט מעגלעך מיטן האַנט צו דערלאַנגען...

זי איז געזעסן קעגנאיבער אים, צווישן פּרצן און חיימען.

ליפּע האָט אריינגעגאָסן אין זיך שנאַפּס געמישט מיט ביר — העלפט אויף העלפט. ער האָט עס געגאָסן ווי ס'וואָלט געווען וואסער און ער וויל דערמיט דאָס ברענען אין זיך לעשן. נאָך יעדן טרונק האָט ער גענומען זען זאכן בולטער, און די דאָזיקע בולטקייט האָט זיך גערייצט מיט אים — זי זיצט פאר דיינע אויגן. נאָר כאַ... כאַ... כאַ... ציסט אויס די האַנט איר אָנצורירן און גלעטסט בלויז די לופט. דער נעפּל פאר זיינע אויגן ווערט געדיכטער. ליפּע זעט קיינעם נישט מער. ס'איז א קליין אַלקערל — — — — —

עס איז שבת אינדערפרי. שעווע שלאָפט ביי איר באָבען. אזוי יעדן פרייטיק צונאַכטס. די באָבע איז אן אַלטיטשקע. א גאַנצע וואָך אַרט איר נישט די איינזאַמקייט, נאָר פרייטיק צונאַכטס וויל זי, אז ס'אייניקל זאָל ביי איר נעכטיקן. אין צווייען איז היימליכער. פּאַרטאָג גייט די באָבע אין שול, און יידענעס קומען דערווייל אריין ארויסצונעמען די שבת'דיקע ציקאָריע פון אויסגעהייצטן אויוון. איז ליפּע אוועק אהין שבת אינדערפרי. קיינער, אויסער שעווען איז נישט געווען. שעווע, אין א געבלימלט נאַכט־העמד איז געלעגן אויפן בעט; און ווייל ס'איז היים געווען — איז די קאָלדרע געלעגן אָן א זייט. זי איז געווען צעוואַרעמט פון דער נאַכט, אויסגערוט און איר ווייבליכקייט האָט אים א כישוף געטאָן פון אונטער דעם דינעם לייוונט. ליפּע האָט זיך צוגעלייגט צו איר און גענומען איר צערטלען. דורכגענומען מיט דעם ריח פון אויסגעוואַרעמטן פּרויען־לייב, צו וועלכן ער איז נאָך קיינמאָל אזוי נאָנט נישט געווען — האָט אים פאַרשיכורט. ער האָט זיך געוואָלט איינעסן אין איר מיט אלע זיינע חושים, נאָר זי האָט א קאַלטע און גלייכגילטיקע זיך ארויסגעגליטשט פון בעט און מיט א שטרענגן קול, וואָס איז פאר אים געווען ווי אָפּגעגאָסן מיט קאַלטן וואסער, האָט זי באַפוילן:

— גיי אהיים! איך וויל עס נישט...

עס האָט זיך אים געדוכט, אז אָט די גאַנצע חברה שטייט

אצינד הינטערן פֿאַרהאַנג וואָס טיילט אָפּ דאָס אַלקערל ווו שעווע שלאָפֿט, און לאַכן פֿון זיין דורכפֿאַל — — — — — —

זיי זעען, ווי ער שטייט — א הונגעריק יינגל ביים פענצטער פֿון דער בעקעריי — דורכן פענצטער לאָקן די פרישע זעמל — אזוי האָט ליפֿע געקוקט אויף שעוועס קערפּער וועלכן ער האָט נאָר וואָס געהאַלטן אין זיינע הענט... דער הונגער איז געבליבן. נישט געשטילט.

ער שטייט אַליין ביים טיר — און קען די אויגן נישט אָפּרייסן — ווי דאָס יינגל ביים פענצטער פֿון דער בעקעריי...

פֿון בענקשאַפֿט האָט עס ביי ליפֿען אָנגעהויבן זינגען:
— „טאָם פּאָ אוליצע — מיעטעליצא אישלאַ" * —

און זינגענדיק האָט ער דערזען דאָס ווייסע פּעלצל, דעם רויטן שאַליק פֿאַרווייעט מיט שניי, און ער פּרובירט עס אָנכאַפּן, דער־גרייכן — אָבער צווישן זיי דרייען זיך די שנייעלעך אין געווירבל...

און ליפֿע זינגט, מיט א הייזעריק שיכור קול:
— פּאַסטוי, פּאַסטוי — קראַסאַוויצאַ מאַיאַ **

מ'האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. אין צימער זענען אריין די חברים פֿון דער מעכאַנישער אָפּטיילונג.

— ס'וועט זיין גענוג געטרונקען ליפֿע, מיר האָבן נאָך אויך היינט א באַנקעט. דאָרט וועט אויך זיין עפּעס צו טרינקען...

ליפֿע איז אויפגעשטאַנען, און איבערלאָזנדיק די חברה — אוועק מיט די פריינד.

— נישקשה, זיי וועלן זיך אָן דיר אויך אַן עצה געבן — האָט אים הירשל סאַוויצקי געטרייסט.

ליפֿע איז געגאַנגען איבער די באַקאַנטע גאַסן, נאָר ס'האָט אים געדוכט, אז ער זעט זיי צום ערשטן מאָל. אויך די מענטשן האָבן אים אויסגעזען פֿרעמדלאָזע. ער זעט הענט, פיס, קעפּ. אַרבל באַוועגן זיך. שטיוול סקריפּען. ווייסע הענט קוקן ארויס פֿון טונקעלע אַרבל. נאָר קיין פּנימער זעט ער נישט. עפּעס אַלע פּנימער זעען אויס, ווי אין איין פֿאָרעם געגאָסן.

---

* איבערן גאַס ווייעט א זאַווערוכע.
** בלייב זשע שטיין, מיין שיינקייט...

— דו גיי גלייך — מאַכט צו אים אַ מיליציאָנער — עס איז ערשט אָנהויב אָוונט. וועסט נאָך היינט דאַרפֿן טרעפֿן דעם וועג צוריק...

ליפּע איז געגאַנגען צווישן הירשלען און בענטשען, און ס׳איז אים אויסגעקומען גאָר קאָמיש, ווי צווישן זיי איז פּלוצלינג אַריין אַ מיליציאָנער.

— נישט ער איז אַרויף אויף דיר — האָט הירשל אים אַרויס־געפֿירט פֿון טעות — נאָר דו ביסט אַרויפֿגעפֿאַלן אויף אים.

— איז וואָס איז די נאָפֿקעמינע?

דער באַנקעט האָט געהאַט אַ דאָפּלטן באַדייט. ס׳איז דער ערשטער מאַי, איז אַ מצווה צו אויסטרינקען, און ס׳צווייטע: בענ־טשען רופֿט מען אין מיליטער, ער גייט דינען „פּאַניען“ שוין אין אַ פּאָר טעג אַרום, קומט אים צו געזעגענען. און ווייל ליפּע איז בענטשעס אַן אַלטער חבר — דאַרף ער עס האַלטן די געזעגענונגס־רעדע, וועדליק עס פּירט זיך ביי לייטן.

— זאָלן מיינע שונאים אַזוי וויסן פֿון זייער לעבן — האָט הירשל אַ זאָג געטאָן צו נאַטעק בערלינער, דעם מייסטער פֿון וואַר־שטאַט — ווי ליפּע וועט שוין וויסן וואָס ער רעדט.

— ס׳עט שוין — מ׳עט שוין — האָט נאַטעק אים באַרואיקט. נאַטעק האָט נישט געהאַלטן פֿון די זאַכן...

ליפּע האָט זיך באַמיט צו שטיין אויף די פֿיס. אין זיין האַנט האָט דאָס גלאָז עטוואָס געציטערט, נאָר קיין טראָפּן האָט זיך נישט פֿאַרגאָסן.

— מיר געזעגענען היינט — האָט ער אָנגעהויבן מיט אַ שטים, וואָס האָט אים זיך געדוכט איז גאָרנישט זיינע, און זי קומט ווי פֿון אַ טיפֿן קעלער אַרויס — אַזוי פֿרעמד האָט זי געקלונגען אין זיינע אויערן. — מיר געזעגענען היינט אַ חבר, וואָס אים איז צו־געטיילט געוואָרן אַ גרויסער כבוד צו זיין אַ זעלנער אין דער רויטער אַרמיי. די דאָזיקע אַרמיי האָט אונדז באַפֿרייט פֿון די פּוילישע פּאַנעס, און אויך נישט דערלאָזט אַז די דייטשן זאָלן ווערן אונ־דזערע באַלעבאַטים. דו ביזט אַ „קאָמסאָמאָליעץ“, און דו ווייסט דעם באַפֿעל: זיי גרייט — תמיד גרייט. פֿאָר געזונט און לאָמיר האָבן נחת פֿון דיר...

ער האָט אויסגעטרונקען זיין גלאָז ביזן דנאָ. הירשל האָט פֿון אים קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט, און קוקנדיק אויף דער קרומער

איבערפלאך פון שנאפס און גלאז, וועלכע ווערט וואס אמאל ני־
דעריקער, האט ער מיט זיך געהאט א ויכוח:

— וועט ער אויסטרינקען, אדער זיך פארהאקן? עפעס קען
איך ליפען נישט פאר קיין טרינקער — טאקע אויף טשעקאוועס:
ווי ווייט האט ער שוין געכאפט דעם שניט?

— מאלאדיעץ! — און ער האט צוגערוקט ליפען א טעלער
מיט קאטליעטן — ביזט א פאלנער „פאניע"... נעם פארבייס.

צו נאטקען האט ער א זאג געטאן שטילערהייט:

— ווערליק פאר א „ניכטערן" האט ער נישקשהדיק גערעדט...

הענט האבן זיך געצויגן צו בענטשען. ער האט זיי געשאקלט.
ער האט אלעמען געזעגנט. נאר צו ליפען איז עס נישט דערגאנגען.
זיינע ציין האבן מעכאניש געקייט א זויערע אוגערקע, נאר ער האט
עס נישט געפילט. ער האט געפרוווט אין געדאנק צוריק גיין צו זיך
אהיים און זען די חברים, שעוועז — נאר די געדאנקען האבן
זיך נישט געלאזט צונויפנעמען און ווי צעפלאשעטע הינער וואס
כאפן זיך ארויס פון שטייג און דערפילן די פרייהייט — זענען
די געדאנקען זיך צעלאפן אין אלע זייטן. פון דעם איז אין קאפ
געבליבן א פוסטקייט, נישט מער: איין געדאנק האט זיך א פאר־
בלאנדזשעטער ארומגעבלאנקט, און אן אים האט זיך ליפע אנגע־
כאפט: — נאכן באנקעט וועלן מיר זיך טרעפן אין קלוב אויפן
טאנץ־אוונט. — דאס האבן אים די חברים פארזיכערט.

ליפע איז אליין אראפ פון די טרעפ, ווייל הירשל'ס וווינונג
האט זיך געפונען אויפן שטאק. ער האט זיך אנגעשפארט אין דער
קאלטער וואנט פון מויער. די פרישע לופט האט אים דורכגענומען,
און נאך א ווײלע „לופטערן זיך" האט ער צוריק באקומען די זי־
כערקייט אין די פיס, און איז אוועק אין קלוב.

— ב —

דער ערשטער איז אוועקגעפאלן זאלקע, נאר אהיימגיין האט
ער נישט געוואלט.

— נא דיר דעם שליסל און גיי צו אונדז אין צימער — האט
אים דער אמשענאווער אנגעבאטן.

זאלקעס אוועקגיין האט כמעט קיינער נישט באמערקט. דער
אמשענאווער האט נישקשהדיק געטרונקען, פונדעסטוועגן האט ער

געהאַלטן אַן אויג אויף חיימען, ער זאָל נישט איבערכאַפּן די מאָס, צוליב זיין שוואַכן געזונט. איז ער דאָך געווען דער עלטערער און אים טאַקע האָט מען דעם בחור אָנפאַרטרויט. איז חיים געווען דער ניכטערסטער פון אַלע. אויך שעווע האָט געטרונקען. די קאָלירן אין איר פּנים האָבן זיך צעשפּילט. אויגן האָבן באַקומען אַ וואַסער־דיקן גלאַנץ און האָבן תאווהדיק געשמייכלט.

קוקנדיק אויפן עולם, וואָס איז שוין געווען היפּש פאַרשניאַ־קעט, האָט חיים אַ טראַכט געטאָן:

— מ׳דאַרף אויסנוצן די געלעגנהייט...

דער עולם האָט זיך געקליבן אַהיים גיין. אין דרויסן האָט זיך צעלייגט אַ וואַרעמע פרילינג־נאַכט.

— מיר גייען אין קלוב אַריין טאַנצן — האָבן די יאַטן גע־רעדט אויפן קול, און הינטערווייַלעכץ געטורקעט חיימען:

— זיי נישט קיין יאָלד...

חיים מיט שעווען זענען אַ ביסל אָפּגעשטאַנען פון עולם. ער האָט זי דרייסט גענומען אונטערן אָרעם. זי האָט זיך אָן אים אָנ־געלענט און געלאָזט פירן. דאָס ביסל בראַנפן האָט אים צוגעגעבן קוראַזש, ווייל כאָטש ער האָט אָנטיילגענומען אין די שמועסן וועגן מיידלעך ווי אַ גלייכער — איז עס אים ס׳ערשטע מאָל, ווען ער פילט אַ מיידלשן אָרעם אַזוי נאָענט. שעווען איז געווען וואַרעם. די פרישע לופט האָט געקיצלט אירע נאָז־לעכער. זי האָט געוואָלט שפּאַצירן און ס׳האָט איר נישט געאַרט וואוהין זיי גייען, אַבי נישט אַהיים... ביים בראָם...

צופעליק זענען זיי געבליבן שטיין ביי דער טיר פון חיימס צימערל. ער האָט אויפגעשלאָסן די טיר און זיי זענען אַריין. עס איז געווען פינצטער. נישט מער, דורך דעם שמאָלן פענצטער־גלאָז איז געפאַלן אַ פאַס ליכט פון אַ דערנעבנדיקן גאַסן־לאַמטערן. זיי האָבן זיך צוגעזעצט אויפן באַנק, נעבן בעט. חיים, וואָס האָט דורכן גאַנצן וועג זיך צוגעגעבן מוט, האָט אין דער לעצטער רגע זיך פאַרלוירן, און נישט געוווסט וואָס צו טאָן. ער האָט גענומען שע־וועס הענט אין זיינע. זיי זענען געווען ווייך און וואַרעם. די דאָזיקע ווייכקייט האָט אים צוגעגעבן חשק. ער האָט זי אַרומגענומען און געקושט. שעווע האָט נישט אָפּגעריסן אירע ליפּן. ס׳איז איר אָנגע־נעם צו ווערן געצערטלט פון עמעצן.

— זי איז נאָכגיביק — דאָס האָט אין אים אויפגעוועקט פאַרלאַנגען, וועלכע ער איז נישט מער געווען בכוח צו קאָנטראָ־לירן. זיינע פינגער האָבן נערוועז גענומען פּלאָנטערן אין איר קליי־דונג. זי האָט אויסגעטאָן דאָס פּעלצל. אונטערן אַנגאָראַ־סוועטער מיט די בלויע פּאָמפּאָנען האָט פּולסירט לעבן, אין צאַפּלדיקע מיידל־שע ברוסטן. איר נאַקעטקייט האָט אים אַ ציי געטאָן, ווי אַ צעוויל־דעוועטער וואַסער־שטראָם, און ער האָט נישט געוווּסט וואָס פריער צו טאָן. אויסטאָן זי אינגאַנצן — אָדער אַליין פריער אַראָפּוואַרפן פון זיך די מלבושים — אַלץ איז פאָרגעקומען ווי אין חלום — און נישט וועלנדיק זיך אויפכאַפּן אין מיטן פון חלום — האָט חיים איר אַרויפגעלייגט אויפן בעט און איז צוגעפאַלן צו איר.

ערשט איצט האָט זי אים צוגעדריקט צו זיך, זיך איינגעקלאַ־מערט אין אים, ווי זי וואָלט מורא געהאַט — אַז ער וועט חרטה האָבן... חיים האָט געפיבערט מיטן גאַנצן קערפּער אין זיין ערשט־מאָליקייט...

— ג —

ליפּע איז צומאָרגנס שפּעט געשלאָפן. אין קאָפּ האָבן זיך אַרומגעבלאָנקעט וואָלקנס, ווי זיי וואָלטן געווען פון בליי. ס'איז אים אויסגעקומען, אַז די צונג אין מויל איז באַוואָקסן מיט אַ האָריקן פּעלץ. אונטערן לעפּעלע האָט געאיבלט. דער שלאָף, אַ קאָשמאַרנער, אַן אומרואיקער האָט אים געוואָרפן פון איין זייט אויפן צווייטן. טייל מאָל האָט ער געמאַכט אַ פולע אומדרייאונג און זיך ווידער אומגעקערט אויפן זעלבן זייט, אויף וועלכן ער איז פריער געלעגן. דורך זיין קאָפּ האָט עס מאַרשירט און די געדאַנקען, ווי זיי וואָלטן געגאַנגען אין שווערע, באַנעגלטע שיך — האָבן גע־שטעלט זעלנערישע טריט, פון וואָס עס האָט אים אַזש געדרוישט אין די אויערן. אין שלאָף האָט ער אינסטינקטיוו צוגעדריקט די שלייפן מיט די הענט, ווי ער וואָלט וועלן אָפּשטעלן דעם דאָזיקן מאַרש. ער האָט אויפגעריסן די אויגן, זיך אויפגעזעצט, מיט באָר־וועסע פיס געטאַפּט דעם וועג צום עמער מיטן קאַלטן וואַסער און ווידער אַ פאַל געטאָן אויפן קישן.

אַז ער איז אויפגעשטאַנען איז שוין געווען אַרום מיטאָג־צייט. ער האָט עפּעס געגעסן און זיך ווידער געלייגט. די נאַכט דאַרף ער

זיין דיזשורנער אין מעכאַנישן וואַרשטאַט. אַזוי פֿאַרלאַנגט דאָס סאָוויעטישע געזעץ: מלוכהשע אַנשטאַלטן דאַרפֿן דעם ערשטן מאַי און „אָקטיאַבערסקע" ווערן באַוואַכט קעגן סאַבאָטאַזשניקעס. אין שטעטל זענען קיין סאַבאָטאַזשניקעס טאַקע נישט געווען, נאָר געזעץ איז געזעץ. האָט מען באַשטימט וואַכן.

פֿאַרנאַכט האָט זיך ליפֿע באַוואָפֿנט מיט אַ בוך און איז גע־גאַנגען אָפּזיצן די צייט וואָס מ'האָט אים צוגעטיילט.

די נאַכט — אַ פֿרילינגדיקע, האָט אָנגערעגט צו שטיפֿרייען. נאָך דער פֿריערדיקער האָט זיך אים נישט געגלוסט צו לייענען. און ווייל קיין סאַבאָטאַזשניקעס האָט מען נישט געזען, האָט ליפֿע צוגעשלאָסן דעם וואַרשטאַט און איז אַוועק אין ביורא פֿון „פֿראָמ־קאָמבינאַט" אַ קוק צו טאָן — ווי ס'זעט דאָרטן אויס. קיינער איז דאָרט אויך נישט געווען. ער האָט אויפֿגעשלאָסן די ביוראָ און דורכגעקוקט די צימערן. אַלץ איז געווען אין אָרדנונג. אַנטקעגן, איבערן גאַס האָט זיך געלויכטן אַ פֿענצטער פֿון שטאָט־סאָוויעט. ליפֿע האָט דערקענט שעוועס פֿיגור לויטן שאָטן. עס איז געווען נאָך עמיצער דאָרטן, אויף דער קאַנאַפּע, נאָר ליפֿע האָט נישט גע־קענט דערגיין ווער דאָס איז. ער איז אַרויס אין דרויסן. עס איז געווען שטיל און פּוסט. מיטנאַכט. אַ יינגלישע נייגעריקייט האָט אים אַרומגעכאַפּט צו דערגיין מיט וועמען שעווע פֿאַרברענגט די נאַכט. ווי אַ קאַץ האָט ער זיך אַרויפֿגעדראַפּעט אויפֿן הויכן פֿונדאַ־מענט און מיטן ווינקל פֿון אויג געכאַפּט איין בליק און דערזען:

— אַ בלאָנדער שגץ — מסתמא דראָזדאָוו. די אַלטע ליבע...

ליפֿען האָט עס מער נישט געאַרט. ער האָט אַפֿילו נישט גע־וואָלט אַ ביסל לענגער הענגען ביים ברעג פֿענצטער. צו וואָס? קיין נייעס וועט ער שוין נישט זען.

זיין יינגלערישע נייגעריקייט איז געווען באַפֿרידיקט. איז ער אַוועק אָפּצוזיצן די צייט וואָס איז נאָך פֿאַרבליבן, ביזן אומבייט פֿון דער וואַך.

קאַפּיטל עלף

דער לעצטער אקארד...

מאי האָט זיך אריינגעגאָסן אין יוני. די טעג — אָן אָן ערך גרעסערע, און דער דרויסן — א צוגעלאָזענער. געאַרבעט האָט ליפּע נאָכט־שיכט. אזוי איז אים אויסגעקומען, וועט ער בעסער קענען דעם טאָג פארנוצן, אין אלטער פּאַרק און ביים בלויען וואַסער וואָס לעקט זיינע האַרטע, אויסגעבויגענע וואָרצלען, וואָס זענען פאַר־קראָכן אין דער אָזיערע.

דער אַלטער פּאַרק האָט פארמאָגט אין זיך עפּעס, וואָס האָט ליפּען געצויגן, א בענקשאַפט אַזאַ: צום גערויש פון די בוימער; צום פּלעסק פון וואסער אָן דעק פון שיפל.. ביידע — דאָס שיפל און דער וואַסער פלאַך האָבן זיך אזוי גוט צוגויפגערעדט, אז ליפּען איז געבליבן נישט מער ווי צו הערן, און פארשטיין. און ליפּע האָט פאַרשטאַנען, אז אזוי דאַרפן זיך פארליבטע קושן, ווען פייכטע, וואַרעמע ליפּן באַגעגענען זיך. דאָס צוויטשערן פון די פויגל אין די אַלטע קליאַנען,אין וועמעס בלעטער קרוינען יונגע זון־שטראַלן האָבן ארומגעשטיפּט; דער גרוילעך־בלויער וואסער פון דער אָזיערע, אין וועלכער גאָלדענע קאַרפּן האָבן ארומגעפּלעסקעט און ווייסע וואסער־ליליעס האָבן שלעפערדיק פארלייגט זייערע קעפּ אויף גרינע בלעטער־טאַצן — דאָס אַלץ האָט אין ליפּען געזונגען אָן ווערטער, בלויז א שטילע צאַרטקייט — ווי דער פליגל־באַוועג פון א שמעטערלינג אין דער זון, וואָס פרייט זיך מיטן טאָג.

ער האָט דאַן איינגעקלאַמערט די וויאָסלעס און א טרייב געטאָן דאָס שיפל איבערן וואַסער, אריין אין די גרינע איירן ווי אין א וואַ־סער־וואלד און זיך ווידער געטאָן א שלענגל ארום די ברעגן פון אַלטן פּאַרק — צו וועלכן נאָר פריצים האָבן ערשט דאָ נישט לאַנג

געהאַט אַ צוטריט. אַליין, אויפֿן שוים פֿון דער נאַטור, האָט אים אויסגעזען, אַז ער שווימט אַוועק ווייט, ווייט פֿון אַלע נאָכשלעפּעניש, וועלכע לייגן זיך ווי שטרויכלונגען אונטער די פֿיס.

אויך ווינטער איז ליפֿע נישט געווען ברוגז מיט דער אַזיערע. דאָס וואַסער — אַ גלאַטער קלאָרער שפּיגל איבער וועלכן עס איז גוט זיך אַ לאָז צו טאָן אויף שטאָלענע גליטשערס, איידער די וויוגע טוט עס אַ פּאַרוויי מיט שניי. ער האָט תּמיד געפֿונען נאָך עמעצן, אַ פֿאַרליבטן אין די אייזיקע ווייטן — אַ מיידל מיט לאַנגע, ברוינע קאַשטאַן האָר, וועלכע האָבן אין ווינט געפֿלאַטערט ווי אַ זעגל. די הענט — צוזאַמענגעפֿלאָכטן. די פֿיס — אין ריטמישע באַוועגונגען און די שטאָלענע גליטשערס האָבן זיי געטראָגן איבערן אייז...

רייד — ווער דאַרף רייד? אַז דער ווינט פֿאַרטרויט דעם סוד פֿון זילבערנע ווייטן און הענט זענען פֿאַרשלאָסן אין געמיינזאַמען ווילן פֿון זיין צוזאַמען — טאָ ווער דאַרף רייד?

דער פֿליעסק פֿון וואַסער אָן שיפֿל האָט ליפֿען אי דערמאָנט, אי איבערגעחזרט יענע פֿריידיקע שעהן, ווען אייז קאָן אָנגליען...

ליפֿע האָט געלאָזן די וויאָסלעס רוען. דאָס שיפֿל האָט זיך געוויגט איבערן וואַסער ווי אַ וויג, און אין וויג איז געלעגן אַ קינד — ליפֿע שאַפּיראָ, וועלכע האָט זיך געלאָזן פֿאַרוויגן ביים ראַנד פֿון טרוים, מיט וועלכן ער איז געווען היימיש־נאָענט און מיט וועלכן עס איז אים געווען אַ שאָד צו שיידן זיך. ער האָט זיך געקלאַמערט אין זיין זוים...

מאַי איז אַריין אין יוני. און ווייל יוני באַדייט אויך פֿרילינג איז עס אַ טייל פֿון לעבן, צו וועלכן ליפֿע שאַפּיראָ איז פֿאַראַנקערט.

האָט אין יוני דאָס לעבן אויסגעזען אָט ווי:

שעווע איז געווען אין דער גרויסער שטאָט אויף קורסן. פּרץ איז אויך נישט געווען אין שטאָט, און ווייל ליפֿע האָט אין די נעכט געאַרבעט — איז ער נישט געקומען אין קלוב פֿון די „ביעזשענצעס" צו אָפּט. ער האָט אַלץ נעהאַפּט, אַז זיין מיידל וועט קומען דעם זומער — און דערווייל געבענקט. צוזאַמען מיט שימעלען האָבן זיי נאָך פֿונדעסטוועגן אָנגעהאַלטן קאָנטאַקט מיט לילקען. דאָס האָבן פֿאַרלאַנגט ביידע — סיי שימעלע און סיי לילקע. ליפֿע איז געווען צווישן, כאָטש דעם איינדרוק האָט עס געמאַכט, אַז ליפֿע איז עס די אַקס — אַרום וועלכער אַלץ דרייט זיך, און שימעלע — דער צופֿעליקער באַקאַנטער. די דערהאַלטענע בריוו האָבן די חברים

פאַרנאַנדערגעלייגט, ווי עס וואָלט געווען אַ מעכאַניזם, וועלכן מען קאָן צענעמען און צוריק אויפשטעלן.

— עפּעס באַהאַלט זי אויס פון אונדז — האָט ליפּע ניכטער אַ זאָג געטאָן.

— די פריערדיקע בריוו זענען געווען מער פון האַרצן אַרויס, און דער — האָט ער אַ ווייז געטאָן אין פאַשריבענעם פּאַפּיר — איז אַזוי, פון יוצא וועגן.

— מיטאַמאָל ווילסטו גאָר זיין אַ שערלאָק האָלמס — האָט שימעלע נישט געוואָלט מסכים זיין. (דאָס האָט ער אים געגעבן אָנצוהערענישן אויף די דעטעקטיוו־ביכלעך, צו וועלכע ליפּע האָט זיך לעצטנס צוגעכאַפּט). ס'איז אַ בריוו ווי אַלע אַנדערע. דו פאַר־בעט איר, זי זאָל קומען אהער אויף זומער.

— און ווער וועט זיך מיט איר פאַרנעמען? דו ווייסט דאָך, אַז איך האָב אַנדערע פּלענער...

— וואָס הייסט ווער — און ווו בין איך?

— טאָ שרייב אַליין — איז ליפּע נישט באַשטאַנען.

— דיר וועט זי גיכער הערן. אַז דו וועסט בעטן, וועט זי קומען.

— איך וועל איר אָנשרייבן אַ בריוול קליפּ און קלאָר — האָט ליפּע געזאָגט. איך האָב פיינט זיך צו שפּילן אין סתם ברי־וועלעך. מ'איז שוין נישט מער קיין קינדער, און קיין גוטס קומט דערפון נישט אַרויס... פאַרלאָז זיך אויף ליפּען — ער האָט עס אַליין אויספּרובירט... און ליפּע האָט איר געשריבן קליפּ און קלאָר:

„ס'זעט מיר אויס, אַז דו האָסט אַ בחור און טאָמער איז ער אַ פיינער יאָט, וועסטו געווים מיט אים חתונה האָבן, ווייל אַזעלכע מיידלעך ווי דו לאָזט מען לאַנג נישט שפּילן זיך מיט ליאַלקעס"...

— נישט געדאַרפט אַזוי שרייבן — האָט שימעלע געהאַט טענות, ווען נאָך וואָכן איז קיין ענטפער נישט געקומען.

— ווייסטו גאָר וואָס, יינגל — שרייב דיר אַליין און מיר לאָז אַרויס פון עסק.

אין אַ פּאָר טעג אַרום, נאָך דעם דאָזיקן געשפּרעך, איז שימע־לעס קוזינע אָנטקעגן געקומען ליפּען מיט אַ ברייטן שמייכל:

— מזל־טוב דיר, ליפּע!

ליפּע האָט פאַרזשמורעט איין אויג, איר אָנגעקוקט און מיט פאַרדאַכט אַ פרעג געטאָן:

— מיר? וואָס עפּעס?
— לילקע האָט חתונה געהאַט! מזל־טוב!
— גיי איך שוין אהיים. מסתמא האָב איך אויך א בריוו...

און לילקע האָט טאַקע געלאָזט פון זיך וויסן:

„איך האָב געפונען א מענטשן, וועלכן ס'איז ווערט אוועקצו־שענקען מיין יונג האַרץ און מיין יונג לעבן. מיר האָבן חתונה געהאַט..."

— מזל־טוב שימעלע! — האָט ליפּע באַגריסט זיין חבר — מיר זענען פּטור פון שרייבן. לילקע האָט חתונה געהאַט...

שימעלע האָט נישט געענטפערט. עס איז קאָנטיק געווען, אז ער לעבט עס איבער.

— ווען נישט דו — האָט ער זיפץ געטאָן — וואָלט דאָס אַנדערש געווען, נישט באַדאַרפט איר לאָזן דעמאָלט פאָרן...

— ביזט א פאַרפאַלענער טרוימער — האָט שוין ליפּע נישט אויסגעהאַלטן.

— מען קען נישט חתונה האָבן מיט יעדן מיידל, אין וועלכעס מער פאַרליבט זיך. אויף נישט זאָלסטו קיינמאָל קיין חרטה נישט האָבן...

— ב —

זיי זענען אוועק צום אַמשינאָוועך. ביים מאַשין האָבן זיי אים געטראָפן. אויסגעענדיקט א לעדערנעם רעקל.

— ארבעטס צו פיל — האָט אים ליפּע געזאָגט.

— אז כ'מוז ארבעטן פאַר צוויי — האָט זיך דער אַמשינאָוועך פאַרענטפערט.

— און ווו איז חיים?

— ער איז אוועקגעפאָרן אין דער גרויסער שטאָט אריין...

— וואָס עפּעס?

דער אַמשינאָוועך און שימעלע האָבן זיך איבערגעקוקט. פון זייערע בליקן איז קלאָר געוואָרן, אז זיי האָבן א געמיינזאַמען סוד. זיי באַהאַלטן עפּעס אויס פון אים. די נייגעריקייט האָט אים געפרעסן, נאָר ער וועט זיך דאָך נישט גיין בעטן. דער אַמשינאָוועך האָט זיך אויפגעשטעלט, ארויסגענומען גלעזער, א פלעשל און די חברים האָבן אויסגעטרונקען און צוגעביסן מיט ווייסן פּויערישן קעז.

— מירן גיין אין פּארק אריין — האָט שימעלע פאָרגעלייגט.
— מען טאַנצט היינט אויף דער „פּלאַשטשאַדקע"...

האָבן זיי אויסגעטרונקען נאָך צו גלעזלעך, און זענען אוועק. אין פּאַרק איז שוין געווען פינצטער, און זיי האָבן נישט געזען ליפּעס פּנים. דאָ האָבן זיי באַשלאָסן אים עס צו דערציילן.

— חיים איז אין דער גרויסער שטאָט. געפאָרן זען זיך מיט שעוועץ...

— אזוי ווייט איז עס שוין זייער פריינדשאַפט? האָט ליפּע געוואָלט וויסן.

— זי האָט זיך אָנגעהויבן יענע נאַכט — דעם ערשטן מאַי. חיים האָט איר געבראַכט אין אונדזער צימער און געשלאָפן מיט איר אויפן בעטל...

כאָטש ליפּען איז דאָס שוין מער נישט אָנגעגאַנגען האָט עס אים א ברי געטאָן פון ווייטאָג. אים האָט פאַרדראָסן, וואָס שעווע ווערט צו נאָנט מיט זיינע חברים. א מיידל מיט וועלכער ער איז אַרומגעגאַנגען. וואָס טראַכטן אצינד די חברים פון אים?

— ווער האָט עס אייך דערציילט, חיים? עס פעלט אים קוראַזש אויף אזא מין העלדישקייט — צו בלייבן אליין מיט א מיידל... — האָט ליפּע מיטן טאָן פון א ווייסער א זאָג געטאָן, כאָטש געפילט האָט ער — ער ראַוועט זיך ווי א טרינקענדיקער, אָן דער לעצטער האָפענונג.

— חיים האָט טאַקע געשוויגן. זיך געמאַכט פאַר א לעמעלע. נאָר זאַלקע האָט עס דערציילט. ער איז געלעגן וואַך אויפן בעטל און אַלץ צוגעזען... שפּעטער האָט זיך שוין חיים אויך מודה געווען...

— און די צווייטע נאַכט אין גאָר־סאָוויעט — האָט שימעלע גענומען דערציילן. —

— כ'וויים — האָט ליפּע איבערגעריסן — זי איז געווען מיט א בלאָנדן שגץ... איר אַלטע ליבע...

— דער בלאָנדער שגץ, איז געווען פּרץ...

הייסט עס אַלע. יעדער איינער נאָך דער ריי. צוערשט חיים, דאַן פּרץ און ביזן אַמשינאָווער און די אַנדערע איז עס נאָר א פראַגע פון צייט...

דאָס האָט ליפּען געקרענקט און א ביטערניש האָט אים געגעסן:

— צו וואָס דאַרף איך עס וויסן. וואָס אייגנטלעך גייט עס מיר אָן ? ! ! ! אָבער פאַרט. ער האָט די געדאַנקען נישט געקענט פאַריאָגן.

דער קוועקזילבער אין טערמאָמעטער פון זיין זעלבסט־געפיל איז געפאַלן ביז נול.

— ווען מען קאָן נעמען א שווערד און אָפּשניידן זיך פון דער פאַרגאַנגענהייט... האָט ליפּע געטראַכט. פאַרגעסן. אויסמעקן. א בחור פון צוואַנציק יאָר—און שוין לאָזט מען מיר נישט לעבן מיין אייגן לעבן... און יעדער מוז אַרויפטרעטן דווקא אויף דעם אָרט — ווו עס טוט מיר וויי...

זיין גאַנצן ווילן האָט ער אָנגעשטרענגט — צו פאַרגעסן. נאָר ליפּע האָט געהאַט א שוואַכן ווילן — ווי זלידנע פליגן זענען די געדאַנקען צוריקגעקומען און אים געביסן. ליפּע האָט געטאַנצט. א מיידל מיט גלאַטע האָר און א רונדיק פּנים האָט זיך לייכט געוויגט אין זיינע הענט און איר קערפּער האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן אים, אביסל שוין צו פיל, ווערליק די כּללים פון טאַנץ האָבן פאַרלאַנגט. נאָר ליפּע האָט עס נישט געפילט. זיינע געדאַנקען זענען געשפּרונגען פון אייזערנעם בעטל אין חיימס צימער ביזן פאַר־מאַכטן חדר אין דער גרויסער שטאָט — — —

— זאָל זי שוין חתונה האָבן און א סוף און עק — האָט ליפּע ביי זיך אָפּגעמאַכט. זי איז צו טיף אין אים אריינגעוואָקסן, און נאָר אזא אָפּעראַציע וואָלט אים געקענט באַפרייען פון איר איינ־פלוס. ער וואָלט דאַן געקענט אוועקשטעלן דעם ענטגילטיקן פּונקט צו דער פאַרענדיקטער פריינדשאַפט. נאָר ביז דאַן — האָט ער געפילט — וועט ער מוזן ליידן. ווייל ער קען זיך נישט באַפרייען פון דעם קרייז פון איר אויסווירקונג, און מוז וויברירן — ווי די מאַגנעטישע נאָדל פון קאָמפּאַס...

דער טאַנץ־אָוונט האָט זיך געענדיקט. ליפּע האָט דאָס מיידל גענומען אונטערן אָרעם און אָפּגעפירט אהיים.

— אָ, לאָז אָפּ — האָט זי זיך געבעטן — שעווע קען דערזען, און וואָס וועט זי דאַן טראַכטן פון מיר ?

ווען א בריענדיקער פונק וואָלט אצינד געפאַלן אויף זיין לייב, וואָלט ער עס אזוי ווייטיקלעך נישט אָפּגעפילט, ווי דער זאָג פון א צופעליקער באַקאַנטער.

— איז וואָס דאַרף איך טאָן ? — האָט עס געהאַמערט אין זיין מוח — אַרויסגיין אין מיטן מאַרק און שרייען : ניין — שעווע

איז מיר גאָרנישט, אָבער אבסאָלוט גאָרנישט! ס'איז אַלץ צווישן אונדז געענדיקט!!! און אויב איך וועל אפילו אזוי טאָן, צי וועט מען מיר גלויבן?!

ליפּע האָט דאָס מיידל פעסטער גענומען אונטערן אָרעם.

— זי איז נאָך נישט מיין פרוי, און ביז דאַן קען איך ארומגיין מיט וועמען ס'געפעלט מיר. איז עס נישט אזוי?

— יאָ, א ביסל ביזטו גערעכט — דאָס מיידל האָט געשמייכלט וואָס ליפּע רעכנט איר אריין צווישן די, וועלכע ס'געפעלן אים.

ביים טויער זענען זיי שטיין געבליבן. צוערשט האָט ליפּע געוואָלט פארענדיקן דעם אָוונט נישט סתם אזוי, נאָר לאָזן אָפּן א טירל פאר א צווייטער באַגעגעניש. נאָר ער האָט מורא געהאַט, טאָמער קערט זי זיך ווידער אום צו א געשפּרעך וועגן שעווען — און דאָס וואָלט שוין פאר ליפּען געווען צו פיל. ער האָט איר איינפּאַך געדריקט די האַנט, און א זאָג געטאָן:

— א גוטע נאַכט...

ער האָט גענומען שפּאַנען אָן א ציל איבער די געסלעך. פארביי הייזער. ארום ציען זיך גערטנער. אָט איז דער בית־עולם. ער איז ווידער אריין צווישןביימער. שטיקלעך אָפּגעריסענע לבנה, ווי שטיקלעך זכרונות, זענען אים נאָכגעגאַנגען. ער האָט געוואָלט אי זיין מיט זיך אליין, אי אַנטלויפן פון זיך. דער אָנגעוואַקסענער פארדראָס איז אריבער אין אָן אומרו. זיינע פויסטן האָבן זיך הילפלאָז געקלאַמערט. איין געדאַנק האָט געיאָגט דעם צווייטן. ער האָט געוווּסט: שלאָפן וועט ער סיי ווי נישט...

גיין... גיין... ביז ער וועט מיד ווערן, און די מידקייט זאָל אים איינשלעפערן... די פארטאָגיקע קעלט האָט זיך גענומען פארקלייבן אונטערן העמדל...

— ג —

דער לערער פון די קורסן פאר די נייע קאַדרען האָט געטראָגן א מיליטערישן מונדיר מיט גאָלדענע קנעפּ. ער איז געווען א געזעצטער מאַן, מיט ברייטע אַקסלען. אין די שלייפן האָבן זיך שוין דורכגעוואָרפן פּאַסיקלעך זילבער. די אויגן בלוי, פארחלומטע האָבן בשום אופן נישט געפּאַסט צום גרינעם מונדיר, מיט די גאָלדענע קנעפּ. אויך דאַוויד סעמיאָנאָוויטש, האָט זיך ווייסט אויס אין אים געפילט

נישט צו באַקוועם, ווייל זיינע פינגער האָבן געהאַלטן אין איין אויפהעקלען און צוהעקלען די העקלעך פון שטייפן קאָלנער ביים האַלדז. דער מונדיר איז געווען עטוואָס ענגלעך אויף אים, מחמת ער שטאַמט נאָך פון די יאָרן, ווען דאַוויד סעמיאַנאָוויטש איז געווען לעקטאָר פון פּאָליטיש־סאָציאַלע וויסנשאַפטן אויף דער לענינגראַ־דער מיליטערישער אַקאַדעמיע. די פאַרשריפטן האָבן פאַרלאַנגט, אַז די אַלע וואָס האָבן צו טאָן מיט דער אַקאַדעמיע זאָלן זיין מיליטער־לייט, איז דאַוויד סעמיאַנאָוויטש דערשינען צו די לעקציעס אין א גרינעם מונדיר מיט גאָלדענע קנעפּ. דער מונדיר האָט נישט געהאַט קיין אָפּצייכענונגען, לויט וועלכע מ'וואָלט געקענט זיך אָריענטירן אין ראַנג פון דעם, וואָס שפּאַצירט זיך געלאַסן איבערן צימער, און פון צייט צו צייט פאַרשרייבט ער עפּעס אויפן טאָפל, כדי די שילער זאָלן עס בעסער באַנעמען. די סטודענטן האָבן עס דעריבער באַטראַכט פאַר א מיליטערישן סוד, און אים פּשוט גערופן:

— חבר קאָמאַנדיר, אָדער גאָר פאַמיליאַר, אויפן רוסישן שטייגער: דאַוויד סעמיאַנאָוויטש...

דעם באַפעל זיך צוצושטעלן אין דינסט פון קריגס־קאָמיסאַריאַט האָט ער באַקומען אין דער לעצטער מינוט, און דעריבער האָט ער נישט געוווּסט, וואָס פאַרא אויפגאַבע עס שטייט אים פאָר. ווייל כאָטש ער האָט געטראָגן דעם מונדיר פון א מיליטערמאַן, און מיט זיין האַנט אונטערגעשריבן צייגענישן פאַר אָפיצירן, וועלכע זענען שוין ווייט אַוועק אין דער מיליטערישער הערארכיע, האָט דאַוויד סעמיאַנאָוויטש כמעט נישט געהאַט קיין מיליטערישע צוגרייטונג. ער האָט אויך נישט געקענט זאָגן ווי אַזוי ער וועט זיך אַן עצה געבן, אין א ריכטיקער שלאַכט. ווען ער האָט זיך געזעגנט מיט דער אַלטער מאַמען, אין זייער קליינער, לענינגראַדער וווינונג, האָט זי מיט טיפער זאָרג אַריינגעקוקט אין זיינע אויגן:

— וואָס וועסטו דאָרטן טאָן מיין זון?

— נעם זיך נישט צום האַרצן מאַמע — דאָס זענען געוויס נישט מער ווי איבונגען — האָט איר דאַוויד פאַרזיכערט — מען וועט אביסל אויסטרייסלען די אַלטע ביינער...

די מאַמע האָט אָבער געהאַט א פאָרגעפיל. מיט דער אַרמיי איז דאַוויד סעמיאַנאָוויטש אָנגעקומען אין דער גרויסער שטאָט פון פּוילן, וואָס האָט זיך שוין אַצינד געפונען אין מעריב־ווייסרוסלאַנד

ערשט דאַ האָט ער דערהאַלטן זיין באַפעל און לויט אים איז אויסגעקומען, אַז דאוויד סעמיאָנאָוויטש איז באַשטימט ווי אַ פּאָליטי־שער קאָמיסאַר ביים שטאַב, און נאָכער אַלס פּאָליטישער ליטער אויס־צובילדן די נייע קאַדרען, וואָס וועלן פאַרוואַלטן די באַפרייטע געביטן פון מערב־ווייסרוסלאַנד.

כאָטש זיינע סטודענטן זענען אַציגד געווען יידישע און ווייס־רוסישע בחורים און מיידלעך, פונדעסטוועגן האָט דאוויד סעמיאָ־נאָוויטש נאָך אַלץ געטראָגן דעם מונדיר מיט די גאָלדענע קנעפּ. די שילער האָבן געהאַט דרך־ארץ פאַר די קנעפּ מיטן סערפּ און האַמער. נאָך דאוויד סעמיאָנאָוויטש האָט געטראַכט, אַז ווען ער האָט אַ ציווילן אָנצוג, אָט ווי די פּוילישע בירגער, וועלכע ער האָט נאָר וואָס באַפרייט פון די פּוילישע „פּאַנעס", וואָלט ער אים מיט שטאָלץ געטראָגן. וואָרעם זינט ער געדענקט האָט ער נאָך קיין אָנצוג — הויזן מיט אַ מאַרינאַרקע פון איין קאָליר באַשטעלט ביי אַ שניידער — קיינאָל נישט געהאַט.

שעווע איז געווען איינע פון זיינע שילערינס. זי האָט געטראַכט וועגן אים, נישט נאָר ווי וועגן אַ לערער — נאָר טאַקע ווי וועגן אַ מאַן אויך. אָפּגעשאַצט, אַז ער דאַרף נישט אַלט זיין מער ווי אַ יאָר פינף־זעקסאונדרייסיק, און ווערליק זיין מונדיר וואָס זאָגט גאָרנישט, מוז ער זיין אַ וויכטיקער פּאַרטיי־מאַן. זי האָט שוין אַלץ געוווּסט וועגן אים, וואָס עס לאָזט זיך אין אַזאַ פאַל וויסן: ער איז אַ ייד און שטאַמט פון לענינגראַד. דאָס יידישע אין אים האָט פאַר איר נישט געהאַט קיין באַדייטונג. שעווע האָט געהאַט אַ ספּעציעלן חוש צו אויסטיילן זיך פון אַ קלאַס, אַ פיל גרעסערן ווי דער קורס. אפילו פון צווישן די זעכציק שילער פון איר קלאַס, אין דער פּוי־לישער פאָלקס־שול האָט איר דער לערער ווראָבלעווסקי באַמערקט, אים האָט עס אַ רודער געטאָן און ער האָט איר אַרויסגענומען שפּאַצירן אויפן מאָטאָציקל ווייט הינטערן שטאָטישן וואַלד. ער איז געווען שטאָלץ ביי זיך מיט זיין אַנטדעקונג, ווייל שעווע איז שוין געווען מער ווי אַ שילערין — זי איז געווען אַ פרוי, און ער האָט זיך גאָרנישט געכאַפּט, אַז נישט ער האָט שעווען געפונען — דאָס האָט זי אים גאָר צוגעצויגן, ווייל זי האָט פאַרמאָגט אין זיך עטוואָס — צו וועלכעס מענער קאָנען נישט בלייבן גלייכגילטיק.

דאָס דאָזיקע מעדיום האָט אין איר איצט אַ שפּיל געטאָן און דאוויד סעמיאָנאָוויטש האָט איר באַמערקט. זיין בליק האָט זיך לענגער

פאַרהאַלטן אויף איר און אָן זיין ווימן, איז עפּעס פאָרגעקומען אין זיינע געדאַנקען. ער האָט דעריבער נאָכגעקוקט אין זשורנאַל, ווו עס זענען געגעבן פאַרשריבן די שילער, און זייער סאָציאַלער אָפּשטאַמונג. אין שעוועס רובריק האָט ער איבערגעלייענט: „שעווא גערשאָוונאַ, אלט 22, איז ראַבאָטשיך".

— א יידיש מיידל פון א קליין שטעטל — האָט דאַוויד סעמיאָ־נאָוויטש א טראַכט געטאָן. אין זכרון האָבן אויפגעטויכט זיין טאַטנס מעשיות וועגן יידישע טעכטער פון דער אַמאָליקער טשערטא (תחום־המושב), וועלכע זענען די ערשטע קרבנות פון א פּאָגראָם...

ער האָט אויך דער מאַמען צוגעזאָגט, אַז טאָמער וואָס — וועט ער זען צו קומען צווישן יידן. און אפשר טראַכט די מאַמע וועגן א שידוך פאַר אים — האָט ער א זאָג געטאָן צו זיך אליין — און מאָדנע — ס'איז אים נישט אויסגעקומען אינגאַנצן קרום... דאַוויד סעמיאָנאָוויטש איז נאָך אַלץ געווען א בחור.

אין קרייז פון זיין לעבן האָט זיך טיילמאָל אריינגעריסן א פרוי; מיטגעגאַנגען א שטיקל וועג — און ווידער פאַרשוווּנדן. חתונה האָבן איז פאַר אים נישט געווען א ציל פאַר זיך, נאָר ווי א פונקציע פון א נאָרמאַלן מענטשן ווען ער קוקט אין רייפן עלטער. חתונה האָבן, ברענגען א דור אויף דער וועלט און שאַפן זיך א היים, וועגן דעם האָט ער נאָך נישט געטראַכט. תמיד א מאַך געטאָן מיטן האַנט — ווען די מאַמע האָט גערעדט וועגן תכלית. דאַוויד האָט עס איר צוגעזאָגט.

— וואָס שטעלט ער דאָ איין?

— פּאָרסט אהיים אויפן פרייען טאָג? — האָט ער אין רוסיש א פרעג געטאָן שעווען, ווען ער האָט צוזאַמענגענומען די פּאַפּירן, נאָך דער לעקציע.

— ניין — איך פאַרבלייב דאָ.

— דאַרף איך דיך איינלאַדן אין פּאַרק אריין? האָט ער איר פאָרגעשלאָגן, נישט אָן אן אינערלעכער אומרואיקייט, ווי ער וואָלט א יונגער בחור געווען.

— אָ, מיטן גרעסטן פאַרגעניגן — האָט שעווע א לאַכעדיקע געענטפערט.

א פּאַרק פון הויכע, שלאַנקע סאָסנעס און ברייט־אָרעמדיקע

יאָדלעס. דאָס איז אַלץ וואָס איז געבליבן פון דורות־אַלטן וואַלד. האָט מען עס ארומגעצוימט מיט א פּאַרקאַן פון שטעכל־דראָט, און אויפן טויער אַן אויפשריפט: שטאָטישער פּאַרק. שפּעטער איז צו דעם טאָוול צוגעקומען נאָך איינער: פּאַרק פאַר קולטור און אָפּרו, א. נ. פון מאַקסים גאָרקי.

דער זוניקער פרימאָרגן האָט זיך נאָך געטוליעט צו די שטאַ־מען פון די בוימער, ווער איבער די שטעגן, באַשאָטענע מיט זאַמד האָט זיך דערהערט דער סקריפּ פון טריט. איין טראָט, א שווערער האָט איבערגעלאָזן אויפן זאַמד אָפּדרוקן פון שטיוול, און דער צווייטער — פון לייכטע פרויען שיך. די דאָזיקע שפּורן האָבן זיך אָפּגעדריקט איינס ביים צווייטן, אין פּייכטן, געלן זאַמד..

דאַוויד סעמיאָנאָוויטש האָט זיך פאַר שעווען געוואָלט ווייזן נישט מיט זיין קענען פּאַרטיי־געשיכטע אָדער די קאָמפּליצירטע ווענגן פון מאַקס טעאָריעס. דאָס סאַמע אויסטערלישע וואָס ער האָט פאַרמאָגט — אַזוי האָט זיך אים געדוכט — איז די קענטשאַפט פון יידישן לשון. כאָטש אַלע יאָרן האָט ער געלעבט אין לענינגראַד און געהאַט צו טאָן מיט רוסן, האָט ער פונדעסטוועגן באַוויזן אָפּצו־היטן די ירושה פון זיין קינדהייט — די יידישע שפּראַך. ער האָט זי גערעדט מיט שטאָלץ.

זיין יידיש — ווי פון א רוסישן ייד איז פול געווען מיט האַרטע רייש, אָבער די זאַצן האָט ער ריכטיק צוזאַמענגעשטעלט.

ער האָט אַפילו פאַרגעדענקט אַזא מין גלייכווערטל ווי: — ביזט א מויד ווי א צימעס — און דערביי האָט ער אַזא קוק געטאָן אויף שעווען וואָס ביידע האָבן זיך פאַרנאַנדערגעלאַכט — און ביידע האָבן דערפילט א נאָנטקייט דורך דעם, ווי אָט דער איינער זאַץ, וואָלט א באַריער אומגעוואָרפן.

פאַר שעוועז איז עס געווען אַזוי נאַטירלעך, אַז א ייד דאַרף קענען יידיש — אַז זי האָט עס אַפילו נישט באַמערקט. פאַרקערט — זי האָט אים געוואָלט באַווייזן, אַז אין דעם קורצן פּעריאָד אונטער די סאָוועטן האָט זי באַהערשט די רוסישע שפּראַך און אויך פיל פון די סאָוועטישע פירונגען. האָט זי אים געענטפערט אויף רוסיש, ווען ער האָט אָבער גענומען איר קליין הענטל אין זיין פעסטער, מענערישער האַנט און זי א דריק געטאָן — האָט זי דערפילט א באַ־דערפעניש צו זיין נאַטירלעך — א פרוי.

דער פרימאָרגן איז פארביי: זיי האָבן געגעסן מיטאָג אין קליי־נעם רעסטאָראַן פון פּאַרק, און ווען די זון האָט זיך גענומען זעצן הינטער די סאָסנע ביימער, האָבן זיי באַמערקט, אז זיי זיצן ביידע אויף זיין גרויען שיניעל, אין א ווינקל פון פּאַרק. אָט אזוי — צוויי אַלטע באַקאַנטע.

ארום איז געווען שטיל. דער זונענפאַרגאַנג און די שאָטנס פון ביימער האָט זיי איינגעהילט, ווי צוויי פארגעסענע קינדער. זיי האָבן זיך א ווײַלע אָנגעקוקט, צוגערוקט די ליפּן נאָענט צו איינאַנדער און זיך פארקלעמט. לאַנג האָבן זיי געזויגן די פייכטע ווארעמקייט פון הייסע ליפּן און הענט האָבן פיבערדיק געזוכט די קערפּערלעכע טיילן, דורך וועלכע מען ווערט איינס. צונויפגעגאָסן מיטן פּאַרק האָבן זיי, ווי דאָרשטיקע ביים וואסער, זיך נישט געקאָנט זאַט אָנטרינקען פון קוואַל — וואָס האָט זיך פאר זיי געעפנט.

זיי האָבן נישט געקאָנט מער זען דעם אויסדרוק פון די אויגן, אָבער דער פיבער אין זייערע קערפּערס האָט אין דער קילער טונקל־קייט געגליט מיט פייער. א ווײַלע שפּעטער, ווען דאַוויד סעמיאָנאָ־וויטש האָט דערזען פון אויסגעשטערנטן הימל, פּאַלט אראָפּ א פינקל־דיק שטערנדל — האָט עס אים אויפגעוועקט פון דער פארגעסנקייט:

— טייערע — האָט ער זי ארומגענומען — ווילסטו די רגע זאָל צווישן אונדז תמיד בלייבן?

און שעווע — א ניי־געבוירענע — האָט מיט א שטילן פּרעפּל איינגערוימט אים ווי א סוד:

— איך וויל די רגע זאָל געדויערן אן אייביקייט...

איבער איר — איז דער הימל געהאָנגען א גראַנאַטענער אָנגע־פּיקעוועט מיט שטערן. ערגעץ ווו צווישן זיי בלאַנקעט ארום מיין גורל — האָט שעווע געטראַכט. וועלן זיך אונדזערע שטערן באַגע־גענען — געוואָלט האָט זי: זיי זאָלן.

זי האָט אויך געוואָלט וויסן: וואָס טראַכט אצינד דאַוויד סע־מיאָנאָוויטש? איז ער אַנטוישט אין דעם, וואָס ער האָט נישט געפונען דאָס, וואָס מ׳זוכט געוויינטלעך ביי א מיידל, אָדער האָט ער עס נישט באַמערקט?

זיינע רייד האָבן זי ארומגענומען מיט ווארעמקייט. וועט ער אינדערפרי נישט נעמען טראַכטן אַנדערש?

שעווע האָט שוין גענומען צווייפלען אין דער ערנסטקייט פון מענער.

נאָכער — ווען זיי זענען שוין געזעסן ביי דאוויד סעמיאָנאָוויטש אויף דער קוואַרטיר, האָבן זיי נאָך אַלץ נישט געקאָנט זיך אָפּוואונדערן פון אָט דער נאָנטקייט וואָס איז אריין צווישן זיי.

— דעם טאָג — אזוי האָט דאוויד סעמיאָנאָוויטש פארזיכערט, וועל איך תמיד גערענקען. — גיב מיר דיין האַנט — האָט ער איר געבעטן. שעווע האָט א פארליבט שמייכל געטאָן.

ס'איז איר קלאָר געוואָרן:
זי האָט געוווּנען...

זיי האָבן אָפּגעשמועסט א דאַטע. אין א וואָך ארום פאָרט ער קיין לענינגראַד, און אין א דריי וואָכן קומט שעווע אהין, זיך צו באַקענען מיט זיין מאַמען.

— וועט זיך עס די אַלטיטשקע דערפרייען — דו ביזט די שנור אויף וועלכער זי האָט דאָס גאַנצע לעבן גאָט געבעטן.

דאָס האָט איר דאוויד סעמיאָנאָוויטש געזאָגט, ביים געזעגענען זיך, ווען דער צוג האָט מיט א פריילעכן פייף, אוועקגעפירט אים אין די ווייטן...

— ד —

אָן שווערקייטן האָט שעווע ארויסבאַקומען א דערלויבעניש צו פאָרן קיין לענינגראַד. די אַלטע קאָנטאַקטן ווי אן אויסגעטראָ־טענער וועג — זענען נאָך נישט פארווישט געוואָרן. די נאַטשאַל־ניקעס צו וועלכע זי האָט געמוזט אָנקומען האָבן עס פאַר איר געטאָן, ווי פאַר אן אייגענער.

אין דער היים האָט זי קיינעם נישט דערציילט וועגן דעם, צוליב וואָס זי פאָרט, און וואוהין זי פאָרט.

— פון דער מאַמען וועט עס גיין איבער דער גאַנצער שטאָט — האָט זי געטראַכט און ביידע זינגער זענען תמיד גרייט קאַליע מאַכן, מען פארגינט נישט. זאָל מען זיך שפּעטער דערוויסן.

דער איבערפלוס פון געפילן האָט פאָרט געזוכט א וועג זיך אויסצולאָדן, און זי האָט עס פארטרויט בסוד איר שוועסטער:

— כ'פאָר קיין לענינגראַד. אפשר וועל איך שוין נישט צוריק־קומען — כ'וועל דאָרטן חתונה האָבן.

ציפּקע, כאָטש זי איז געווען א וואָסערע דריי יאָר יינגער, און אין שוועס אויגן אויסגעזען ווי א קינד וואָס נעמט זיך ערשט צע־וואַקסן — האָט פונדעסטוועגן געהאַט איר אייגענע מיינונג וועגן דער גאַנצער זאַך. אַרבעטנדיק ביי ליפּעס פעטער אין דער גאַלאַנטעריע־קראָם האָט זי געהערט, אז די משפּחה פאַרעכנט שוין שעוועס ווי אַן אייגענער. אפילו איר האָט מען נישט באַטראַכט ווי אַן אַרבע־טער, נאָר ווי אַן אייגן קינד. דורך אַלע יאָרן האָט זי זיך צוגע־וווינט צו זען ליפּען און שעוועס צוזאַמען. ס'האָט אויך נישט איינ־מאָל פּאַסירט, אז ציפּקע זאָל דאַרפן גיין מיט א שליחות צו ליפּען. זי האָט זיך צוגעוווינט צום געדאַנק, אז ווען ליפּע און שעווע וועלן עלטער ווערן, וועלן זיי חתונה האָבן.

שעוועס אַנטפּלעקונג איז געווען פאַר איר א נייעס, אויף וועלכער זי האָט זיך אַמווינציקסטן געריכט. נאָר געזאָגט האָט זי גאָרנישט דערויף.

שעווע איז אַוועקגעפאָרן.

אין מינסק — די ערשטע סטאַציע אויפן וויַיטן וועג — האָט שעווע באַשלאָסן אויפצוזוכן קרובים און פאַרבלייבן דאָ עטלעכע טעג, אָנצוקוקן די שטאָט.

— אין לענינגראַד בין איך שוין א געבונדענער מענטש. — לאָמיר דערווייל נאָך א ביסל פאַרברענגען.

פאַרברענגען — דאָס איז געווען שעוועס טרוים נאָכן אַרויס־פאָרן פון שטעטל. א פרייער פויגל.

ציפּקע האָט צופעליק באַגעגנט ליפּען:

— וואָס מאַכסטו ציפּקע, וואָס הערט זיך ביי דיין שוועסטער?

דאָס האָט ליפּע געזאָגט סתם אזוי, כדי עפּעס צו זאָגן און נישט דאַרפן שווייגן.

ציפּקע איז געווען אויף ליפּעס זייט דעריבער האָט זי געזאָגט:

— זי איז אַוועקגעפאָרן קיין לענינגראַד חתונה האָבן...

ליפּען האָט דער גרום אי געפרייט, אי געערגערט.

— אז די אויגן וועלן איר נישט זען — האָט ער געטראַכט — וועט מען פאַרגעסן. נאָר אינערלעך, אויסער זיין קאָנטראָל האָט דער וואָרעם געטאָטשעט...

— צו וואָס אייגנטלעך, דאַרף איך דאָס אַלץ וויסן — פאַר־וואָס דערציילן מיר אַלע אַזוינע זאַכן, וואָס כ׳דאַרף גאָר נישט וויסן — איז אים אַ בליץ אַדורך, דורכן מוח...

נאָר ציפּקען האָט ער געענטפערט:

— זאָל זיין מיטן רעכטן פוס... מירצעשעם ביי דיר...

אין ליפּעס טאָן האָט ציפּקע אַרויסגעפילט חוזק, כאָטש ליפּע האָט עס דווקא געזאָגט מיט אַ גראַד פון ביטערקייט.

— ביי מיר? עסט נאָך צוואַרטן...

— ה —

— יוני

דער פרימאָרגן, אַן אויסגעשלאָפענער, זוניק־צעשטראַלטער האָט שעווען געטראָפן אין דרויסן. דאָס נאַכט־העמד איז אויף איר נאַכלעסיק געהאָנגען און די שוואַרצע האָר — צעשויבערט. נאָר קיינער האָט דערויף קיין אַכט נישט געלייגט. אירע אומרואיקע, צעשראָקענע אויגן האָבן געזוכט איבער דער גאַס, איבער די פּנימער פון די מענטשן, נאָר קיינער האָט נישט געקענט פאַרענטפערן די פראַגע:

— וואָס איז געשען?!!!

די מענטשן האָבן זיך אויף שעווען נישט אַרומגעקוקט. אויך זיי זענען פון די בעטן אַרויסגעשפּרונגען גלייך אין זוניקן דרויסן, מחמת די הייזער האָבן זיך געשאָקלט, ווי שיכורע, און ערגעץ האָט עס געדונערט, אַזש די בעטן זענען אונטערגעשפּרונגען.

אויפן בלויען האָריזאָנט האָבן זיך באַוויזן אַ שורה זילבערנע עראָפּלאַנען, ווי ווייסע פויגל. מיטאַמאָל האָט עס גענומען פייפן, מיט אַ ווילדן געוויי: וויו... או... או...

און נאָך יעדער אַזאַ געוויי האָט זיך דערהערט אַ מוראַדיקער קנאַל, פון וועלכן ס׳איז אויפגעגאַנגען אַ וואָלקן שטויב און פאַר־שטעלט דעם הימל. אַז דער וואָלקן האָט זיך אויפגעלייזט אין פרי־מאָרגן, האָט פון אַ גאַס הייזער געפעלט אַ העלפט, און פון אומעטום האָבן זיך דערהערט קרעכצן. דאָס האָבן גוססדיקע מענטשן געוויינט נאָך הילף. פּלוצלינג האָט עס גענומען ברענען. די גאַס — אַלע

גאַסן, פון אומעטום האָבן זיך געטראָגן קנוילן רויך באַגלייט פון פייער־צונגען.

עס האָט זיך געדוכט, אַז די גאַס איז אַן אינזעלע אין אַ פייער־דיקן ים, און די פייער־כוואַליעס זוכן עס צו פאַרשלינגען.

שעווע, פונקט ווי די אַנדערע מענטשן האָבן נישט געוווּסט וואָס איז איבער דער שטאָט געקומען אין דעם זונטיקן פרימאָרגן. זי איז שנעל אריינגעלאָפן אין הויז, זיך אָנגעטאָן און צוזאַמענגענומען אירע זאַכן אין דער וואַליזקע מיט וועלכער זי האָט זיך געלאָזט פאָרן קיין לענינגראַד.

דער קרוב ביי וועלכן זי האָט געוואָוינט איז אַ צעשויבערטער, מיט אַן אָפן העמד און אין אַן אַלט, אָפּגעטראָגן רעקל וועלכן ער האָט אין געאייל ארויפגעוואָרפן אויף זיך — אריינגעלאָפן אין שטוב אריין. זיינע אויגן, צעפּרעסענע פון רויך האָבן געפיבערט.

— ס׳איז אַ מלחמה, — האָט ער אויסגערופן און אַ מידער געפאַלן אויפן שטול. — די דייטשן זענען אָנגעפאַלן און אצינד מאַכן זיי חרוב אונדזערע שטעט...

— וואָס טוט מען? — האָט די פרוי גענומען ברעכטן די הענט און געטוליעט די קינדער, ווי זי וואָלט זיי וועלן באַשיצן מיט איר קערפּער.

— מען מוז אָפּוואַרטן ביז ביינאַכט. — האָט דער מאַן געזאָגט — מירן דאַן צוזאַמענעמען וואָס עס לאָזט זיך, און אוועקגיין צום וואָקזאַל. מירן אוועקפאָרן אין ווייטע געביטן. אפשר וועט עס נישט לאַנג געדויערן. אונדזער ארמיי, זאָגט מען, איז גענוק שטאַרק אַ טל צו מאַכן פון דייטש.

דער טאָג האָט זיך געצויגן, ווי פון סמאָלע. וועגן עסן, האָט קיינער נישט געטראַכט. יעדער האָט נאָר געקוקט צום הימל, און שטילערהייט געבעטן, עס זאָל זיך נישט איבערחזרן.

זיי האָבן איינגעפּאַקט אין לײַלעכער וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט, און אויסמיידנדיק די ברענענדיקע חורבות, מיט זייטיקע וועגן, זיך געשאַרט ווי גייסטער דורך דער נאַכט. אין שטאָט איז געווען פינצטער, און אונטערן שויץ פון דער פינצטערניש האָבן זיך די מענטשן אריינגעפּאַקט אין די ליידיקע לאַסט־וואַגאָנען. אויפן רויט־צעגליטן האָריזאָנט האָבן די שוואַרצע סקעלעטן פון דער שטאָט אויסגעזען ווי סטראַשידלעס.

די מענטשן האָבן מיט פּאַרוויינטע אויגן א לעצטן קוק געטאָן אויף זייער שטאָט, זייערע היימען אין וועלכע זיי האָבן איבערגע־לאָזן יאָרן פּראַצע — אײדער דער צוג פירט זיי אוועק אין די אומבאַקאַנטע ווייטן.

אין א ווינקל פון וואַגאָן איז געזעסן שעווע. זי איז דאָ א פרעמדע. אין דעם מאָמענט האָט זי מער נישט געטראַכט פון לענינגראַד, פון איר היימשטאָט, פון דעם וואָס זי איז אינמיטן פון א וועלט־שריפה.

דאָס אַלץ איז געשען אזוי פּלוצלינג און אַלץ מיטאַמאָל, אז דער מוח האָט מער נישט געקענט צונויפנעמען די געשעענישן אין א סדר.

זי איז געזעסן אין ווינקל פון וואַגאָן א מידע און גלייכגיל־טיקע. ס'איז איר נישט אָנגעגאַנגען וווּאהין דער צוג וועט איר ברענגען.

וואָס מאַכט עס אויס?

דער צוג האָט א לעצטן פייף געטאָן ווי ער וואָלט אויף שטענ־דיק געזעגנט דער ברענענדיקער שטאָט און זיך מיט א סאָפּען אוועקגעלאָזט איינצונעמען די ווייטע שטחים פון גרויסן רוסלאַנד...

(סוף)

אינהאַלט

דערציילונגען

	זייט
דזשעק האַרקאַווי	9
געליבטע	22
א טשעקאַווער בחור	32
א פראַגע־צייכן	38

יוגנטלעכע בלאָנדזשענישן — ראָמאַן

צוריק אהיים	47
דאָס שטיבל ביים בראָם	59
אַכצניאָריקע	74
אין יענער נאַכט	79
ליפּע שאַפּיראָ	93
זומער־צייט	107
איבערגאַנג	117
אין יענעם ווינטער	156
ווי אויף אַן אייז־קריע	170
דער ערשטער מאַי	189
דער לעצטער אקאָרד	202